STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00996

IN YENE TEG

Pinches Welner

Permanent preservation of this book was made possible by
Joseph & Judith Pistrang
in honor of
the Gantse Mishpokhe

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פנחס ווערלנער

אין יענע טעג

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

136

רעדאַקטאָר:
מארק טורקאָוו
פארלאגס-לייטער:
אברהם מיטלבערג

די רשימה פון די דערשינענע ביכער — צום סוף פונעם בוך

פנחס וועלנער

אין יענע טעג

★

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע
בוענאָס איירעס, 1958 — תשי״ט

דרוקעריי ברידער זלאַטאָפּיאָראָ — סאַן־לויס 3149 — בוענאָס־איירעס.

אינהאַלט:

צווישן צלם און האַקנקרייץ	7
יעטע	25
קאַשמאַר	37
אין דער ראַציאַ־נאַכט	89
צווישן קברים	97
אין יענע טעג	107
היינצל	139
מלכהלע	153
אַ פּרוי דערציילט	189
די רייד פון אַ משוגענעם ייִד	209
אין די בערג פון גליל	215

צווישן האַקנקרייץ און צלם

אַ סיטואַציע

פּערזאָנען:

דוד

רבקה, זיין ווייב

חנהלע, זייער טאָכטער, 7—8 יאָר אַלט.

יאָסעלע, אַ קינד אין וויגל, 1 יאָר אַלט.

וויטשער, אַ פּויער.

דער סאָלטעס.

קאַרניק, אַ צווייטער פּויער.

קאַלינאָווראַ, אַ פּויערטע וואָס פּלעגט העלפן אין שטוב.

אַ משוגענער.

1טער דייטש } סאָלדאַטן.
2טער דייטש }

די האַנדלונג קומט פֿאָר אין אַ פּויליש דאָרף באַלד ביים אויסברוך פֿון צווייטן וועלט־קריג. אַן אָפּטיילונג פֿון דער אָפּטרעטנדיקער פּוילישער אַרמיי, האָט זיך איינגעגראָבן אין דער אַנדערער זייט פֿון דאָרף, די דייטשן באַשיסן עס. ס'הערט זיך דער עכאָ פֿון קאַנאָן שאָסן און דאָס עקספּלאָדירן פֿון גראַנאַטן. דאָס דאָרף אַנטלויפֿט. מען הערט דעם גערודער פֿון די אַנטלויפֿנדיקע מענטשן און בהמות. ס'איז אַ פֿאַרוואָלקנטער שפּעט־זומער נאָכמיטאָג. רבקה ליגט קראַנק אין בעט, חנהלע שטייט ביים פֿענצטער און קוקט אַרויס אויפֿן לאַנדוועג.

חנהלע: זיי פֿאָרן אַוועק, אַלע! די קאַרפּינסקיס און די סקאָרופּקעס זענען שוין פֿאַרבייגעפֿאָרן. איצט קומט וואיטשעך; מאַמע, זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, זעצן ס'קעלבל אַרויף אויפֿן וואָגן; ס'איז אַ קליין קעלבל, ס'גייט נאָך נישט גוט.

רבקה: חנהלע!

חנהלע: וואָס ווילסטו, מאַמע?

רבקה: רוף אַריין וואיטשעכן, ר'איז אַ גוטער גוי!

חנהלע: יאָ, טאַקע, מאַמע, כ'על אים טאַקע אַריינרופֿן (לויפֿט אַרויס)

יאָסעלע: (אין ווינקל) דאַדאַדאַ, דאַדאַדאַ, דאַדאַ דאַ, דאַ, דאַ!

(חנהלע קומט אריין מיט וואיטשעכן. ער בלייבט שטיין ביי ער טיר).

חנהלע: פּאַן וואיטשעך, די מאַמע איז קראַנק, זי קען נישט גיין, אַלע פֿאָרן אַוועק, מיר האָבן נישט קיין וואָגן, די מאַמע קען נישט גיין...

וואיטשעך: (קראַצט זיך אין נאַקן) כ'ווייס, כ'ווייס, דיין טאַטע איז געווען ביי מיר, האָט דערציילט, אָבער כ'קען נישט, דער וואָגן איז פֿול, האָב אַליין נישט קיין פּלאַץ דאָרטן, מוז אַליין גיין צופֿוס. דו ביסט אַ גוטע דזשעוווטשינקע, וועסט שוין געפֿינען אַן אַנדערן, מיט אַ גרעסערן וואָגן. דער פּאַן בוג ווייס, אַז איך קען נישט, כ'מוז גיין, די צייט שטייט נישט, און דער

געמיעץ אויך נישט. דער פאַן בוג וועט אייך העלפן, אַז איר וועט אויך קענען אַוועק (ער גייט).

רבקה (שרייט אים נאָך) פאַן וויטשעד, קאַכאַני פאַן וויטשעד!...

חנהלע: איז שוין אַוועקגעגאַנגען (גייט צוריק צום פענצטער).

יאָסעלע: דאַדאַדאַ, דאַדאַ.

רבקה: חנהלע, ס'קינד איז הונגעריק, גיב אים עפּעס, גיי, געפין אַ שטיקל ברויט.

חנהלע: ס'איז נישטאָ, דער טאַטע וועט אַוודאי ברענגען. יעצט קומען די סטאַשינסקיס. אוי ווי אַ מאַסע קי זיי האָבן און חזרים!

(דאָס שיסן ווערט פּלוצים העפּטיקער, מ'הערט אַ גיך געגיי און אַן אונטערטרייבן די בהמות).

רבקה: חנהלע, גיי אַוועק פון פענצטער!

חנהלע: כ'שטיי אין אַ זייט, כ'וויל זען ווי דער טאַטע קומט! (פויזע) אוי, מאַמע, ווי דער הימל איז רויט!

יאָסעלע: דאַדאַדאַ!

רבקה: יאָסעלע איז הונגעריק, אפשר איז ערגעץ דאָ אַ סקאָרפּע, גיב אים אין הענטל אַרייַן, ער וועט נוטשן!

חנהלע: ווי ס'וואָלט געווען אַ שרפה!

רבקה: רבונו־של־עולם, האָר פון די הימלען, וואָס וועט פון דעם דאָ ווערן, וואָס וועט פון דעם דאָ ווערן?!... געפין עפּעס פאַרן קינד.

חנהלע: (גייט צו צום בעט) מאַמע, ס'איז גאָר נישטאָ, אינדערפרי האָט מען אַלץ אויפגעגעסן. דער טאַטע וועט אַוודאי עפּעס ברענגען.

רבקה: גיי, חנהלע, שפּיל דיך אַביסל מיט יאָסעלען, וועט ער נישט וויינען.

חנהלע: כ'וויל זען ווער ס'פאָרט פאַרביי, מאַמע, — ווען קומט דער טאַטע, וועלן מיר אַוועקפאָרן?

רבקה: (זיפצט) דאָס לויפט דאָך דער טאַטע אַזוי אַרום, ער וויל קריגן אַ וואָגן. ער האָט שוין באַלד קיין כוח נישט פון אַרומלויפן. ווען כ'וואָלט געקענט זיך אויפהייבן, שטיין אויף די פיס. פונקט איצט צו זיין קראַנק, זיך נישט צו קענען רירן. רבונו־של־עולם, העלף! העלף!

יאָסעלע: דאַדאַדאַ.

חנהלע: דו גלייבסט מאַמע, אַז דער טאַטע וועט קריגן אַ וואָגן?

רבקה: יאָ, מיין קינד, ער וועט באַקומען אַ וואָגן... אַוודאי וועט ער באַקומען. מ׳קען דאָך אונדז דאָ, און אין אַלע דערפער אַרום קען מען אונדז... אַלע ווייסן, אַז איך בין קראַנק, קען זיך נישט רירן. ער וועט זיכער קריגן אַ וואָגן דער טאַטע, אוודאי וועט ער קריגן...

(דאָס שיסן ווערט ווידער העפטיקער)

גיי נישט אַהין צום פענצטער, חנהלע. ס׳קינד זאָל נאָר נישט וויינען, ס׳איז זיכער אַזוי הונגעריק.

חנהלע: כ׳על אים זויגן, וועט ער שלאָפן. (זי וויגט אים און זינגט):

„אונטער יאַסעלעס וויגעלע,
שטייט אַ גילדן ציגעלע,
ס׳ציגעלע איז געפאָרן האַנדלען,
מאַמע, ווי גייט ווייטער, כ׳געדענק נישט...

רבקה: (זאָגט פאָר און חנהלע זינגט):

ראָזשינקעס מיט מאַנדלען״.

(קאַלינאָווא קומט אַריין)

חנהלע (שרייט): מאַמע, די קאַלינאָוואָ! (לויפט איר אַקעגן) קאַלינאָוואָ!

קאַלינאָוואָ: נאָ, נאָ, שריי נישט אַזוי. כ׳על זיך דאָ נישט אויפהאַלטן, כ׳גיי פאַרביי טראַכט איך: כ׳וועל אַ קוק אַריין געבן. (גייט צו צו רבקהן): ווי גייט עס אייך, פּרוי רבקה, ווי איז מיטן געזונט?

רבקה: אַ דאַנק, קאַלינאָוואָ, אַ דאַנק, וואָס איר האָט אָפּגעטרעטן. איר ווייסט די קינדער בענקען נאָך אייך. זיי זענען אַזוי צוגעוווינט צו אייך.

קאַלינאָוואָ: כ׳בין פאַרבייגעפאָרן, קלער איך, כ׳וועל נאָר אַ קוק אַריין געבן...

רבקה: מיין מאַן מוז אַלצדינג אַליין טון... אַ ווייב מיט צוויי קינדער... ער האָט שוין באַלד קיין כוח ניט מער. ווען חנהלע וואָלט נישט אַביסל צוגעהאָלפן ווייס איך נישט ווי אַזוי...

חנהלע: איך גיב יאַסעלען צו עסן, איך וויג אים.

קאַלינאָוואָ: יאָ, חנהלע, דו ביסט שוין די ריכטיקע מוידז!

רבקה (זיפצט): און יעצט איז אַלץ אַזוי משוגע. זינט די קריג, און

די דייטשן זענען געקומען איז שווער צי קריגן אַ שטיקל ברויט; און יעצט אַנטלויפן אַלע. מיין מאַן לויפט שוין אַרום פון נעכטן אָן צו קריגן אַ וואָגן...

קאַלינאָווואַ: יאָ, איר האָט עס נישט לייכט. כ׳פאַרשטיי דאָס. כ׳קען אייך אָבער נישט העלפן. זינט די ניעמצעס זענען געקומען אין לאַנד אַריין, וויל מיינער נישט האָבן, אַז כ׳זאָל צו אייך אַריין קומען. זיי זענען יעצט אַלע קעגן אייך. זיי זאָגן, אַז יעצט וועט מען שוין פּטור ווערן פון די ייִדן. און זיי גלויבן, אַז זיי וועלן אַלע רייך ווערן פון אייער פאַרמעגן. יאָ, דאָס גלייבן זיי אַלע.

רבקה: יאַגנאַ, קאַכאַנאַ, יאַגנאַ, וואָס זאָלן מיר טאָן, ווי אַזוי זאָלן מיר זיך ראַטעווען? כ׳קען נישט שטיין אויף די פיס און כ׳האָב צוויי קליינע קינדער... יאַגנאַ! באַלד וועט שוין קיינער נישט מער זיין אין דאָרף און די דייטשן... יאַגנאַ, העלף אונדז, גיב אָן עצה. די קינדער זענען צו דיר צו־געוווינט, ראַטעווע זיי, מיינע קינדער! דו ביסט דאָך אויך אַ מאַמע, מיין מאַן לויפט שוין פון נעכטן אָן אַרום אין די דערפער. קיינער וויל נישט העלפן, קיינער נישט! (זי ליגט אויסגעשעפּט).

קאַלינאָווואַ: באַרויִקט זיך, פּאַני רבקה, איר וועט קריגן מער פיבער.

רבקה: יאַגנאַ, העלף אונדז, יאַגנאַ, דו קענסט אונדז אַלע יאָרן, די קינדער...

קאַלינאָווואַ: כ׳וואָלט גערן עפּעס געטאָן פאַר אייך, אָבער איר קענט מיין אַלטן, ער ווערט משוגע, אַז ער זעט ווּעמען פון אייערע. איר ווייסט, אַז כ׳האָב זיך שטענדיק געמוזט צו אייך אַהער כאַפּן, אַז ער זאָל נישט וויסן. ווען איך ברענג אים נישט אַביסל בראַנפן וואָלט ער מיך דערהרגעט. אַלץ וואָס כ׳האָב ביי אייך פאַרדינט איז געגאַנגען אויף שפּירט. אָבער זינט די דייטשן זענען געקומען איז שוין גאָר פון אים אוממעגלעך אויסצו־האַלטן. ער רייסט זיך כסדר אין שטאָט אַריין. ער גלייבט אַלץ צו קענען ביי אייך צונעמען אָן דעם אַז ס׳זאָל אים ווער שטערן. יאָ, אַזוי איז עס, פרוי רבקה. כ׳מוז שוין גיין. ער וואַרט אין דרויסן. די ניעמצעס האַלטן אין איין שיסן, ווי דער טייוול וואָלט אין זיי געזעסן. גאָט וועט אייך ניט פאַרלאָזן, און ווען ס׳וועט ווערן אַביסל רויִקער און מיר וועלן צוריק קומען, וועל איך אַריין קוקן.

רבקה: אַ דאַנק, קאַלינאָוואַ, איר וועט שוין אָבער קיינעם פון אונדז געפינען מער.

קאַלינאָוואַ: דאָס טאָר מען נישט זאָגן, אַ מענטש טאָר קיינמאָל נישט אַזוי רעדן. מען ווייסט קיינמאָל קיין זאַך נישט אויף זיכער.

רבקה: יאָ, יאַגנאַ, איך ווייס עס, מיין האַרץ זאָגט עס מיר.

קאַלינאָוואַ: דער פּאַן בוג וועט אייך העלפן, פּאַני רבקה (זי צלמט זיך און גייט אַהין צו יאַסעלען): נאָ, יאַסעלע (זי קיצלט אים אין בייכל; ער לאַכט הויך). דו קליינער רויבער, דו לאָבעסל, ווער האָט נאָך דיר געשיקט. האָסט נישט געקענט בלייבן ווי דו ביסט געווען? (זי קיצלט אים און ער לאַכט כסדר). יאָ, אפשר דאַרף אַזוי זיין דיין מזל. דער פּאַן בוג ווייס דאָך וואָס ער טוט. (קוקט אויפן קינד מיט רחמנות): אָך, דו יידעלע, דו קליין שיין יידעלע. (זי גייט אַרויס. פויזע. חנהלע גייט ווייטער צו צום פענצטער).

חנהלע: זיי זענען אָוועקגעפאָרן.

רבקהלע: חנהלע, גיי, זע צי ס׳קינד איז צוגעדעקט.

חנהלע: דער טאַטע גייט!

(דוד קומט אַריין. ער זעט אויס אויסגעמאַטערט און דערשלאָגן. ער בלייבט שטיין אין מיטן שטוב און רעדט ווי צו זיך אַליין)

דוד: אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך צונויפגערעדט, אַלע דאָס אייגענע, זיי קענען נישט, קיינער קען נישט. כ׳האָב פון מיר אַרויסגערעדט די נשמה. זיי האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ. יאָ, זיי ווייסן, זיי פאַרשטייען, נאָר זיי קענען נישט. כ׳האָב אויך גאָר נישט כ׳זאָל זיי קענען געבן, אַן אָרעמער ייד...

רבקה: קאַלינאָוואַ איז דאָ געווען.

דוד: אַזוי, וואָס האָט זי געוואָלט?

רבקה: זי איז פאַרבייגעפאָרן, האָט זי אַריינגעקוקט.

דוד: מער נישט?

רבקה: זי קען גאָר נישט טאָן צוליב איר אַלטן, האָט זי געזאָגט.

דוד: איר אַלטן, אַנדערע האָבן געזאָגט צוליב די יונגע. אַלע האָבן זיי עפּעס אַ תירוץ. לופּטשינסקי האָט מיך אין גאַנצן נישט דערקענט; אָנגערייצט דעם כלב אויף מיר, דעם זשידעק. דער הונט האָט מיך אָבער יאָ דערקענט. דו הערסט רבקה, דער הונט האָט מיך יאָ דערקענט. ער האָט

נישט געוווסט, וואָס ער זאָל טאָן: צי ער זאָל פּאָלגן דעם באַלעבאָס אָדער ניין. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום מיר און האָט ניט געהאַט קיין האַרץ מיך אָנצוכאַפּן.

רבקה: דוד, טראַכט נישט דערפון, דו ווייסט דאָך, דער לופּטשינסקי איז דאָך שטענדיק געווען אַ שלעכטער גוי.

דוד: זיי זענען איצט אַלע שלעכט, כ׳וואָלט דאָס אין מיין לעבן נישט געגלייבט. אָבער לאָמיר נישט אָנווערן דעם בטחון. ס׳איז דאָ אַ גרויסער גאָט אין הימל... זיי וועלן דאָך ערשט קומען בײַנאַכט, ווען אונדזערע וועלן זיך האָבן צוריק געצויגן, ביז דעמאָלט קען נאָך אַ סך מאָל זיין די ישועה.

רבקה: די קינדער זענען הונגעריק.

דוד: אָ, יאָ, כ׳האָב פֿאַרגעסן, כ׳האָב אַ ברויט פון די קאָרניצקעס; זיי האָבן אַליין גאָר נישט, האָבן זיי געזאָגט, כ׳האָב עס אָבער געקריגן.

(ער נעמט דאָס ברויט אַרויס פון טאַש, געפינט אַ מעסער און שניידט שטיקלעך)

רבקה: ניין, כ׳בין ניט הונגעריק, עס דו אַליין, דוד, ס׳איבעריקע באַהאַלט אויף מאָרגן. מאָרגן וועט מען שוין אפשר גאָר נישט קריגן.

דוד: נו, נו, ס׳איז נאָך נישט אַזוי שלעכט. מ׳עט נאָך מאָרגן אויך עפּעס קריגן, די וועלט גייט נאָך נישט אונטער!

דוד: דער סאָלטעס! איך וועל אים אַריינרופן, רבקה, כ׳על אים אַריינרופן, זאָל ער זען מיט זיינע אייגענע אויגן! (ער לויפט אַרויס).

רבקה: חנהלע, נעם דיר אַ שטיקל ברויט, גיב אויך יאָסעלען, גיב אים אין הענטל אַריין.

(חנה טוט דאָס, טראָגט אויך צו צום קינד אַ שטיקל)

חנהלע: ברויט, יאָסעלע; ניין, אין דער ריכטיקער האַנט!

(דוד קומט אַריין מיטן סאָלטעס, ער האַלט אים ביים אָרבל)

דער סאָלטעס: וואָס שלעפּסטו מיך, דאַווידקאַ, ס׳קען דיר גאָר נישט נוצן, כ׳קען דיר נישט העלפן, זע, געפין אַן אַנדערן!

דוד: פּאַן סאָלטעס...

דער סאָלטעס יאָ, דו האָסט מיר שוין דערציילט, כ׳גלייב דיר.

דוד: פּאַן סאָלטעס, וויעלמאָזשני פּאַן. כ׳האָב אייך געבעטן אַריינקומען, אַז איר זאָלט אַליין זען. מיין ווייב איז קראַנק, שוין אַזוי לאַנג, קען

זיך נישט רירן, אַלע אַנטלויפן, מיר וועלן אַליין בלייבן, ווען די דייטשן וועלן אַריינקומען... פּאַן סאַלטעס, איר קענט מיך, איר קענט מיין ווייב. מיר האָבן שוין דאָ געוווינט אַזוי פיל יאָר, געלעבט בשלום מיט אַלעמען, נישט געווען קיין שלעכט וואָרט צווישן אונדז. די פּויערים האָבן אונדז געקענט ליידן. דאַווידקאַ, האָבן זיי געזאָגט, דו ביסט אַ קלוגער ייִד, ביי דיר קען מען באַקומען אַן עצה. איך בין אויך נישט געווען קאַרג צו טאָן אַ טובה, ווען כ׳האָב נאָר געקענט... און איצט, פּאַן סאַלטעס, מיידן מיך אַלע אויס, קיינער וויל מיר נישט העלפן. פאַרוואָס? וואָס האָב איך געטאָן. מיר וועלן דאָ אומקומען, מיין ווייב, מיינע קינדער. פאַרוואָס, פּאַן סאַלטעס, פאַרוואָס?...

דער סאַלטעס: יאַ־יאָ, אוודאי האָסטו דאָ געוווינט צווישן אונדז, דאַווידקאַ, דאָס האָסטו, דאָס קען מען נישט פאַרלייקענען. אָבער קיין פּויער ביסטו נישט. דו האָסט נישט קיין ערד, נישט קיין קו, אַפילו קיין פערד און וואָגן האָסטו נישט. ניין, דאַווידקאַ, דו ביסט נישט קיין פּויער, דו ביסט אַ ייִד ווי אַלע ייִדן.

דוד: פּאַן סאַלטעס, פון דעם ביסל האַנדל וואָס איך האָב דאָ געהאַט, האָב איך מיר נישט געקענט קויפן קיין פערד און וואָגן, כ׳האָב אַלץ געשלעפּט אויף מיינע פּלייצעס. דאָס הייזל דאָ, האָב איך געקויפט פון מיין ווייבס נדן. דאָס איז אַלץ וואָס איך פאַרמאָג, נעמט עס אייך, נעמט אַלצדינג און דערבאַרימט זיך און גיט מיר אַ שטיקל פלאַץ אויפן וואָגן, נאָר פאַר מיין ווייב. איך און די קינדער וועלן נאָכגיין צופוס.

דער סאַלטעס: דו האָסט נישט, דו האָסט גאָר נישט, דאַווידקאַ. וואָס איז אַזאַ כאַטקע ווערט ווען מען שיסט (דאָס שיסן ווערט העפטיקער).

דוד: פּאַן סאַלטעס, דער הימל איז באַדעקט מיט פייער, די ערד ברענט אונטער די פיס, קיינער ווייסט נישט מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן. האָט רחמנות. מיר האָבן דאָך דעם זעלבן גאָט אין הימל, ער וואָס האָט אַלץ באַשאַפן, וואָס ווייס אַלץ, זעט אַלץ און הערט אַלץ. אין זיין הייליקן נאָמען בעט איך אייך, טוט דאָס. איך האָב גאָר נישט מיט וואָס אייך צו באַלוינען. אפשר האָט ער אייך אויסגעוויילט אַלס זיין שליח, אַזוי, אַז איר זענט גראַד דאָ פאַרבייגעפאָרן.

דער סאַלטעס: דו רעדסט גוט, דאַווידקאַ, איר ייִדן רעדט אַלע

גוט. איך האָב דיך שטענדיק גערן געהאַט צו הערן רעדן, אָבער איצט מוז איך גיין. ווי אַזוי האָסטו געזאָגט: „דער הימל איז באַדעקט מיט פייער און די ערד ברענט אונטער די פיס“. ריכטיק געזאָגט. דו מיינסט מסתמא די דייטשן. איך האָב פאַר זיי קיין מורא נישט, מיר וועלן זיי גאָרנישט טאָן, אָבער אַ גראַנאַט איז אַ בלינדע זאַך; לופקאַס הייזל האָט אָפּגעברענט, זיין קו דערהרגעט; די מענטשן האָבן זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן; ביי יאַנעקן ברענט דער שפּייכלער. יאָ, איצט מוז איך זיך איילן, אַ גראַנאַט איז אַ בלינדע זאַך (אַ פּרויען־שטימע אינדרויסן רופט: אויטשעק! אויטשעק!) נאָ, הערסט, זי שרייט שוין מיין אַלטע. דאַווידקאַ, גיי אַריבער צו קאַרניקן, מיט אים האָסטו דאָך אַזויפיל געהאַנדלט. און ווען די דייטשן וועלן קומען און דיך דאָ געפינען, קענסטו דאָך זייער לשון און רעדן קענסטו דאָך אויך!

רבקה: דודי!

דוד: דער פּאַן סאָלטעס וויים דאָך אַז די דייטשן...

דער סאָלטעס: יאָ־יאָ, כ׳ווייס, מען זאָגט... אָבער ס׳קען זיין, אַז עס איז נישט אמת. מ׳זאָגט זיכער מער ווי עס איז.

רבקה: דודי!

דוד: יאָ, פּאַן סאָלטעס, ס׳איז אמת, ס׳איז אמת, ווו זיי קומען הרגענען זיי אַיס די יידן. (די פרויען־שטימע: אויטשעק, אויטשעק!).

דער סאָלטעס: נאָ, זי שרייט שוין ווידער. דער פּאַן בוג וועט דיך נישט פאַרלאָזן דאַווידקאַ, און ווען דאָס אַלץ וועט זיין פאַרביי, קענסטו ווייטער קומען און וווינען צווישן אונדז (ער נעמט גיין, אָבער דרייט זיך אום) אַך, איר יידן, איר יידעלעך. מען האָט ערגערנישן מיט אייך. אין אַזאַ צייט האָסטו געדאַרפט זיין צווישן דיינע אייגענע, דאַווידקאַ! (ער גייט).

(אַ לאַנגע פּויזע)

דוד: יאָ, ער איז גערעכט, וואָס וויל איך דאָ, צווישן גויים, פאַרן בידנע שטיקל ברויט, מיט מיין לעבן וועל איך דערפאַר באַצאָלן, מיט מיינע... יאָ, כ׳מוז אַריבער צו קאַרניקן. קיין גוטער מענטש איז ער נישט. ער איז נישט געוווינט צו טאָן קיין טובה און אַוודאי נישט אַ יידן...

רבקה: דודי!

דוד: וואָס איז, רבקה?

רבקה: דוד, גיי נישט אין ערגעץ מער. ס׳איז בחינם. זיי װעלן אונדז נישט העלפֿן. ס׳איז שױן אױך באַלד פֿינצטער און ס׳איז שױן מסתּמא אױך קיינער פֿון זיי מער נישטאָ אין דאָרף.

דוד: כ׳װעל יאָ אַריבערגיין, קאַרניק איז נאָך דאָ, כ׳האָב אים ערשט פֿריִער געזען. װאָס קען דאָ זײַן, כ׳על פּרוּװן, כ׳על רעדן מיט אים, מען קען קיינמאָל נישט װיסן, מען טאָר נישט פֿאַרלירן דעם בטחון. װען ס׳איז הקדוש ברוך הוא װילן, קען די ישועה קומען אַפֿילו דורך קאַרניקן.

רבקה: ניין, דוד, גיי נישט, ס׳שנײַדט מיך בײַם האַרץ, װען כ׳הער װי דו רעדסט צו זיין, בעטסט זיך בײַ זיי...

דוד: ש־ש־ש! װעסט אױפֿװעקן ס׳קינד. גיי, זעץ דיך בײַ דער מאַמען, כ׳קום שױן צוריק!

חנהלע: טאַטע, קאַרניק!

דוד: קאַרניק ?זעסט מײַן װײַב, גאָט אַליין האָט אים צוגעשיקט (ער לױפֿט אַרױס).

רבקה דער הימל איז אין פֿלאַמען, די ערד ברענט אונטער די פֿיס, אָבער גרעסער איז דאָס פֿײַער אין מײַן האַרץ. אַלמעכטיקער גאָט, פֿאַרװאָס שטראָפֿסטו מיך אַזױ האַרט? מיט װאָס האָב איך זיך פֿאַר דיר פֿאַרזינדיקט? נאָר דאָס איינע מאָל, דאָס איינציקע מאָל, גיב כּוח אין מײַנע פֿיס, אַז כ׳זאָל קענען אױפֿשטיין און ראַטעװען מײַנע קינדער! (זי גיט אַ הױכן זיפֿץ)

חנהלע! (חנהלע גייט צו צום בעט): װאָס איז, מאַמע?

רבקה: חנהלע, דו און דער טאַטע און יאָסעלע, װעלן גיין אין שטאָט אַרײַן, צו דער מומע דאָבע (אַ גראַנאַט עקספּלאָדירט אין דער נאָענט, יאָסעלע כאַפּט זיך אױף מיט אַ געשריי. חנהלע לױפֿט צו און װיגט גיך ס׳װיגל): נו, נו, יאָסעלע, ס׳איז גאָר נישט, ס׳איז גאָר נישט (זי װיגט און זינגט):

„אונטער יאָסעלעס װיגעלע,
שטייט אַ גילדן..."

דוד: (קומט אַרײַן און שלעפּט קאַרניקן מיט זיך) כ׳על דיך נישט אָפּלאָזן, כ׳על דיך נישט אָפּלאָזן, קאַרניק!

קאַרניק: לאָז אָפּ, לאָמיך גיין, כ׳האָב נישט קיין צײַט!

דוד: ניין, כ׳על דיך נישט אָפּלאָזן, כ׳על נישט! דו ביסט דער לעצטער אין דאָרף, דו דאַרפֿסט, דו מוזט מיר העלפֿן, מײַן װײַב איז קראַנק,

זי קען זיך נישט האַלטן אויף די פיס, כ'האָב צוויי קליינע קינדער. דער־באַרעם דיך, דאָס דאָרף וועט צעשאָסן ווערן, די דייטשן וועלן קומען!...

קארניק: לאָז מיך אָפּ, לאָמיך גיין!

רבקה: דוד!

דוד: קארניק, שכן, דו ביסט דער לעצטער אין דאָרף, מיין לעבן און זייערס (ער ווייזט מיט דער האַנט אויפן ווייב און די קינדער) הענגט אָפּ פון דיר. זע, ווי זיי זען אויס. ווען גאָט איז דיר ליב, דערבאַרעם זיך איבער אונדז. נעם איר מיט אויף דיין וואָגן!

קארניק: וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט, דאַווידקאַ, כ'האָב דיר שוין געזאָגט וויפל מאָל, אַז איך קען נישט, כ'מוז שוין גיין. דו הערסט דאָך, וואָס עס טוט זיך אין דרויסן. ס'קען באַלד זיין צו שפּעט!

דוד (פאַרשטעלט אים דעם וועג) אין גאָטס נאָמען, דעם זעלביקן גאָט אין וועלכן מירביידע גלייבן, העלף, האָב רחמנות, געפין אַ שטיקל פּלאַץ אויפן וואָגן!

קארניק: (בייז) דו רעדסט שטענדיק מיט גאָט, לאָז ער דיר העלפן און דיר שיקן אַ וואָגן. איך קען נישט, כ'האָב נישט קיין פּלאַץ. כ'וועל מיך נישט אַרומשלעפּן מיט אַ קראַנקן!

רבקה: דוד!

דוד: קארניק, שכן, דו ביסט דער לעצטער אין דאָרף, דער איינציקער צו וועלכן איך קען מיך ווענדן. מיר קענען זיך אַזוי לאַנג, געהאַנדלט מיט איינאַנדער; דו ביסט געקומען אין מיין הויז, איך צו דיר. דו קענסט מיך, מיין ווייב, מיינע קינדער, זיי זענען דאָ געבוירן, כמעט ביי דיין טיר. די דייטשן וועלן אַריינקומען, קארניק... אַ מאַן, דער קלוגער דאַווידקע ליגט פאַר דיינע פיס, ער בעט דיך, וויינט פאַר דיר: קארניק, נעם אַלץ, נעם מיין הויז, אַלץ איז דיין... מיינע קינדער, מיין יאָסעלע, מיין חנהלע, פאַר־וואָס זאָלן זיי אומקומען, פאַרוואָס?...

קארניק: הער אויף אַזוי צו רעדן, דאַווידקאַ, פאַרליר נישט דעם מוט, אַ ייִד טוט זיך שטענדיק אַן עצה. דיין הייזל איז גאָר נישט ווערט. אויב די דייטשן וועלן עס נישט צעשיסן וועלן עס די פויערים אונטער־צינדן, אַזוי איז עס, דאַווידקאַ, דו פאַרמאָגסט גאָרנישט, דו האָסט גאָרנישט!

דוד: (אַפּהענטיק) ס׳איז אמת, כ׳האָב גאָר נישט, כ׳בין נאָר אַן אָרע־מער זשידעק. גיי, גיי מיט גאָט, קאַרניק.

קאַרניק: זיי נישט פאַרצווייפלט, דאַווידקאַ, װעסט שוין געפינען עפּעס אַן עצה (גייט).

חנהלע: (קומט צו צום פענצטער) טאַטע, וואָס איז דאָס וואָס דו האָסט געזאָגט, אומקומען?

דוד: גאָרנישט, חנהלע, גאָרנישט מיין קינד. כ׳האָב עס נאָר אַזוי געזאָגט, אַז ער זאָל פירן די מאַמע אין שטאָט אַריין! (חנהלע גייט צוריק צום פענצטער).

דוד: (צו זיך) זייער האַרץ איז פון שטיין, ווי זיי וואָלטן גאָר קיין מענטשן נישט געווען!

(פּויזע)

חנהלע: ס׳רעגנט, ס׳פאַרט שוין קיינער נישט פאַרביי, אַלע זענען שוין אַוועק. (דאָס שיסן שטאַרקט זיך ווידער).

דוד: חנהלע, גיי אַוועק פון פענצטער!

חנהלע: כ׳גיי שוין... ס׳איז פינצטער, ס׳רעגנט, ס׳איז שוין קיינער נישטאָ.

דוד: חנהלע, געפין עפּעס װעל איך פאַרהענגען ס׳פענצטער.

(חנהלע ברענגט אַ פאַטשיילע. ער פאַרהענגט דאָס פענצטער. נאָכדעם נעמט ער אַראָפּ אָנצוצינדן ס׳לעמפל, וואָס הענגט דאָרטן ביי דער זייט)

רבקה: וואָס טוט ס׳קינד?

דוד: וואַרט אַ מינוט, רבקה, כ׳װעל נאָר האָבן אָנגעצונדן ס׳לעמפּל װעל איך זען. אַ ביסל נאַפט אויפן באָדעם, וואָלט כאָטש די קנויט געווען אַ ביסל לענגער, כ׳װעל איר אַ ביסל אָפּריינקן. רבקה, ווילסט אַ שטיקל ברויט? כ׳װעל באַלד אַרויסגיין און ברענגען אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ; װעל איך דיר קאָכן אַ ביסל וואַסער!

(דרויסן איז אַ גרויסער ליאַרעם, מען הערט געלעכטערס, געשרייען און רופן: באַזשע, אַלאַ באַגאַ, יעזוס מאַריאַ. אַ מענער־שטימע צעזינגט

זיך, זי ווערט פֿאַרטויבט פֿון אַנדערע קולות: טאַנצן, לאָמיר טאַנצן! דאָס גערודער ווערט כסדר שוואַכער, אין דער טיר שטייט אַ מאַן.

(ער שלעפּט אַ טויטן הונט אויפֿן אַקסל)

דער מאַן: האַהאַהאַהאַהאַ, זשידי, מען וועט באַלד פֿון אייך קאָכן אַ זופּ!

(נעמט פּלוצים אַראָפּ דעם הונט פֿון אַקסל, וואַרפֿט אים אַריין אין שטוב, צעלאַכט זיך מיט אַ מוראדיק געלעכטער און פֿאַרשווינדט. יאָסעלע כאַפּט זיך אויף מיט אַ געשריי. דוד און חנהלע שטייען ווי פֿאַרגליווערט. דאַן לויפֿט דוד צו און שלעפּט אַרויס דעם הונט און חנהלע גייט צו צום וויגל)

חנהלע: נו, נו, יאָסעלע, ס׳איז גאָר נישט, ס׳איז גאָר נישט (זי וויגט און זינגט):

„אונטער יאָסעלעס וויגעלע,
שטייט אַ גאָלדן ציגעלע...״

דוד: (קומט אַריין) איצט וועט שוין קיינער נישט קענען אַרייַנקומען, כ׳האָב שוין פֿאַרמאַכט די טיר אין דרויסן!

רבקה: ווער איז עס געווען?

דוד: ס׳איז גאָרנישט, מ׳האָט זיי אַרויסגעלאָזט פֿון דעם אַנשטאַלט, לויפֿן זיי אַרום, אָבער כ׳האָב שוין פֿאַרמאַכט די טיר אין דרויסן! (ער פֿאַרנעמט זיך מיטן אָנצינדן ס׳לעמפּל. ס׳איז שטיל. מען הערט נאָך חנהלעס וויגן ס׳וויגל).

רבקה: דוד!

דוד: יאָ, רבקה, אָט איז עס אָנגעצונדן.

רבקה: דוד, נעם די קינדער און גיי מיט זיי אין שטאָט אַריין, צו דאָבען!

דוד: וואָס, וואָס האָסטו געזאָגט?

רבקה: נעם די קינדער און גיי אין שטאָט אַריין!

דוד: וואָס זאָגסטו, רבקה, כ׳פֿאַרשטיי נישט אַ וואָרט וואָס דו זאָגסט!

רבקה: דודל קרוין, טו מיר צוליב, כ׳בעט דיך!

דוד: וואָס רעדסטו? וואָס הייסט, כ׳וועל דיך איבערלאָזן און אַוועק־גיין, גלייבסט אַז כ׳בין משוגע געוואָרן אָדער וואָס... ווען מען וואָלט גע־קענט די קינדער אַוועקשיקן...

רבקה: ניין, נישט די קינדער אַליין, זיי זאָלן האָבן אַ טאַטן, זיי טאָרן נישט זיין קיין טאָפּלטע יתומים!

דוד: כ׳קען נישט הערן אַזעלכע רייד, וואָס עפּעס יתומים, ס׳איז נאָך דאָ אַ גרויסער גאָט אין הימל, וועסט געזונט ווערן און וועסט נאָך זיין אַ מאַמע צו דיינע קינדער!

רבקה: אייל דיך, דוד, שטיי נישט, וואַרט נישט, נעם די קינדער און גיי, זיי קענען באַלד דאָ זיין...

דוד: זיי וועלן נישט באַלד דאָ זיין, זיי וועלן ערשט קומען ביינאַכט, ווען אונדזערע וועלן זיך האָבן צוריקגעצויגן, אַזוי האָבן אַלע געזאָגט!

רבקה: מ׳ווייס נישט, קיינער ווייס נישט, זיי קענען דאָ זיין איידער מיר וועלן זיך אַרומקוקן!

(דאָס שיסן שטאַרקט זיך פּלוצים. דוד שטייט אַ ווײַלע צעטומלט, דאַן לויפט ער צו צום בעט)

דוד: מיר מוזן אַוועק, אַלע מוזן מיר אַוועק, איצט, שוין, רבקה, איך וועל דיך טראָגן, חנהלע וועט טראָגן ס׳קינד, איך וועל איר שוין העלפן. חנהלע, גיב מיר נאָר דער מאַמעס קלייד און מאַנטל, פּאַק איין יאָסעלען אין פּאַטשויל (ער רייסט אַראָפּ די פּאַטשײַלע פון פענצטער און גיט עס איר. אין דרויסן איז שטאָק־פינצטער) גיכער, חנהלע, אייל דיך, מיר מוזן שוין אַוועק פון דאַנען!

רבקה: (קרעכצט) אוי דוד, ס׳איז נישט מעגלעך, וועסט מיך נישט קע־נען טראָגן.

דוד: כ׳וועל, כ׳וועל קענען, וועסט זען, כ׳וועל קענען! (ער טוט זי אָן).

רבקה: חנהלע, פּאַק גוט איין ס׳קינד, די פּיסלעך!

דוד: רבקה, קענסט דיך נישט אַ טראָפּיטשקעלע אונטערהייבן, נאָר אַ קליין ביסעלע, וועל איך אַרונטערציִען ס׳קלייד, פּרווו, נאָר אַ קליין ביסעלע.

רבקה: דוד, כ׳קען נישט, כ׳גלייב נישט אַז איך קען. כ׳קען נישט

רירן מיט קיין אבר. וועסט מיך ניט קענען טראָגן. כ׳בין שווער ווי אַ שטיין, אַ קראַנקער איז שווער.

דוד: נו שוין, טו נישט, כ׳על שוין אַליין! (עס געלונגט אים איר אָנצו טאָן ס׳קלייד) נו, זעסט שוין; חנהלע, ווען כ׳וועל האָבן די מאַמע אויף די פּלייצעס זאָלסטו אַרויפוואַרפן דעם מאַנטל אויף איר!

חנהלע: יאָ, טאַטע, יאָסעלע איז שוין אָנגעטאָן, כ׳על אים נאָר אַרויפצי׳ען ס׳היטעלע!

רבקה: די פיסעלעך, חנהלע, פּאַק אים גוט איין!

דוד: איצט, רבקה, נעם מיך אַרום האַלדז.

רבקה: דוד, ס׳איז ניט מעגלעך, וועסט מיך ניט קענען טראָגן, צוויי מייל.

דוד: רבקה, כ׳על קענען, כ׳מוז קענען, דו האַלט מיך נאָר פעסט אַרום. יאָ, אַזוי, מירן זיך אָפּרוען אויפן וועג און מיר וועלן מיט גאָטס הילף קומען אין שטאָט אַריין, דאָרטן וועלן מיר שוין טרעפן וועמען, וואָס וועט אונדז העלפן. זעסט, אַז איך פלעכט צוזאַמען די פינגער קען איך דיך גוט אויפהייבן! (ער הייבט איר אונטער, זי גיט אַ מוראדיקן געשריי, ער לאָזט זי צוריק אַראָפּ אין בעט).

דוד: וואָס איז רבקה, וואָס איז?

רבקה: (שוואַך) ניין, אוי ניין. ס׳האָט אַזוי שרעקלעך ווײ געטאָן, ווי מען וואָלט מיר צעבראָכן יעדן ביין (זי איז אַ ווײלע שטיל) דוד, שטיי נישט, וואַרט נישט, נעם די קינדער. זיי קענען באַלד דאָ זיין... זיי קענען יעדן אויגנבליק דאָ זיין...

חנהלע: טאַטע, דו וועסט גיין מיט יאָסעלען צו דער טאַנטע דאָבע, איך וועל דאָ בלייבן ביי דער מאַמען.

רבקה: (שרייט) ניין, כ׳וויל נישט! קיינער זאָל דאָ נישט בלייבן, כ׳וויל נישט! (זי איז אויסגעמאַטערט און וויינט שוואַך) קיינער האָט ניט קיין רחמנות אויף מיר, קיינער נישט. דוד, דודל קרוין, שטיי נישט, וואַרט נישט, ס׳וועט באַלד זיין אין גאַנצן פינצטער.

דוד: (שטיקט אים אין האַלדז) רבקה...

רבקה: דוד, זאָג גאָר נישט, נעם די קינדער און גיי, צווישן ייִדן.

חנהלע: איך גיי נישט מיט!

דוד: חנהלע, די מאַמע וויל אַזוי. קום מיין קינד, אפשר וועט געשען א נס. (ער ברעכט אויס אין אַ געוויין) **ריבונו־של־עולם ווו ביסטו, ווו ביסטו, ריבונו־של־עולם?** (לויפט אַהין צום וויגל, נעמט ס׳קינד) **קום, יאָסעלע, די מאַמע וויל אַזוי** (גייט מיטן קינד צום בעט) **רבקה, פאַרליר נישט דעם בטחון, איך וועל באַלד צוריק קומען. כ׳וועל שוין געפינען וועמען וואָס וועט מיר העלפן, מיר וועלן ברענגען אַ בעטל. חנהלע, ווו ביסטו, חנהלע!**

(חנהלע שטייט ביי דער וויג. ער לויפט צו, נעמט איר אָן ביי דער האַנט און שלעפט זי מיט אַרויס פון שטוב. מען הערט אירע געשרייען: מאַמע, מאַמע!... דאָס שיסן האָט אויפגעהערט, אין שטוב איז שטיל; מען הערט נאָר רבקהס שטיל געוויין, דאָס לעמפל גייט פאַמעלעך אויס. אין פענצטער ווייזט זיך אַ קליינער אָפּשיין פון דער אויפגייענדיקער לבנה)

רבקה: פינצטער. דוד! כ׳האָב מורא! ער איז אַוועק מיט די קינדער. גיב אויף זיי אַכטונג, דוד... דער הימל איז אין פלאַמען, די ערד ברענט... ס׳איז נישטאָ וועד ס׳זאָל לעשן ס׳פייער... אַלע וועלן אומקומען אין די פלאַמען... קיינער האָט נישט קיין רחמנות... משיח קומט נישט. צו וועמען זאָל ער קומען — דוד? אוי, ס׳איז אַזוי פינצטער, זעסט, די שוואַרצע קאַץ? זי איז ביי יאָסעלען, טרייב זי אַוועק, דוד! דאַ־דאַ־דאַ... אוי, ברעד, ס׳איז דאָך קיינער נישטאָ. זיי זענען אַוועק אין שטאָט, צו ייִדן... לויף, דוד, לויף, ווייט, ווייט אַוועק, ווו ס׳איז נישטאָ קיין מענטשן... קיינער ניט... גיי נישט איבער די פעלדער, זיי זענען רויט פון בלוט... שוואַרצע ראָבן שטייען און טרינקען בלוט, ייִדיש בלוט. וואָס וויל ער, דער סאָלטעס? רבקה, דיין כלה בעט דיך, לאָז אים נישט אַריין. געדענקסט, די לבנה, דוד, איבער דער מאַמעס עפּל־סאָד? נעם אַן עפּעלע און עס, חנהלע, אַ רויט משיח־עפּעלע. ער וועט נישט קומען. ניין.... פאַרריגל די טיר... די אַנשטאַלט... זיי וועלן כאַפּן יאָסעלען... דער טאַטע טאַנצט, דער פעטער איציק טאַנצט... האָפּאַ, האָפּאַ, רבקה איז אַ שיינע כלה.. שוואַרצע ראָבן טרינקען... וואָס ווילן זיי? דוד, דו וועסט באַלד קומען, אַלע וועלן קומען... כ׳בין אַליין, האָסט מיך איבערגעלאָזן אַליין — איך האָב מורא (איר שטימע ווערט כסדר שוואַכער) זיי ווילן אונדז אויסהרגענען... פאַרוואָס ווילן זיי דאָס?... חנהלע, נעם

אין יעבע טעג

אָוועק דעם פּאַטשויל פון פענצטער, — כ'וויל זען דעם פּייער־וואָלקן; מאַמעשי, ער דאַרף קומען אויף אַ פּייער־וואָלקן... ער וועט נישט קומען... ער איז אין ירושלים, די הייליקע שטאָט, קיינער וועט נישט קומען, מאַמע, מאַמעשי!...

(לאַנגע פּויזע. — צוויי דייטשע סאָלדאַטן קומען אַריין, איינער לייכט מיט אַ טאַשן־לאָמפּ)

1טער דייטש: הירהער דאָס ליכט. ניעמאַנד דאָ. אויסגעריסן. פּער־דאַמט. ניכטס צו מאַכן! (ער געפינט אַ סידורל אויפן טיש) איין בוך, קאַנס ניכט לעזען.

2טער דייטש: האָ, שאַדע. געפלאָגן (קוקט זיך אַרום) ניכטס צו האָלען, נאַטירליך, אַלעס מיטגענאָמען.

1טער דייטש: האַלט, סיע מאַל היער, איין וויבּ!

2טער דייטש: (לאַכט) זי ליגט אין בעט.

1טער דייטש: שלאָו ווי די שלאַנגע.

2טער דייטש: נא גוט, זאָל זיין (זיי גייען צו צום בעט) זאָרא, זאַג מאַל וואָס, איסט טאָט. טאָט פון זעלבער.

1טער דייטש: פּאַרדאַמטע זאַו!

2טער דייטש: נא, גארניכט סאָ דום!

1טער דייטש: העטן היער ביסכען שפּאַס געהאַבט.

2טער דייטש: וויר פינדן שאָן וועלכע אין דער שטאָדט. זי קענען פאַר אונז ניכט פליכטען, די שווייגענהונדע.

(זיי גייען אַרויס לאַכנדיק)

יעטע

ווען יעטע האָט אויפֿגעמאַכט די אויגן האָט זי געזען, אַז די טיר פֿון דער שאַנק איז אָפֿן און די מאַמע שטייט דאָרטן און זוכט עפּעס און ווען זי איז אַפּוירגעקומען האָט זי געהאַלטן איר קלייד אין האַנט. יעטע האָט געזען, אַז די מאַמע וויינט, קוקט אויפֿן קלייד און וויינט.

— מאַמע, וואָס איז מיט מיין קלייד?

— נאָ, יעטע, ביסט אויף? כ׳האָב געמיינט, אַז דו שלאָפֿסט!

זי האָט אַוועקגעלייגט ס׳קלייד אויף אַ שטול און איז אַרויסגעגאַנגען. יעטע האָט געהערט, אַז זי איז אין קיך און זי פּוצט דאָרטן שיך. נאָכדעם איז זי צוריק אַריינגעקומען מיט אירע שיך אין האַנט און זיי אַוועק־געשטעלט אויפֿן טיש.

— מאַמע, גיי איך היינט אין קינדערגאָרטן?

— ניין, טאָכטערל, נישט היינט, היינט וועסטו אַוועקפֿאָרן.

— אַוועקפֿאָרן! — האָט זיך יעטע געפֿרייט און איז אויפֿגעשפּרונגען אויפֿן געלעגער — וווהין דאַרף איך פֿאָרן, מאַמע?

— כ׳ווייס נאָך נישט, מיין קינד, דער טאַטע וועט קומען, וועט ער זאָגן.

יעטע האָט אַזוי געוואָלט וויסן וווהין זי דאַרף פֿאָרן! זי איז געשטאַנען אויף די קני און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. — ס׳איז אַ גוט וועטער היינט, מאַמע — האָט זי געזאָגט. אָבער די מאַמע איז געשטאַנען און האָט אויף איר געקוקט און געוויינט. יעטע האָט ניט געקענט פֿאַרשטיין, פֿאַר־וואָס די מאַמע וויינט היינט אַזוי.

— מאַמע, װעסט דו נישט מיטפֿאָרן?

— ניין, טאָכטערל, איך מיטן טאַטן װעלן מיר פֿאָרן אויף אַן אַנדער אָרט.

יעטע האָט זיך אַװעקגעזעצט און געקלערט: — אויף אַן אַנדער אָרט, אויף אַן אַנדער אָרט.

— מאַמע, פֿאַרװאָס זאָלסט דו און דער טאַטע פֿאָרן אויף אַן אַנדער אָרט?

— יאָ, מיין אוצר, איך און דער טאַטע װעלן פֿאָרן אויף אַן אַנדער אָרט, און דו װעסט פֿאָרן מיטן אָנקל לאַרס.

— מיטן אָנקל לאַרס? פֿאַרװאָס מיטן אָנקל לאַרס? כ׳װיל נישט פֿאָרן מיטן אָנקל לאַרס, כ׳װיל פֿאָרן מיט דיר און מיטן טאַטן!

— יאָ, טאָכטערל, אָנקל לאַרס איז אַ גוטער אָנקל, ער ברענגט דיר שטענדיק גוטע זאַכן, ער ברענגט דיר שאָקאָלאַד. ער װעט מיט דיר אַװעקפֿאָרן אין אַן אָרט, װו עס איז דאָ אַ גרויסער גאָרטן, װו דו װעסט זיין געזיכערט!

די מאַמע האָט זי אַנגעהאַלטן ביי דער האַנט און װייטער געװיינט.

— געזיכערט — האָט יעטע נאָכגעזאָגט. — מאַמע, װאָס איז געזיכערט?

— יאָ, מיין קינד, דו װעסט זיין געזיכערט, דו װעסט זיין געשיצט!
— האָט די מאַמע װייטער געזאָגט און נאָך מער געװיינט.

יעטע האָט זיך אויפגעשטעלט און אַרומגענומען די מאַמע ביים האַלדז.

— מאַמע, װאָס װיינסטו, מאַמע?

— כ׳װיין נישט טאָכטערל, כ׳װיין נישט — האָט די מאַמע געזאָגט, און מיט דער האַנט זיך אויסגעװישט די אויגן. יעטע איז געװאָרן אומעטיק און זיי האָבן זיך ביידע לאַנג אַרומגעהאַלטן. דאַן האָט די מאַמע פֿון איר זיך פֿאַמעלעך באַפֿרייט און איז אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב. יעטע האָט זיך אַװעקגעזעצט און גענומען װיינען.

— כ׳װיל נישט פֿאָרן מיטן אָנקל לאַרס! כ׳װיל נישט פֿאָרן מיטן אָנקל לאַרס! כ׳װיל נישט זיין אין זיכערקייט!
די מאַמע איז אַריינגעקומען.

אין יענע טעג

— טאָכטערל, וואָס איז, טאָכטערל? זאָלסט נישט וויינען מיין קינד, טאָרסט נישט וויינען!

— יאָ, — האָט יעטע נישט אויפגעהערט צו כליפּען, אַז דו מעגסט, מעג איך אויך!

די מאַמע האָט זיך צוריק ביי איר אַוועקגעזעצט.

— זעסט טאָכטערל, כ׳וויין שוין נישט. — יעטע האָט זי ווידער אַרומגענומען. — אָבער פאַרוואָס האָסטו פריִער געוויינט.

— אָבער שוין, כ׳וויין שוין נישט, זעסט, כ׳פריי מיך, אַז דו וועסט זיין געזיכערט, אַז מע וועט דיר נישט קענען טאָן קיין שלעכטס. אָנקל לארס וועט דיך פירן אויף אַן אָרט, ווו קיינער וועט דיר נישט קענען טאָן קיין שלעכטס!

— און דיר, מאַמע, וויל מען נישט טאָן קיין שלעכטס? און דעם טאַטן?

— איך און דער טאַטע וועלן מיר אויך אַוועקפאָרן, אויף אַן אַנדער אָרט, ווו מען וועט אונדז אויך נישט קענען טאָן קיין שלעכטס.

די מאַמע האָט זיך אויפגעשטעלט און איז צוגעגאַנגען צום טיש, און נאָך אָביסל געפּוצט די שיך, דאַן איז זי צוגעגאַנגען צו דער שאַנק און אַרויסגענומען ס׳בלויע שלייפל.

— מאַמע, כ׳וויל זען ס׳שלייפל.

— נישט איצט, טאָכטערל, כ׳וועל דיך צוערשט אָפּוואַשן און אויפקעמען, נאָך דעם וועל איר אָנטאָן ס׳שלייפל. כ׳וועל דיך הייגט שיין אָנטאָן.

— מאַמע, כ׳וויל אָנטאָן ס׳וויסע קלייד, ס׳איז אַ שיינער טאָג, און כ׳וויל נישט פאָרן מיטן אָנקל לארס, כ׳וויל, אַז דו און דער טאַטע זאָלן מיטפאָרן!

— ניין, יעטעשי, מיר קענען נישט מיטפאָרן, ס׳איז נאָר פאַר קינדער. זי איז צוגעקומען און זי אַרומגענומען.

— וועסט זיין אַ גוט קינד, יעטעשי, וועסט פאָלגן, וואָס מען וועט דיך הייסן און וואַרטן ביז מיר וועלן צוריקקומען. מיר וועלן דיר ברענגען גוטע זאַכן. זאָג, וואָס זאָלן מיר דיר ברענגען, יעטעלע?

— אַ האָלענדער, אַזאַ ווי האַנס האָט, צו קערעוועז.

— יאָ, מיין אוצרל, מיר וועלן דיר ברענגען אַ האָלענדער, ווי האַנס האָט, צו קערעווען; מיין אוצרל, מיין קליין אוצרל!

די מאַמע האָט געלאַכט, אָבער יעטע האָט געקענט זען, אַזביים מויל איז געווען אַזוי ווי פריער, ווען זי איז געשטאַנען און געקוקט אויף איר קליידל.

ס'האָט געקלונגען אין טיר. די מאַמע איז אַרויסגעלאָפן עפענען. ס'איז געווען דער טאַטע מיטן אָנקל לארס. דער טאַטע האָט געזאָגט:

— לארס, איך געטרוי זי דיר, היט זי מיר אָפּ ווי אַן אויג אין קאָפּ; זאָלסט זי היטן!

— יאַקאָב, — האָט אָנקל לארס געענטפערט, — כ'וועל טאָן אַלץ וואָס עס וועט זיין אין מיין מאַכט.

יעטע האָט געוווּסט, אַז דאָס רעדן זיי וועגן איר. זי האָט ליב געהאַט אָנקל לארס, ער האָט איר שטענדיק געבראַכט שאָקאָלאַד און צוקערלעך. נאָר זי האָט נישט געוואָלט, אַז ער זאָל זי אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ און זי האָט נישט געוואָלט נעמען די גוטע זאַכן וואָס ער האָט מיטגע־בראַכט פאַר איר.

— יעטע, האָסט נישט ליב דעם אָנקל לארס?

— יאָ! — האָט יעטע געענטפערט און נישט געקוקט אויף אים.

— סאַראַ — האָט ער געזאָגט צו דער מאַמען — טו זי שיין אָן, זי איז היינט מיין כלה און מיר ווילן אַ ביסל אַרויספאָרן.

— איך בין האַנס כלה — האָט יעטע ברוגז געענטפערט.

די מאַמע איז אַריינגעקומען מיט אַ שיסל וואַסער: — איצט יעטעשי, וועל איך דיך אָפּוואַשן.

דער אָנקל לאַרס און דער טאַטע זענען געזעסן אין די אָנלען־שטולן און האָבן צווישן זיך שטיל גערעדט.

— לארס, דו גלייבסט, אַז אַזוי וועט עס גוט זיין? — האָט דער טאַטע געפרעגט.

— יאָ, יאַקאָב, גאַנץ באַשטימט! — האָט אָנקל לארס געענטפערט.

— זי זעט אויס אין גאַנצן ווי אַ ווייסע, ס'וועט קיינעם גאָר נישט איינ־פאַלן... און דער נאָמען זאָגט אויך גאָר נישט. ס'איז גוט, ס'איז גראָד דאָ פּלאַץ. יאָ, ס'איז זיכערער ווי דאָס אַנדערע.

דער טאַטע האָט געזיפצט:

— לאָמיר האָפן, לאַרס, זאָלסט מיט איר פאָרן דורך אַן אונטערוועג.

אין יעבע טעג

— ניין, יאַקאָב, דווקא אויף אַ הויפּט־וועג, מיט דער באַן. ס׳וועט קיינעם נישט איינפאַלן, אַ מאַן גייט מיט אַ קינד. דאָס אָרט דאָרטן ליגט אויך גאַנץ גוט, אַזוי ביי דער זייט. מען וועט זי דאָרט גוט באַהאַנדלען, כ׳האָב שוין גערעדט מיט דער פאָרשטאַנדערין, כ׳וועל אכטונג געבן, כ׳וועל פאָרן צו איר יעדע וואָך; מע וועט באַצאָלן פאַר אַ יאָר פאָרויס; ס׳וועט איר דאָרטן זיכער גוט זיין.

— וואָס איז אַ פאָרשטאַנדערין?

— דאָרטן, ווו דו וועסט קומען, מיין קינד, איז דאָ אַ גוטע דאַמע. זי הייסט אַ פאָרשטאַנדערין.

— אָ, כ׳קען זי נישט ליידן, כ׳וויל נישט האָבן קיין פאָרשטאַנדערין! זי האָט אַראָפּגעלאָזט די הענטלעך און זיך נישט געלאָזט אָנטאָן.

— טאָכטערל, ס׳איז נישטאָ קיין צייט! — האָט זיך די מאַמע ביי איר געבעטן.

זי האָט זי אַרויפגעזעצט אויפן טיש און איר געוואָלט אָנטאָן דעם שיך, אָבער יעטע האָט שטייף־געמאַכט ס׳פיסל און נישט געלאָזן.

— יעטעשי, קינדעלע מיינס, לאָז דיך אָנטאָן, לאָז! — האָט די מאַמע זיך געבעטן.

— ווען וועט איר אַוועק? — האָט אָנקל לארס געפרעגט.

— כ׳ווייס נאָך נישט, לארס — האָט דער טאַטע געענטפערט — אָבער היינט מוזן מיר אַוועק, נאָר כ׳ווייס נאָך נישט וווהין.

— מאַמע, קענסט דו און דער טאַטע נישט מיטפאָרן צו דער גוטער דאַמע?

— ניין, יעטעשי, ס׳איז נאָר פאַר קינדער. אוי, ווי דו ביזט היינט שלעכט, לאָזט זיך נישט אָנטאָן.

— זיי קענען קומען ווען עס איז? — האָט אָנקל לארס געזאָגט און די מאַמע האָט זיך דערשראָקן און אַראָפּגעלאָזן דעם שיך.

— מאַמע, ווער קען קומען ווען עס איז?

— קיינער נישט, טעכטערל, קיינער נישט, גיב ס׳פיסעלע, וועל איך דיר אָנטאָן ס׳שיכל.

אָבער יעטע האָט געוויינט, ווייל מען וויל איר נישט זאָגן, ווער עס

קען קומען ווען עס איז, און זיך נישט געלאָזט אויפקעמען; — אוי, דו רייסט מיר די האָר!

— יעטעשי, אוצרל, קינדעלע מיינס, מיר וועלן דאָך היינט נישט פאַרטיק ווערן; זיי קענען קומען יעדן אויגנבליק! — די מוטער האָט זי געקושט אין קאָפּ.

— ווער? ווער קען קומען יעדן אויגנבליק? — האָט יעטע געשריגן, און נישט אויפגעהערט צו וויינען.

אָנקל לאַרס איז צוגעקומען:

— פוי, יעטע, דו שרייסט גאָר איבער דער מאַמען? אַזאַ גרויסע מויד?

יעטע איז געווען בייז, זי האָט איצט נישט געוואָלט זיין קיין גרויסע מויד און זי האָט נישט געקענט ליידן דעם אָנקל לאַרס. די מאַמע האָט איר אָנגעטאָן ס'היטעלע. יעטע האָט געזען, אַז דער טאַטע וויל צו איר צו־גיין און זי האָט אַזוי געוואָלט, אַז ער זאָל עס טאָן. נאָר ער איז ערשט צוגעקומען, ווען זי איז שוין געגאַנגען אין די הענטשקעלעך. ער האָט זי אויפגעהויבן און זי שטאַרק צו זיך צוגעדריקט. אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט. ער האָט עפּעס אַזוי אַנדערש אויסגעזען, דער טאַטע. זי האָט פאַר אים מורא געקריגן און געוואָלט אַראָפּגיין. זי האָט געזוכט די מאַמע, אָבער די מאַמע איז נישט געווען. דער אָנקל לאַרס האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט.

— קום, יעטעלע, קום! — האָט ער כסדר געזאָגט.

ווען זיי זענען געווען אויפן גאַס, האָט זי געזען, אַז דער טאַטע און די מאַמע שטייען ביים פענצטער אונטער דער גאַרדין. האַנס איז אויפן אַנדערן טראָטואַר געפאָרן אויפן האָלענדער.

— האַנס! — האָט זי צו אים אַריבערגעשריגן. אָבער האַנס האָט זיך נישט אומגעקוקט און איז ווייטער געפאָרן.

— אָ, יעטע, דו גייסט היינט אַזוי שלעכט, ציסט דיך כסדר אויף צוריק! — האָט אָנקל לאַרס געזאָגט און געשאָקלט מיט קאָפּ — ווו האָסטו די צוקערלעך?

— כ'האָב זיי פאַרגעסן; לאָמיר צוריקגיין וועל איך זיי נעמען.

— ניין, יעטע! כ'וועל דיר קויפן אַנדערע, פיל בעסערע.

אין יעבע טעג

— די זענען גוטע, איך האָב ליב די צוקערלעך! — האָט יעטע גע־זאָגט און זיך אָפּגעשטעלט.

— קום יעטע, אויפֿן באַנהויף וועל איך דיר קויפֿן צוקערלעך און שאָקאָלאַד; אַלץ וועל איך דיר קויפֿן. אָט קומט אַ טראַמוויי, לאָמיר לויפֿן!

אין טראַמוויי האָט אָנקל לארס געזאָגט, אַז זי טאָר נישט רעדן אַזוי הויך. ס׳איז געווען, ווייל דער אַלטער מאַן אויף יענער באַנק האָט גע־האַלטן די אויגן פֿאַרמאַכט. ער האָט אַוודאי געוואָלט שלאָפֿן. אָנקל לארס האָט נישט געוווּסט ווי דער טאַטע מיט דער מאַמען וועלן פֿאָרן. — איצט, ווען דער טראַמוויי וועט זיך אָפּשטעלן, גייען מיר אַראָפּ — האָט ער געזאָגט. צוערשט האָט ער געוואָלט אַראָפּגיין פֿון פֿאָרנט, נאָר ס׳איז דאָרט ווער געשטאַנען, האָט ער זיך אויסגעדרייט און זיי זענען אַראָפּגעגאַנגען פֿון הינטן. אָנקל לארס האָט אויך נישט געוווּסט ווער עס קען קומען יעדן אויגנבליק.

— זעסט, דאָרט שטייט אַ מאַן מיט לופֿט־באַלאָנען, לאָמיר אַהין גיין וועל איך דיר קויפֿן אַ באַלאָן — האָט ער געזאָגט, און זיי זענען אַהין געלאָפֿן צום מאַן מיט די באַלאָנען. — ווילסט אַ ווייסן, אָדער אַ בלויען, יעטע?

— אַ בלויען — האָט יעטע געענטפֿערט — אַזוי ווי מיין שלייף.

— דו טראָגסט אַ שלייף? יעטע, כ׳האָב גאָר נישט געזען.

— דו האָסט אים נישט געזען, ווייל ער איז אונטערן הוט.

— ווּעסט מיר אים שפּעטער ווייזן?

— יאָ!

יעטע האָט געוואָלט אַרויסהאַלטן דעם באַלאָן פֿון פֿענצטער, אָבער אָנקל לארס האָט נישט געלאָזן. ער האָט זי אַוועקגעזעצט אין ווינקל און פֿאַרמאַכט דאָס פֿענצטער און געזאָגט, אַז זי זאָל נישט אַרויסקוקן. דער באַלאָן איז געווען אין דער הייך, אונטערן באַלקן. יעטע האָט אָפּגעלאָזן ס׳שנירל, אָבער ער איז נישט אַוועקגעפֿלויגן.

יעטע האָט נישט געקענט ליידן, וואָס אָנקל לארס פֿאַרשטעלט זי. זי קען גאָרנישט זען. זי קען נישט זען, ווער ס׳גייט פֿאַרביי.

— אָנקל לאַרס, רוק דיך אַביסל אַוועק, כ׳קען גאָרנישט זען!

— ניין יעטע, ניין! זיץ, אַזוי איז בעסער!

װען די באַן האָט אָנגעהױבן צו גײן, האָט אָנקל לאַרס זיך אױפגעשטעלט און פאַרמאַכט די טיר און פאַררוקט דאָס פאַרהענגל. דאַן האָט ער געזאָגט, אַז זי מעג שױן אַרױסקוקן פון פענצטער. די באַן האָט געמאַכט: טו־טו־דע־טו־טו! טו־טו־דע־טו־טו! און סלופּעס זענען פאַרבײ־געפלױגן, און קי זענען פאַרבײ־געפלױגן און גאַנצע פעלדער זענען פאַרבײ־געפלױגן!

— נו, יעטע, האָסט ליב צו פאָרן אױף דער באַן? — האָט אָנקל לאַרס געפרעגט.

— יאָ! — האָט יעטע געענטפערט און זיך נישט אױסגעדרײט פון פענצטער. יעטע האָט ליב געהאַט צו פאָרן אױף דער באַן. ס׳גײט אַזױ שנעל, אַ סך שנעלער, װי האַנסעס האָלענדער. און ס׳מאַכט אַזױ שײן: טו־טו־דע־טו־טו, טו־טו־דע־טו־טו; נאָר זי װאָלט בעסער געװאָלט פאָרן אין האַנסעס האָלענדער, װאָלט זי געקענט אַרײנלױפן זען, װאָס די מאַמע טוט.

די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט און זי האָט שױן װידער נישט געטאָרט אַרױסקוקן פון פענצטער. יעדעס מאָל, װען די באַן שטעלט זיך אָפּ, טאָר זי נישט אַרױסקוקן פון פענצטער, און דער אָנקל לאַרס פאַרשטעלט זי, אַז זי קאָן גאָרנישט זען.

ס׳איז געקומען אַ גרינער סאָלדאַט, אָנקל לאַרס האָט זיך צו איר נעענטער צוגערוקט. יעטע האָט געװוּסט, אַז דאָס זענען די דײַטשן; די קינדער האָבן געזאָגט, אַז דאָס זענען שרעקלעכע מענטשן און זי האָט פאַר זײ מורא געהאַט. אָנקל לאַרס האָט פאַר זײ אױך מורא.

— אָנקל לאַרס, האָסטו אױך מורא פאַר די דײַטשן.

— װאָס זאָגסטו יעטע, שװײַג! — אָנקל לאַרס איז געװען בײז, און ס׳האָט איר באַנג־געטאָן, פאַרװאָס זי האָט אים געפרעגט, צי ער האָט אױך מורא פאַר די דײַטשן. נאָר דער סאָלדאַט איז אַװעקגעגאַנגען; און װען די באַן האָט גענומען גײן, איז אָנקל לאַרס שױן נישט געװען בײז און זי האָט װידער געמעגט אַרױסקוקן פון פענצטער.

— איצט — האָט ער געזאָגט — װען דער צוג װעט זיך אָפּשטעלן, װעלן מיר אַראָפּגײן, און באַלד װי מיר װעלן קומען אױפן אָרט, װעסטו באַקומען צו עסן. ביזט הונגעריק, יעטע?

דאָס האָט אָנקל לאַרס געזאָגט פונקט אַזױ װי דער טאַטע. נאָר דער טאַטע זעט אַנדערש אױס. גאַנץ אַנדערש! זי קען גוט לײדן דעם אָנקל

לארס, נאָר זי וואָלט נישט געוואָלט, אַז ער זאָל זיין איר טאַטע. זי וויל בעסער האָבן איר אייגענעם טאַטן.

ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך אָנקל לארס אויפגעהויבן און געזאָגט: — איצט גייען מיר, יעטע! — און ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט. נאָר ער האָט באַלד צוריק אָפּגעלאָזן און איז אַליין צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַרויסגעקוקט. — גוט — האָט ער געזאָגט און האָט זי צוריק אָנגענומען ביי דער האַנט. נאָר זיי האָבן נאָך אַ ביסל געוואַרט, דאַן האָט אָנקל לארס געזאָגט: — קום, יעטע, איצט גייען מיר!

אין דרויסן איז שוין קיינער נישט געווען, אַלע מענטשן זענען שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען, נאָר איין מאַן איז נאָך דאָרט געשטאַנען. דער מאַן האָט אויף זיי געקוקט און איז זיי אַקעגנגעקומען. און ווען ער איז שוין באַלד געווען נאָענט, האָט ער אַהערגעשריגן צום אָנקל לארס:

— העיי! דו דאָרטן, דו פירסט נישט מיט דיר עפּעס אַ ייִדן־מיידל?

— וואָס פאַלט דיר איין? — האָט אָנקל לארס צוריקגעשריגן און האָט זי אַזוי פעסט צוגעדריקט די האַנט, אַז דער באַלאַן איז אַוועקגעפלויגן, נאָר זי האָט נישט געוווסט, זי האָט דאָס ערשט געזען, ווען דער באַלאַן איז שוין געווען גאַנץ הויך!

— כ'וועל דיר קויפן אַן אַנדערן; כ'וועל דיר קויפן אַן אַנדערן! — האָט אָנקל לארס שנעל געזאָגט. דער מאַן איז צוגעקומען.

— דאָס איז אַ ייִדן־מיידל! — האָט ער ווייטער געזאָגט און דער אָנקל לאַרס האָט געזאָגט אַז ניין, אַז דאָס איז זיין קינד.

— לאָמיר זען פּאַפּירן — האָט דער מאַן געזאָגט און אויסגעשטרעקט אַ האַנט. אָנקל לארס האָט געזוכט אין אַלע טאַשן, אָבער ער האָט גאָרנישט געפונען.

— קום! — האָט דער מאַן געזאָגט צו אָנקל לארס — מיר וועלן שוין דאָס אויסגעפינען.

אָנקל לארס האָט זי צוריק אָנגענומען ביי דער האנט און זיי האָבן אָנגעהויבן צו גיין. יעטע האָט ניט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס אָנקל לאַרס טאָר ניט פירן קיין ייִדן־מיידל מיט זיך און פאַרוואָס זי איז איצט זיין קינד.

אָנקל לארס איז געגאַנגען נאָענט נעבן מאַן און האָט אין אים איינגערעדט, ניין, ער האָט זיך ביי אים געבעטן. נאָר אָנקל לארס האָט גע־

רעדט אַזוי שטיל, אַז זי האָט נישט געקענט הערן, װאָס ער זאָגט. זי האָט נאָר געקענט הערן, װאָס דער מאַן האָט געזאָגט. ער האָט גערעדט הויך, מיט אַזאַ גרויס קול: — ער קען נישט, ס'איז אַ באַפעל — האָט ער געזאָגט. דערנאָך האָט ער געזאָגט: — דאָס זעלבע, װאָס מיר טוען מיט זיי אַלע!

יעטע האָט געקלערט, װאָס עס איז אַזוינס אַ באַפעל, פאַרװאָס ער קען נישט. און װאָס זיי טוען מיט זיי אַלע, האָט זי געקלערט. זי האָט געװאָלט פרעגן דעם אָנקל לארס, אָבער ער האָט איר אַ דריק־געגעבן ביי דער האַנט און זי האָט גאָרנישט געפרעגט.

זיי זענען צוגעקומען צו אַ הויז, װוּ עס איז געשטאַנען אַ גרינער סאָל־דאַט. דער סאָלדאַט האָט זיך אַװעקגערוקט און זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין הויז. דער מאַן האָט זי אַװעקגענומען פון אָנקל לארס און האָט אויפגעמאַכט אַ טיר און זי אַריינגעלאָזן אין אַ שטוב.

— זי קען דערװייל דאָ זיין — האָט ער געזאָגט, און צוגעמאַכט די טיר.

ס'זענען געװען אייזערנע שטאַנגען פאַר די פענצטער. אין דרויסן איז געשטאַנען אַ בוים. אַ פייגעלע איז געהאַנגען אויף אַ שויב, און געקלאַפּט מיט אַ פליגעלע. ס'האָט נישט געקענט פליִען, ס'פייגעלע. האַנס האָט אַמאָל געכאַפּט אַ פייגעלע, װאָס האָט נישט געקענט פליִען. זי האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל עס אָפּלאָזן, האָט ער עס אָפּגעלאָזן. אָרעם קליין פייגעלע! נאָר אָט איז עס אַװעקגעפלויגן!

— אָנקל לאַרס איז אַריינגעקומען. ער איז צו איר נאָענט צוגעגאַנגען.

— יעטע, — האָט ער געזאָגט — כ'בין זיך געקומען מיט דיר געזעגענען! — ער האָט געװאָלט לאַכן, נאָר ער האָט נישט געקענט. דאַן האָט ער געזאָגט: — דו װייסט, יעטע, אַז דו ביזט נישט געקומען אויפן ריכטיקן אָרט? יאָ, יעטע האָט געװוּסט אַז זי איז נישט געקומען אויפן ריכטיקן אָרט.

— יאָ, אָנקל לאַרס, איך װייס.

דער אָנקל לאַרס איז געװען מיד, ער האָט זיך אָנגעהאַלטן ביים טיש.

— װייז מיר דיין שלייף, יעטע — האָט ער געזאָגט.

זי האָט אויסגעטאָן ס'היטעלע. ער האָט זי אַרױפגענומען צו זיך. ער האָט איצט אויסגעזען פונקט אַזוי װי ס'האָט אויסגעזען דער טאַטע, נאָר

אין יעבע טעג

זי האָט פאַר אים נישט מורא געהאַט און נישט געוואָלט אַראָפּגיין. זי האָט אים אַרומגענומען ביים האַלדז און זיך צו אים געטוליעט.

— ניין, יעטע, ניין! — האָט אָנקל לארס געזאָגט — איך מוז שוין גיין, איך טאָר דאָ לענגער נישט בלייבן!

זי איז געשטאַנען און אים נאָכגעקוקט, ביז ער איז אַרויס פון צימער און צוויי גרויסע טרערן זענען געלעגן אויף אירע באַקן.

קאָשמאַר

בינעם האָכבערג האָט זיך געוווּנדערט, וואָס דער געשטאַפּאָ־מאַן איז היינט נישט אַזוי ווילד און משוגע ווי בעת די פריערדיקע פאַרהערן און ווי עס האָט זיך אים געדאַכט, אַפילו פריינדלעך. אַ קליין שמייכעלע האָט בסדר אַרומגעשוועבט אויף זיין פעט־פאַלדנדיק, בלאָנד פּנים. בינעם האָכבערג איז געווען צופרידן פונעם פאַרלויף פון פאַרהער וואָס האָט אים אויסגעזען, אַז ער וועט שוין זיין דער לעצטער און ער איז כמעט געווען ווי זיכער, אַז ער וועט אויספאַלן לטובת אים. ער האָט נישט געוווּסט פאַרוואָס, אָבער עס קען זיין, האָט ער געטראַכט, אַז דאָס איז דער לעצטער פאַרהער, און ער איז דאָס אַזוי פריינדלעך, ווייל ער וויל אַראָפּשלינגען דאָס, וואָס ער האָט ביי אים צוגענומען ביים אַרעסט. נו, זאָל זיין אַזוי, אַזוי, האָט ער מסכים געווען, זאָל דאָס זיין דאָס אָפּקומעניש, אַבי ער זאָל אונדז אַרויסלאָזן. בינעם האָכבערג האָט פריער נישט ריכטיק אויפגעכאַפּט, וואָס ער האָט געזאָגט. ער האָט עפּעס געזאָגט אַזוי שנעל און אַזוי פאַרבייגייענדיק, אָבער בינעם איז געווען זיכער, אַז ער האָט געברויכט דאָס וואָרט „פריילאַסן", דאָס ערשטע מאָל אין אַלע פאַרהערן. נאָר בינעם קען נישט ליידן דאָס שמייכעלע, וואָס קומט היינט אַפּויר פון זיינע האָרלאָזע אויגנדעקלעך, ווען ער הייבט אויף דעם קאָפּ פון די פּאַפּירן און קוקט אויף אים. עס ליגט עפּעס אַ גרינגשעצונג אין דעם דאָזיקן קוק, עפּעס, עפּעס אַ מין שפּיל וואָס מען שפּילט מיט אַ קינד, וואָס מען וויל זען ווי אַזוי עס וועט רעאַגירן, ווען מען וועט אַזוי אָדער אַנדערש האַנדלען. בינעם האָט געקלערט, אַז מסתּם האָט ער זיך נעכטן נישט גוט אויפגעפירט. ער

האָט זיך מסתּם בײַ אים געבעטן, געזוכט בײַ אים צו דערוועקן רחמנות. אָדער אפשר גאָר געװײנט און ער לאַכט דאָס הײנט פֿון אים, דעם ייִדעלע, וואָס האָט אַזוי מורא פֿאַרן ביסעלע לעבן. דער געדאַנק האָט אים געפּײַניקט... נאָר אַז מען איז מיט װײַב און קינדער בײַ זײ אין די הענט איז אַלץ מעגלעך. ער איז געכטן אַרומגעלאָפֿן װי אַ װילדע חיה און כּסדר איז דער נאָענט פֿון אים. עס האָט אים אויסגעוויזן, אַז אָט־אָט, כאַפּט ער אים אָן בײַם האַלדז און דערוּוערגט אים! בינעם האָט בײַ זיך אָפּגעמאַכט, אַז הײנט טאָר ער זיך נישט פֿאַרלירן, נישט אַרויסווײַזן קײן שום סימן פֿון פּחד. יאָ, אוודאי האָט ער מורא פֿאַר דעם דאָזיקן מענטשן, דאָס לעבן פֿון אים און זײַן פֿאַמיליע ליגט דאָך בײַ אים אין די הענט, אָבער ער טאָר זיך הײנט נישט פֿאַרלירן, זאָל דער שונא נישט זען, וואָס עס קומט פֿאָר בײַ אים אין האַרצן.

דער געשטאַפּאָ־מאַן האָט איצט ווידער אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און מיט דעם זעלבן גרינגשעצנדיקן חוזק־שמײכעלע ווידער געקוקט אויף בינעמען. אָבער בינעם איז איצט געשטאַנען רויק, און אים כּמעט גלײַך געקוקט אין פּנים אַרײַן. װער װײסט פֿון וואָס אַזאַ רשע קען אַלץ הנאה האָבן. האָט ער געטראַכט: זאָל ער, זאָל ער זיך אַמוזירן, אַבי ער זאָל אונדז אַרויסלאָזן. דעם געשטאַפּאָ־מאַנס האַלטונג און אויסזען האָט אים כּסדר געשטאַרקט אין דער איבערצײַגונג, אַז ער וועט זײ אַרויסלאָזן. יאָ, אַז ער האָט שוין אַפֿילו אָנגענומען אַ באַשלוס דערוועגן. און פֿאַרוואָס זאָל ער עס אײגנטלעך נישט טאָן? — האָט בינעם געקלערט, קײן פֿאַרברעכן זענען מיר דאָך נישט באַגאַנגען. מיר האָבן געוואָלט אַנטלױפֿן. נו, איז וואָס? וועלן מיר פֿאַר דער דאָזיקער עבֿירה באַצאָלן מיט אַלעם וואָס מיר האָבן געהאַט מיט זיך. זײ קענען דאָך נישט זײַן אין גאַנצן ווילד. זײ פֿאַרשטײען זיכער אַלײן אויך, אַז מיר פֿילן זיך נישט גוט אונטער זײער ממשלה. זײ קענען אונדז נישט לײַדן, נו, ווילן מיר אַוועק. דאַרף עס זײ דאָך גאָר פֿרײען.

דער געשטאַפּאָ־מאַן האָט אַוועקגערוקט די פּאַפּירן און אַרויפֿגעלײגט די הענט אויפֿן טיש. ער איז איצט געווען גאָר פֿרײַנטלעך. דאָס גאַנצע פּנים האָט בײַ אים געלאַכט.

— נאַ, ה׳ האָכבערג וואָס זאָל איך מיט אײַך מאַכן, זאָל איך אײַך טאַקע

אַרויסלאָזן? בינעם האָט גאָרנישט געענטפערט און דער געשטאַפּאָ־מאַן האָט געמיטלעך פאַרגעזעצט און ווי אויס בלויזער נייגעריקייט, געפרעגט:

— פאַרוואָס, הער האָכבערג, איז אייער זון אייגנטלעך נישט מיט־געווען ביים פישער?

בינעם האָט נישט געקאָנט לײַדן וואָס ער אירצט אים פּלוצלינג און רופט אים „הער האָכבערג". אויך זיין געמיטלעכער טאָן איז אים געווען פאַרדעכטיק. עס האָט אים אויסגעזען, ווי ער וואָלט אָנגענומען אַ נייע טאַקטיק, מיט וועלכער ער זוכט אים אַרייַנצונאַרן. אָבער ער האָט געענט־פערט רויִק און דאָס זעלביקע וואָס אויף די פריִערדיקע פאַרהערן.

— אַז מיין זון איז נישט מיטגעווען ביים פישער, איז עס געווען דערפאַר, ווייל עס איז דאָרט נישט געווען פאַר אים ווו צו שלאָפן. מיר האָבן ערשט געדאַרפט אַוועקפאָרן אין דער פרי, און ער האָט געדאַרפט קומען אויפן ציקל.

— און איר ווייסט נישט ווו ער איז?

— ניין, איך ווייס נישט ווו ער איז.

דער געשטאַפּאָ־מאַן האָט אָנגעשפּאַרט די גאָמבע אויף דער האַנט און געקוקט בינעמען גלייך אין פּנים אַריין:

— אפשר קענט איר מיר זאָגן, פאַרוואָס, אייגנטלעך, די ייִדן ווילן אַנטלויפן? איר מוזט דאָך דאָס וויסן. ייִדן זענען אָרגאַניזירט. אַלץ איז ביי זיי אויסגערעכנט, אויסגעאַרבעט פון פריִער, איר טוט דאָך קיין זאַך נישט צופעליק. אָבער דאָ באַגייט איר אַ פעלער! — האָט ער מיט באַדויערן געזאָגט.

בינעמען איז שווער געוואָרן אויפן האַרצן: ער הייבט שוין ווייטער אָן פאַרוואָס די ייִדן ווילן אַנטלויפן, און אַז זיי באַגייען אַ פעלער. אָבער ער האָט זיך געפּאַסט און תמעוואַטע געענטפערט.

— אייגנטלעך, אַזוי געזען, ווייס איך טאַקע נישט פאַרוואָס, נאָר מען האָט געזאָגט...

— מען האָט געזאָגט! — האָט אים דער געשטאַפּאָ־מאַן איבערגע־שלאָגן און איז געווען באַליידיקט — מען דאַרף נישט הערן אַלץ וואָס מען זאָגט! מיר האָבן דאָך אייך נישט געטשעפּעט. איר האָט געקאָנט האַנדלען וויפיל איר האָט געוואָלט; און איצט האָט איר אויך געקאָנט נעמען וועלכע

פּרייזן איר האָט געװאָלט... עס איז נישטאָ קיין סחורות, װאָס? אַז עס קומט אַריין אַ קונה, איז אַ ליידיק געשעפט — נישטאָ און שוין! אָבער אייער געניט אויג זעט שוין, אויב ער האָט — ער האָט צוגעקװעטשט אַן אויג און געמאַכט מיט די פינגער װי מען ציילט געלט — אויב ער האָט און איז װיליק צו באַצאָלן, דאַן שטעקט איר אַרונטער אַ האַנט אונטערן טיש און שלעפּט אַפּויר אַ שטיקל סחורה, געפעלט עס אים נישט, האָט איר נאָך איינס און נאָך איינס, ביז עס קומט אַפּויר דאָס ריכטיקע... אַבי ער װיל באַצאָלן. אונדז װעט איר נישט גענאַרן, מיר װייסן װי עס גייט צו ביי אייך. נאָ, אָבער דאָס איז נישט איצט מיין זאַך. איך װייס נאָר, אַז דאָס אַנטלויפן שאַדעט אייך, שטערט אייך אין אייערע פאַרדינסטן!...

בינעם האָט גאָר נישט געענטפערט, ער האָט נישט געװאָלט קאַליע־מאַכן דעם געשטאַפּאָ־מאַנס גוטע שטימונג פון זיין גרויסער ידען־קענטשאַפט, פון װעלכער ער איז געװען זייער באַגייסטערט. דער געשטאַפּאָ־מאַן האָט פאַררויכערט אַ ציגאַרעט און װייטער געזאָגט: — איצט װעלן מיר רעדן װעגן אייער זאַך. איך האָב אייגנטלעך בדעה אייך און אייער פאַמיליע אַרויסצולאָזן. װאָס זאָגט איר דערצו?

הגם דאָס חוזק־שמייכעלע האָט איצט װידער געשפּילט אין זיינע אויגן, האָט בינעם געזען, אַז ער מיינט עס ערנסט. ער האָט אים איצט מוחל געװען, און האָט שוין חרטה געהאַט, װאָס ער האָט פון אים כסדר געקלערט שלעכטס. עס קאָן זיין, האָט ער געטראַכט, אַז ער מוז אַזוי זיין, אַז מען פאַרלאַנגט עס פון אים. און איצט, אַז ער זעט אַ געלעגנהייט אים אַרויסצולאָזן, טוט ער עס. ער האָט אויף דעם געשטאַפּאָ־מאַן געקוקט מיט גרויסע נאַסע אויגן. — אַ דאַנק! — האָט ער קוים געקענט אַרויסברענגען. דער געשטאַפּאָ־מאַן איז געװען צופרידן. — אָבער ער האָט פאַרגעזעצט, — דערװייל װעל איך נאָר אַרויסלאָזן אייך און אייער פרוי, אייער טאָכטער מיט איר מאַן װעל איך נאָך דאָ האַלטן ביז איר װעט קומען מיט אייער זון, הערמאַן; דאַן װעל איך אייך אַלע צוזאַמען אַרויסלאָזן.

בינעם האָט געעפנט דאָס מויל, װי ער װאָלט געװאָלט עפּעס זאָגן, אָבער דער געשטאַפּאָ־מאַן האָט װייטער גערעדט.

— אויף דעם קריגט איר פיר און צװאַנציק שטונדן צייט. װעט איר דאַן נישט זיין געקומען, װעט מען דערשיסן אייער טאָכטער מיט איר מאַן!

איצט ווייסט איר עס. איר קענט זיך אַריינגיין מיט זיי געזעגענען, זיי זענען דאָ אין דערבייאיקן צימער.

בינעם האָט זיך נישט געקאָנט רירן פון אָרט, אַזוי ווי די פיס וואָלטן אים אויסגעלייידיקט געוואָרן פון כוחות. ער האָט געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט אויף גאָרנישט נישט געשטאַנען און וועט באַלד אומפאַלן און וועט בלייבן ליגן אַן אויסגעצויגענער אויף דר׳ערד. ער האָט געקוקט אויפן געשטאַפּאָ־מאַן, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געזאָגט און צו וואָס ער האָט עס געזאָגט. אָבער צום סוף האָט ער זיך צוזאַמענגענומען, און מיט אַ ציטערדיק, פאַרבלאָז קול געפרעגט:

— צו וואָס דאַרפט איר מיין זון?

דער געשטאַפּאָ־מאַן האָט אויסגעלאָשן דאָס פייער פון ציגאַרעט אין אַשבעכער: — כ׳וויל אים זען, איר מוזט האָבן אַ גאַנץ שיינעם זון — האָט ער לאַכעדיק געזאָגט און זיך אויפגעשטעלט. — אייער פאַמיליע וואַרט אויף אייך.

ער איז געגאַנגען פאַרויס. עס האָט בינעמען אויסגעזען, ווי זיין שוואַרצער רוקן פאַרנעמט די גאַנצע שטוב. פון אונטער די קורץ־געשוי־רענע, העל־רויטלעכע האָר האָט אַפּויר געקוקט אַ ווייסער גרונט ווי ביי אַ חזיר. בינעם האָט געפילט אַ שרעק און אַן עקל, ווען ער האָט געזען זיין דיקן, רויטן, ווי מיט בלוט־אָנגעזאָפּענעם קאַרק.

זיי זענען געשטאַנען אין אַ ווינקל פון צימער. דאָס היטעלע איז ביי סימען געזעסן קאָקעט אויפן שפּיץ קאָפּ און צוגעדעקט אַ האַלבן שטערן. דער מוטערס קאָפּ איז געלעגן אָנגעלענט אויף איר ברוסט. זי האָט גע־האַלטן דער מוטערס האַנט און צו איר גערעדט: — מאַמע ,וויין נישט, דו וועסט זען, ס׳וועט אַלץ נאָך גוט זיין. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אונדז אַרויסלאָזן, וועט ער אונדז אַרויסלאָזן. פאַרוואָס זאָל ער עס נישט טאָן? מיר זענען דען באַגאַנגען עפּעס אַ פאַרברעכן? אָבער די מוטער האָט נישט געקאָנט אויפהערן צו וויינען: מיין קינד, ווי אַזוי זאָל איך אַוועקגיין פון דאַנען און דיך דאָ איבערלאָזן. כ׳קען נישט. כ׳וויל אויך דאָ בלייבן. זאָג עס אים, זאָג אים, אַז איך וויל אויך דאָ בלייבן, ווען ער קען נישט אַלע־מען אַרויסלאָזן.

סימע האָט זיך ביי איר געבעטן: — ניין מאַמע, ניין. דו טאָרסט דאָ

נישט בלייבן. גיי דו אַהיים מיטן טאַטן, עס וועט אונדז גאָרנישט זיין, ד׳־וועסט זען, עס וועט אונדז גאָר נישט זיין און מיר וועלן זיכער אויך באַלד אַהיימקומען!

בינעם איז צוגעגאַנגען צו וויקטאָרן.

— וויקטאָר, צו וואָס דאַרפן זיי האָבן הערמאַנען?

— כ׳ווייס נישט, שוועד, כ׳ווייס נישט! — האָט וויקטאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ און נישט אויפגעהויבן די אויגן.

— אַז זיי האָבן אונדז שוין דאָ אַלע, צו וואָס דאַרפן זיי נאָך האָבן הערמאַנען — האָט בינעם ווייטער געפרעגט און וויקטאָר האָט ווייטער געענטפערט, אַז ער ווייסט נישט. בינעם האָט געוווסט, אַז וויקטאָר ווייסט נישט, אָבער ער האָט אין דעם אויגנבליק נישט געפונען וואָס ער זאָל צו אים זאָגן. ער איז געשטאַנען אָנגעלענט ביי דער וואַנט און האָט עפּעס אויסגעזען אַזוי איינזאַם, אַזוי פאַרלאָזן, אַז עס האָט בינעמען געשניטן ביים האַרצן. ער איז שטיין געבליבן שטיל ביי זיין זייט.

דער געשטאַפּאָ־מאַן איז אַריינגעקומען און געפרעגט צי זיי זענען שוין פאַרטיק. אַזוי איז, אַז אַ פאַמיליע האַלט זיך נישט צוזאַמען. געדענקט! — האָט ער שטרענג פאַרגעזעצט — דאָ זיין צו דער באַשטימטער צייט! — ער האָט נאָך דערמאָנט, אַז זיי זאָלן נישט פאַרגעסן צו דערציילן די ייִדן, אַז זיי האָבן נישט פאַרוואָס מורא צו האָבן, אַז מען וועט זיי נישט טשעפּען.

זיי האָבן זיך לאַנג אַרומגעדרייט ביים געשטאַפּאָ־הויז. ס׳האָט זיך זיי געדאַכט, אַז דער סאָלדאַט קוקט שוין אויף זיי קרום און וועט זיי באַלד אָוועקטרייבן. בינעם האָט אָנגענומען זיין וויב ביי דער האַנט: — קום, חנה, לאָמיר שוין אַוועקגיין פון דאַנען.

**
*

— וווּהין זאָלן מיר גיין? — האָט זי געפרעגט.

— אַהיים!

— און די קינדער? — דער פּאָליציאַנט האָט זיי געוויזן, אַז זיי גייען אַריבער קעגן רויטן ליכט. בינעם האָט זי שנעל אַרויפגעצויגן אויפן טראָ־טואַר: — מען וועט אונדז נאָך איבערפאָרן! לאָמיר נעמען אַן אויטאָ. האָסט

עפּעס געלט? זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, חנה האָט אַרומגעזוכט אין בײַטל:
— ניין, זיי האָבן אַלץ צוגענומען.

— נו, זאָל דאָס זיין דאָס אָפּקומעניש — האָט בינעם זי געטרייסט.

— יאָ, האָט חנה מסכים געווען, ווען עס זאָל נאָר זיין בלויז דאָס וואָלט שוין גוט געווען. בינעם, דו מיינסט, אַז מיר זאָלן טאַקע אַהיימגיין? וואָס וועלן מיר טאָן אין דער היים?

— יאָ, חנה, מיר מוזן איצט אַהיימגיין און קלערן וואָס צו טאָן. די צייט שטייט נישט, איידער מיר וועלן זיך אַרומקוקן... — זיי האָבן אָנגעהויבן צו גיין, אָבער חנה האָט זיך ווידער אָפּגעשטעלט.

— וואָס קענען מיר דען טאָן, בינעם ?

— כ'וויס נאָך נישט, כ'וועל אפשר צולויפן צו אונדזער אַדוואָקאַט, מיר האָבן אַ גוטן אַדוואָקאַט, טאָמער קען ער עמעצן, וואָס קען וועמען פון זיי, אפשר וועט ער אַליין אַרויפגיין, ער וועט זיכער עפּעס טאָן. גיי דו דערווייל אַהיים, חנה, איך וועל באַלד קומען.

— בינעם, איך וויל מיטגיין, כ'וועל אים בעטן, כ'וועל פאַר אים וויינען! בינעם, זיי וועלן טייטן, זיי וועלן אומברענגען אונדזערע קינדער! — זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין.

— חנה, הער אויף, אין מיטן גאַס, מענטשן שטייען און קוקן אויף אונדז!

**
*

דער אַדוואָקאַט איז געזעסן אינעם אַלטן לענשטול. אינעם זעלבן שטול און אויפן זעלבן אָרט, ווו עס איז געזעסן זיין פאָטער, דער אַלטער אויבער געריכטס אַדוואָקאַט קנודסען. פון אַלטקייט, האָט שוין דער שטול געהאַט פאַרלוירן זיין פאַרב און זיין אויסזען. אָבער דער יונגער קנודסען האָט אים נישט געוואָלט אויסבייטן אויף קיין נייעם און אַפילו נישט אויפפרישן. איז ער אַזוי, אויף דעם אָרט, שוין געשטאַנען אַ סך, אַ סך יאָרן. אין אים האָט רעגירט זיין פאָטער, און ער, זיין זון, האָט נישט געוואָלט מאַכן קיין שום פאַרענדערונגען. ער האָט געוואָלט ווייטער פירן די אַלטע אָנגעזעענע אַדוואָקאַט־פירמע אין די זעלבע וועגן און אין זעלבן גייסט וואָס דער פאָטער. דער גרויסער לענשטול איז עפּעס געווען ווי אַ סימבאָל,

אַ גאַראַנטיע, פאַר דער ערלעכקייט און סאָלידקייט פון דער פירמע. די בילדער אויף די װענט מיט די בכבודיקע באַבערדטע פּנימער האָבן אַרויס־גערופן פאַרטרױלעכקייט. עס איז געװען װי דריי סאָלידע רינגען אין אַ קייט: דער זיידע, דער זון, דאָס אייניקל. דריי דורות אויפן זעלבן פּלאַץ, ביי דער זעלבער זאַך. יאָ, אַפילו אונטער די זעלבע אומשטענדן. בינעמען האָט אויסגעזען װי עס איז נישטאָ קיין שום חילוק צװישן דעם יונגען קנודסען און זיין פאָטער: דאָס זעלבע רונדיקע פּנים, די זעלבע בלאָנד־קייט, דעם זעלבן אַביסל מעלאַנכאָלישן קוק אין די גרוי־בלויע אויגן. און פּונקט װי דער פאָטער, רעדט ער אַזױ שטיל און איידל, װעגט און מעסט יעדעס װאָרט, האָט מורא, אַז ער זאָל, חלילה, נישט צוזאָגן מער, װיפל ער װעט קענען טאָן. און פּונקט װי ביים פאָטער זענען די באַװע־גונגען נישט געאיילטע, אָפּגעמאָסטענע, װי איינער װאָס איז זיכער, אַז קיינער װעט אים גאָר נישט אַװעקכאַפּן און קיין זאַך װעט נישט פון אים אַנטלויפן.

בינעם האָט זיך דערמאָנט, אַז עס מוז שוין זיין אַ גוטע דרייסיק יאָר, װי ער איז דאָס ערשטע מאָל דאָ אַרױפגעקומען און עס האָט זיך דאָ גאָר־נישט געענדערט. אַלץ איז פּונקט אַזױ רויִק און זיכער װי דעמאָלט, פּונקט אַזױ רויִק און זיכער װי די קאַנאַלן אונטן. קיין זאַך װעט די װאַסערן נישט אַרױספירן פון זייער װעג, װעט קומען אַ שטראָם, װעט ער אַ טרייסל־געבן די אױבערפלאַך, די שטיין־װענט װעלן אים אָבער האַלטן און צום גרונט װעט ער נישט דערגרייכן. דער אַדװאָקאַט דאָ, װי די שטיין־װענט אונטן, זיצט טיף אין דער דאָזיקער ערד, אָבער ער, בינעם, קען דאָ אַרױסגעריסן װערן מיטן װאָרצל. האָט ער דאָ אַ װאָרצל? ניין. ער איז געקומען מיטן װינט און װעט אַװעק מיטן שטורעם. ער איז װי אַ פויגל אָן אַ נעסט, װי אַ הימלאָזער הונט, װאָס דערשרעקט זיך פאַר יעדן אױפגעהױבענעם שטיװול. נאָר איצט, זיצנדיק אין דעם דאָזיקן קאַנטאָר, איז ער דאָך געװען אַזױ רויִק, אַזױ זיכער, כמעט אומפאַרדאגהט; אַזױ װי דאָס דאָזיקע קאַנטאָר װאָלט געװען אָפּגעזונדערט פון דער װעלט, און אין אַן אַנדערן צייט־אַלטער; אַ שטילן, אַ פרידלעכן צייט־אַלטער. און דאָס, װאָס ער זיצט און דערציילט דאָ — װי אַ שלעכטע פאַנטאַזיע, װי אױסגעטראַכט, װאָס קיי־

נער קען נישט גלויבן דערין און קיינער פאַרשטייט נישט צו וואָס מען האָט עס אויסגעטראַכט.

חנה האָט זיך פרום צוגעהערט צו איר מאַנס קול. דאָ איז דאָס דאָ־זיקע שרעקלעכע עפּעס ווי פאַרמילדערט געוואָרן. עס האָט איר אויסגעזען ווי דער דאָזיקער מוראדיקער פלאָנטער וועט זיך באַלד אויפוויקלען. די גאַנצע צייט, וואָס בינעם האָט דערציילט, האָט זי נישט אַראָפּגעלאָזן קיין אויג פון אַדוואָקאַטס פּנים, זי האָט געוואָלט זען, וואָס פאַראַ איינדרוק זייער אומגליק מאַכט אויף אים און וואָסערע אויסזיכטן עס זענען פאַראַן, אַז ער זאָל זיי קענען העלפן. אָבער דער אַדוואָקאַט איז געזעסן פולשטענ־דיק רויק, ער האָט מיט קיין איין באַוועגונג, אָדער ריר מיטן פּנים נישט פאַראַטן וואָס ער דענקט; עס האָט איר נאָך אַ סך מאָל אויסגעזען, אַז ער הערט זיך אַפילו נישט ריכטיק צו וואָס איר מאַן דערציילט אים. אָבער ווען בינעם האָט געענדיקט, האָט זיך דער אַדוואָקאַט צו איר אויסגעדרייט און מיטליידנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ:

— די קינדער, — האָט ער געזאָגט — יאָ, די קינדער. הערמאַן, אַ פּרעכטיקער יונג. דאַכט זיך, אַ גוטער ספּאָרטלער, מען זעט זיין נאָמען אָפטמאָל אין די צייטונגען. וואָס טוט ער? אַ דעקאָראַטאָר? אַ גאַנץ גוט פאַך. עס האָט עפּעס צו טאָן מיט קונסט. ייִדן האָבן אַ נייגונג צו אַזעלכע באַשעפטיקונגען. אָבער אַלץ איינס, אַ פאַך איז אַ פאַך. אין אַן אָרנטלעכער געזעלשאַפט זענען אַלע פאַכן גלייך וויכטיק.

עס איז איינגעטרעטן פּויזע. בינעם און זיין ווייב האָט געוואַרט וואָס ער וועט ווייטער זאָגן.

— טיע — האָט דער אַדוואָקאַט אויפסניי אָנגעהויבן — וואָס קען מען דאָ אייגנטלעך טאָן? עס איז, ערלעך געזאָגט, אַ מיאוסע מעשה. ס׳ווילט זיך נישט אַזוי גערן קומען אין באַרירונג מיט זיי און קיינער האָט אייגנט־לעך אויך נישט קיין צוטריט, סיידן נאַציסטן, און זיי וועלן זיך דאָך פאַר אייך נישט אָננעמען. בקשות שרייבן, וועט דאָ גאָרנישט העלפן, דאָס קען זיך פאַרציִען, גאָט ווייסט ווי לאַנג. עס קען געדויערן ביז עס וועט ערגעץ דערגרייכן, און דאָס דאַרף געשען שוין, אָט איצט. און ווען עס זאָל שוין אַפילו געלונגען, און זיי זאָלן שוין עפּעס צוזאָגן, האָבן מיר נישט די מינדסטע זיכערקייט, אַז זיי וועלן האַלטן דעם צוזאָג, זיי האַלטן ביי קיינעם

קיין וואָרט נישט, און נאָך דערצו ביי ייִדן! נאָך אַ ווײַלע נאָכקלערן האָט ער פאַרגעזעצט.

— נאָר איין ליכטפּונקט איז דאָ יאָ פאַראַן, און דאָס איז, אַז זיי האָבן אייך אַרויסגעלאָזן; אויף דעם דאַרף מען לייגן אַ גאַנץ גרויס געוויכט.

— זיי ווילן דאָך אָבער האָבן אונדזער הערמאַנען — האָט אים חנה דערמאָנט.

— יאָ, יאָ, כ׳ווייס! דאָס מיט אײַער זון איז טאַקע אַ ביסל מיסטיש אָבער עס קען זײַן אַ בלויזער אײַנפאַל, אַ קאַפּריז. דער, וואָס האָט אייך פאַרהערט איז מסתמא אַ פּראָסטער מענטש און מיינט, אַז עס איז אַ געניאַ־לער אײַנפאַל, וואָס וועט אים פאַרשאַפן גרויס אַנזען און כבוד ביי די אַנ־דערע. אַזוי איז עס שוין, ווען אַ פּראָסטער מענטש קומט צו דער מאַכט; ווייל אויפן שכל לייגט עס זיך נישט! ווייל וואָס קענען זיי דאָ געווינען? אַרויסלאָזן צוויי כדי אַרײַנצובאַקומען איינעם? וואָס האָט ער אייך געזאָגט, אַז איר זאָלט דערציילן די ייִדן, אַז זיי האָבן זיך נישט פאַרוואָס צו שרעקן? אין דעם קען יאָ עפּעס זײַן אַ מיינונג. עס קען גאַנץ גוט געמאָלט זײַן, אַז זיי האָבן נישט קיין שלעכטע כוונות, און עס פאַרדריסט זיי וואָס איר ווילט אַנטלויפן. ווייל ווען מען זאָל זײַן גאַנץ אָביעקטיוו, האָבן זיי דאָך אייך ביז איצט נישט געטשעפּעט. אמת, די סיטואַציע האָט זיך געביטן, אָבער דאָס איז דאָך חל אויפן גאַנצן לאַנד; און אין גאַנצן זיך מיט אונדז אײַנרייסן, גלייב איך נישט, אַז זיי ווילן. דאָס קען זײַן דער מיין פון דעם, וואָס זיי ווילן זאָגן אײַערע מענטשן, אַז זיי האָבן נישט פאַרוואָס מורא צו האָבן, און ווילן דערמיט באַווייזן, אַז זיי וועלן דאָ האַנדלען אַנדערש ווי אין אַנדערע לענדער. אין אײַער פאַל האָבן זיי עס די מעגלעכקייט צו טאָן, און ווילן עס זעלבסטפאַרשטענדלעך אויסנוצן, ד״ה מיט דעם, וואָס זיי וועלן אַרײַנבאַקומען אײַער גאַנצע פאַמיליע, און אייך אַלעמען דאַן צוריק אַרויסלאָזן וועלן זיי דעמאָנסטרירן זייער גוטן ווילן, אי קעגן איבער דעם לאַנד, אי קעגן איבער אַלע אַנדערע ייִדן. אוודאי איז עס פאַר אייך זייער אַפּשרעקנדיק, אָבער דאָס איז שוין זייער אופן אַזאַ, דאָס וועט שוין קיינער נישט קענען איבערמאַכן, און דערפאַר איז עס נישט אַלעמאָל אַ באַווייז צום שלעכטן. יאָ, דאָס איז מיין אויפפאַסונג — האָט ער כמעט מיט אַי־בערצייגונג געענדיקט.

אין יעגע טעג

און בינעם האָט גאַרנישט געהאַט איינצווּוענדן קעגן דעם אויבער־געריכטס אַדוואָקאַט אויפפאַסונג, זי איז נישט געווען אומלאָגיש און האָט זיך געלייגט אויפן שכל. אָבער איינשטעלן זיין זון דערויף האָט ער נישט געקאָנט. זיין יידישער אינסטינקט, זיין יידישע דערפאַרונג האָט אים גע־זאָגט, אַז ער קען זיך נישט פאַרלאָזן אויף לאָגיק, אָדער שכל. ווען עס האַלט ביי יידן, גילט נישט קיין לאָגיק און נישט קיין שכל. דאָ ווערן אַנ־געווענדט אַנדערע מאָסן און מען דאַרף זיי מיט גאָר נישט באַגרינדן. די סיטואַציע האָט זיך טאַקע געביטן פאַרן גאַנצן לאַנד, אָבער פאַר אים האָט זי זיך געביטן אויף אַ גאַנץ אַנדערן אופן. אויב דאָס לאַנד וועט איצט זיין אונטערגעוואָרפן ווילקירלעכקייט און טעראָר, וועט עס זיך אָנהייבן מיט אים, דעם שוצלאָזן, דעם שוואַכן. פון זיין זייט דראָעט נישט קיין געפאַר, ער קען נישט שטעלן קיין ווידערשטאַנד, דאָ וועט עס זיי גאַרנישט קאָסטן. אפשר פאַרשטייט עס דער אַדוואָקאַט נישט און אפשר פאַרשטייט ער עס יאָ, נאָר ער קאָן דאָ גאָר נישט העלפן. אָבער כדי נישט צו פאַר־ענדיקן די קאָנסולטאַציע צו שנעל, אַז דער אַדוואָקאַט זאָל נישט זען, אַז ער גלייבט נישט אין זיין אויסטייטש פון דער זאַך, האָט בינעם גלאַט אַזוי געפרעגט:

— הער אויבער־געריכט־אַדוואָקאַט, און וואָס וועט זיין, אַז זיי וועלן אונדז אַריינבאַרן?

— יאָ־יאָ — האָט דער אויבער־געריכט־אַדוואָקאַט געצויגן, — וואָס קען מען דאָ זאָגן. ס'איז ווי איך האָב שוין פריִער געזאָגט, אַז מיט באַ־שטימטקייט קען מען דאָ קיין זאַך נישט וויסן, נאָר קיין שכל איז נישטאָ דעריין. און איך גלויב, אַז מען דאַרף זיי אַרויסוויזן צוטרוי. מען קען זיי אַמאָל געווינען דורכן בלויזן אַרויסווייזן צוטרוי. און ערלעך געזאָגט, קיין אַנדערע מיטלען האָבן מיר דאָך פּאַקטיש נישט!

בינעם און זיין ווייב זענען ווידער געשטאַנען אויפן גאַס. חנה האָט געוויינט.

— בינעם, ער ווייסט נישט, ער ווייסט גאָר נישט, ער איז אַ גוי. צוטרוי הייסט ער אונדז האָבן. צו וועמען זאָלן מיר האָבן צוטרוי! מיר טאָרן נישט איינשטעלן, אַלצדינג וואָלטן מיר געקאָנט איינשטעלן, נאָר ניט דאָס לעבן פון אונדזער קינד. מיר טאָרן נישט, בינעם, מיר טאָרן נישט!

— חנה, חנה! — האָט זיך בינעם ביי איר געבעטן, — באַרויִק דיך, חנה, הער אויף, לאָמיר אַהיימגיין, מיר וועלן שוין געפינען עפּעס אַן עצה. לאָמיר אויפזוכן הערמאַנען, אויב ער איז שוין נישט דערוויַיל אַליין אַרי־בער געקומען.

— הלוואי, — האָט חנה געזיפצט, הלוואי!

זיי האָבן אים געטראָפן אין דערבייִיקן געסל, ווו זיי האָבן געוווינט. ער איז געגאַנגען אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון מאַנטל, ווי עס וואָלט אים קאַלט געווען. ער האָט זיי ערשט דערזען, ווען זיי זענען שוין געווען גאָר נאָנט נעבן אים. די מוטער איז אים אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז.

— הערמאַן, מיין זון, מיין הערמאַן!

— חנה! — האָט בינעם זי געמוסרט.

— ווו איז וויקטאָר און סימאַ? — האָט הערמאַן געפרעגט.

— זיי וועלן באַלד קומען — האָט זיך דער פאָטער געאיילט צו ענט־פערן.

— לאָמיר אַרויפגיין אין שטוב אַריין. וואָס האָסטו דיך עפּעס אַרומגע־דרייט אויפן גאַס?

— כ'האָב נישט געהאַט ווו אַריינצוגיין. מען קען קיינעם נישט אין דער היים געפינען, כ'ווייס נישט ווו זיי זענען עפּעס אַלע אַהינגעקומען און ביי סווען אָגע קען איך דאָך נישט בלייבן זיצן אַ גאַנצן טאָג. ס'זעט אַזוי אידיאָטיש אויס סתם צו זיצן און זיך מורא האָבן אַ ריר צו טאָן!

זיי האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין שטוב אַזוי ווי זיי וואָלטן געהאַלטן ביים באַגיין אַ גנבה.

— דערפּאַר, מיין זון, זעסטו, מעגן מיר שוין יאָ זיין אין דער היים. מיר זענען, פאַרשטייסטו מיך, כשרע ייִדן, האָט זיך דער פאָטער געוויצלט און געזוכט אַ שטול אויף אַרויפצוגיין און אַנציִען דעם זייגער.

— ווען וועלן זיי קומען — האָט הערמאַן ווייטער געפרעגט. דער פאָטער האָט נישט געענטפערט, ער איז געווען פאַרנומען מיטן אַנציִען דעם זייגער. ער איז געשטאַנען און געדרייט דעם ווייזער און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו די קלעפּ, וואָס דער זייגער האָט אויסגעשלאָגן יעדע האַלבע און יעדע גאַנצע שעה. די מוטער איז געזעסן אין מאַנטל אויף אַ קאַנט פון

אין יענע טעג

סאַפּקעלע, אַזוי ווי זי וואָלט נאָר געקומען אויף אַ ווייל און וועט באַלד ווידער אַוועקגיין. הערמאַן איז צו איר צוגעגאַנגען.

— וואָס איז מאַמע?

— גאָר נישט הערמאַן, גאָר נישט — האָט זי געענטפערט, אויס־מיידנדיק זיין בליק.

ער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט.

— מאַמע, ווען וועלן זיי קומען?

די מוטער האָט זיך צעכליפּעט.

— זיי וועלן נישט קומען, הערמאַן, זיי וועלן נישט...

דער זייגער האָט איצט געשלאָגן און דער פאָטער האָט אויפן קול נאָכגעציילט יעדן שלאָג. הערמאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי דער מוטער. זי האָט אַראָפּגעשטופּט דאָס געוויין אין האַלדז אַריין.

— מאַמע, וואָס איז געשען, פאַרוואָס וועלן זיי נישט קומען?

— זיי וועלן נישט קומען, ווייל די דייטשן ווילן, אַז מיר זאָלן קומען מיט דיר, וועלן זיי אונדז אַלעמען צוזאַמען אַרויסלאָזן — האָט ער געזאָגט.

הערמאַן האָט זיך אויפגעשטעלט, — איז דאָס דאָס גאַנצע? וועלן מיר אַהינגיין און שוין! — די מוטער האָט אים צוריק אַראָפּגעצויגן צו זיך.

— ניין, הערמאַן, דו טאָרסט נישט מיטגיין, זיי וועלן אונדז גענאַרן, זיי ווילן דיך אויך אַריינקריגן.

בינעם איז אַרומגעגאַנגען מיטן שטול און געזוכט אַן אָרט ווו ער זאָל אים אַוועקשטעלן.

— כ׳וועל אַליין גיין, כ׳וויל נישט האָבן ס׳זאָל ווער מיטגיין. — האָט ער גערעדט מער פאַר זיך ווי צו די אַנדערע.

— ניין בינעם, דו וועסט אַליין נישט גיין! — האָט חנה אַנטשלאָסן געזאָגט און זיך אויפגעשטעלט, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך שוין געדאַרפט לאָזן אין וועג אַריין. הערמאַן האָט זיך אויך אויפגעשטעלט. — נאַטירלעך גיי איך אויך מיט!

— דו, הערמאַן, דו גייסט נישט מיט! — האָט דער פאָטער כמעט ווי געשריגן. כ׳וועל זאָגן, אַז כ׳האָב דיך נישט געקאָנט געפינען און זאָל זיין וואָס עס וויל!

חנה האָט זיך געווענדט צו איר מאַן: — בינעם, לאָמיר אים דער־

ציילן דעם גאַנצן אמת. מיר װעלן עס דאָך סוף־כּל־סוף מוזן טאָן. זעץ דיך אַװעק דאָ בײַ מיר, הערמאַן. זעסטו מײַן קינד, זײ האָבן אונדז אַרויסגעלאָזן מיט אַ תּנאַי, אַז מיר זאָלן קומען מיט דיר. ער װיל דיך זען, האָט ער געזאָגט. און, זעסטו, אויב מיר װעלן דיך נישט מיטברענגען, האָט ער געזאָגט, װעלן זײ, חלילה, דערשיסן סימען מיט װיקטאָרן. נאָר עס קען זײַן, אַז עס איז נאָר בלויז אַ דראָונג, אַז ער האָט נאָר בלויז אַזוי געזאָגט. אָבער, הערמאַן, דאָס זענען דײַטשן!

הערמאַן האָט שטום געקוקט אויף די מוטער. — יאָ, מײַן קינד, אַזוי איז עס, אַזוי איז עס! — האָט זי פֿאַרצװייפֿלט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

בינעם איז אויך צוגעקומען און זיך בײַ זײ אַװעקגעזעצט. ער האָט איצט אויסגעזען צו זײַן רוזיק, װי ער װאָלט שוין געהאַט אַריבערגעקומען דעם שװערפּונקט און ער װייסט שוין װאָס ער זאָל טאָן. ער האָט זיך באַמיט צו רעדן געװײנלעך, װי עס װאָלט געװען אַ געװיינלעכער, פּשוטער ענין, װעלכן מ׳דאַרף נאָר אויפֿקלערן, און ער װעט זיך שוין דאַן אײַנאָרדענען פֿון זיך אַליין.

— זעסטו, הערמאַן — האָט ער אָנגעהויבן — מיר מוזן זײַן קלאָר אין דער גאַנצער זאַך. מיר װעלן גאָרנישט געװינען, אויב מיר װעלן זיך זוכן צו נאַרן, אָדער פּרוּװן עפּעס צו באַהאַלטן. מיר װייסן מיט װעמען מיר האָבן צו טאָן. ס׳שפּילט פֿאַר זײ נישט קיין ראָלע צו דערהרגענען נאָך אַ ייִד; און איך װיל, אַז עס זאָל פֿון אונדז װער איבערבלײַבן. װײַל פֿאַרשטייסטו, איינס פֿון די בײדע: האָבן זײ נישט קיין שלעכטע כּװנות, װעלן זײ אַרויסלאָזן סימען מיט װיקטאָרן אַפֿילו װען איך װעל אַליין קומען; האָבן זײ יאָ שלעכטע כּװנות װעסטו כאָטש זײַן געראַטעװעט. פֿאַרװאָס זאָלן מיר אַזוי גלײַך אַרײַנגײן אין דער לאַפּקע. גלויבסט נישט, אַז עס איז ריכטיק?

— יאָ, טאַטע, אָבער זײ האָבן דאָך געזאָגט, אַז איך זאָל מיטקומען, איז בעסער, אַז איך גײ מיט, װײַל אַז נישט קען אײַער אַרויספֿגײן אַמאָל זײַן אינגאַנצן אומזיסט, איר װעט זיך דאַן אײַנשטעלן בחינם, און דאָס איז גאָר קיין חכמה נישט.

— הערמאַן — האָט דער פֿאָטער װײַטער גענומען מיט אים אײַנקנעלן, — אַזוי אײַנפֿאַך איז די זאַך נישט. צו װאָס דאַרף ער דיך זען?

אויב ער האָט נאָך נישט געזען קיין ייִדן האָט ער געהאַט געניג צייט מיך אָנצוקוקן. אָבער ער האָט שוין, ער האָט שוין! ער איז געווען אין פּוילן און איז זייערער אַ מומחה אויף אונדז. און מיט דייטשער גרינדלעכקייט האָט ער זיך אַפילו געפּרוּווט אויסלערנען רעדן ייִדיש, נאָר כ׳האָב אַ וואָרט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געזאָגט. ער האַלט זיך אַפילו פאַר אַ בקי אין תלמוד, מען קען פּלאַצן פאַר געלעכטער! אָבער אַז מען שטייט פאַר זיי, לאַכט זיך נישט. און וועגן עפּעס דערווידערן איז דאָך גאָר קיין רייד נישט. בלייבט ער תלמוד־קענער. נו, מילא, זאָל זיין אַזוי. מיר וועלן דאָס אויך איבערלעבן. וועט עס אַלזאָ אַזוי זיין, הערמאַן; דו וועסט בלייבן אין דער היים מיט דער מאַמען און איך וועל מאָרגן צוגיין. אָבער איצט וואָלט איך געוואָלט אַביסל אַרויסגיין אין גאַס. אפשר וועל איך וועמען טרעפן, זיך דורכרעדן, מ׳ווייסט נישט, טאָמער קען ווער געבן אַן עצה. ער איז שטיל געבליבן. „מיינע צוויי טייערע משכנות!" — האָט ער גע־טראַכט. אַז מען נעמט אַ מענטש און מען דערהרגעט אים, איז שוין, איז אויס, איז פאַרפאַלן. יאָ מורא, נישט מורא, איינמאָל מוז מען דאָך שטאַרבן! אָבער אַזוי, אַזוי אַריינשפּאַרן יענעם אין אַ קלעם און האַלטן די פינגער ביים גאָרגל. און וואָס דו זאָלסט נישט טאָן וועט מען דיך דערוואָרגן! זיי האָבן דיך אַרויסגעלאָזן ווייל זיי ווייסן, אַז דו וועסט צוריקקומען און אַליין אונטערשטעלן דעם האַלדז. יאָ, כ׳מוז גיין, די צייט שטייט נישט — האָט ער הויך געזאָגט.

— טאַטע, ס׳איז נישטאָ קיינער אין דער היים, ס׳איז נישטאָ מיט וועמען צו רעדן און קיינער קען אונדז נישט העלפן — האָט הערמאַן אים דערמאָנט.

— יאָ, כ׳ווייס. האָט דער פאָטער געענטפערט. — אָבער איך קען נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן. די מינוטן ציִען זיך ווי שעהן און דאָך וועלן זיי שנעל אַריבערלויפן. כ׳ווייס, אַז עס קען אונדז קיינער נישט העלפן, אָבער איך מוז גיין, איך מוז מיט וועמען רעדן, כ׳מוז רעדן מיט אַ ייִד; אַ גוט וואָרט איז אויך עפּעס ווערט און כ׳וויל אויך וועמען זען.

— יאָ, בינעם, גיי, — האָט אים חנה געהייסן, — געפין וועמען, רעד מיט וועמען. מיר זענען געבליבן אַליין אין דער וועלט, מיר זענען ווי יתומים און האָבן זיך נישט צו וועמען צו ווענדן. מיר טאַפּן אין דער פינצ־

טער און װעלן טאָן, װי עס הײסט אונדזער האַרץ. אפשר קענען אַנדערע זען עפּעס אַנדערש. מיר זענען װי פאַרמשפּט געװאָרן נישט צו װיסן װאָס צו טאָן. גײ בינעם, גײ, אָבער קום באַלד אַהײם.

בעת זײן װײב האָט גערעדט האָט בינעם געטראַכט אַז אַ באַרג הענגט איבער זײן קאָפּ. ער קען, דאַכט זיך, אַנטלױפן, אָבער ער טוט עס נישט. ער װעט אַזױ בלײבן שטײן און װאַרטן ביז ער װעט אַראָפּפאַלן; ער װעט צײלן די שעהן, צײלן די מינוטן און שטײן און װאַרטן. װען מען װאָלט אים פאַרמשפּט צו טראָגן שטײנער, שלעפּן זאַמד, דורכברעכן אַ מױער מיט די בלױזע הענט, װאָלט ער עס געטאָן. ער װאָלט געריסן מיט די פינגער, געקראַצט מיט די נעגל, געריסן מיט זײן לײב ביז בלוט, ער װאָלט דורכ־געבראָכן, ער װאָלט!... נאָר ער קען גאָרנישט טאָן, ער מוז אַרומגײן מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט און װאַרטן ביז עס װעט זיך אָנרוקן די גורל־שעה.

נאָך בינעמס אַװעקגײן זענען זײן װײב און זײן זון לאַנג געזעסן, נישט אױסרעדנדיק קײן װאָרט. אין גאַס האָבן קינדער געשפּילט אין באַלט. אײנער האָט געקלאַפּט אין מױער און זײ האָבן געצײלט. דער אַלטער שוס־טער האָט מיט עמעצן געשמועסט. אָן אױטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָבער דער מאָטאָר איז געבליבן גײן. ער איז געגאַנגען אומרעגלמעסיק, אַמאָל האָט ער זיך געאײלט און אַמאָל האָט ער זיך קױם געשלעפּט. פון דער זײט איז פּלוצים אַרײנגעקומען אַ מאַסע זון. די מוטער האָט זיך אױפגעשטעלט, איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַראָפּגעצױגן די גאַרדין.

— ס'איז גוט, װאָס דער טאַטע איז אַביסל אַװעקגעגאַנגען — האָט זי געזאָגט, ער װעט זיך עס אפשר אַ װײלע אַרױסשלאָגן פון די געדאַנקען. געפינען װעט ער גאָרנישט, װײל װאָס קען מען דען געפינען; און קײן עצה װעט אים אױך קײנער נישט קענען געבן. הערמאַן, ביסט נישט הונגעריק?

— יאָ, מאַמע, כ'האָב נאָך הײנט גאָרנישט געגעסן, כ'האָב נישט גע־קענט.

די מוטער איז אַרײנגעגאַנגען אין קיך און הערמאַן איז מיטגעגאַנגען.

— מאַמע, מיר מוזן ריזיקירן!

— נײן, הערמאַן, נישט מיט דיר, מײן קינד.

— יאָ, מאַמע, מען מוז אײנשטעלן, מען מוז אָננעמען אַ באַשלוס, ס'איז דאָך שרעקלעך אַזױ אַרומצוגײן און קלערן און קלערן!...

אין יעדן טאָג

די מוטער האָט אָנגעהויבן צו וואַשן דאָס געפּעס, וואָס איז שטיין־געבליבן אין מיטן, יענעם טאָג, ווען זיי האָבן פּלוצים באַקומען די ידיעה וועגן אַ שיפל און איליק די שטוב פאַרלאָזן. נאָר די הענט האָבן זיך איר נישט געהויבן. זיי זענען יעדעס מאָל אַראָפּגעפאַלן און געבליבן ליגן מידע אויפן קאַנט פון דער וואַש־שיסל.

— מאַמע, סימא און וויקטאָר ווייסן אויף וועלכע באַדינגונגען מען האָט אייך אַרויסגעלאָזן?

— יאָ!

— וואָס האָבן זיי געזאָגט?

— זיי האָבן גאָרנישט געזאָגט. וויקטאָר איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין אַ זייט און גאָרנישט געזאָגט.

— און וואָס האָט סימא געזאָגט?

— זי האָט זיך געמאַכט מונטער, האָט מיר געוואָלט איינרעדן, אַז זיי וועלן אויך באַלד אַהיימקומען. אָבער זי האָט נישט געגלויבט דערין. ניין, הערמאַן, זי האָט נישט געגלויבט דערין, כ'האָב אין איר געקאָנט זען, אַז זי גלייבט נישט דערין.

— האָט זי נישט געזאָגט, אַז איך זאָל אויך מיטגיין?

— ניין, הערמאַן, זי האָט נישט געזאָגט, אַז דו זאָלסט אַרויפגיין.

— אַ שאָד, וואָס איך בין נישט מיטגעווען ביים פישער — האָט הערמאַן פאַרטראַכט געזאָגט.

— ניין, מיין קינד, ס'איז נישט קיין שאָד, ס'וואָלט שוין איצט פון אונדז קיינער נישט געווען אויף דער פריי, אַזוי איז נאָך דאָ אַ האָפענונג.

— ווי אַזוי איז עס געשען, מאַמע?

— וואָס ווייס איך? צווי ביינאַכט האָט מען געהערט צופאָרן אַ וואָגן און איידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט זענען זיי שוין געווען אין שטוב; עפּעס אַזוי ווי די טיר וואָלט געשטאַנען אָפן. ס'האָט זיכער ווער געמסרט. אפשר דער פישער אַליין. דער אָנקל האָט מיטגעהאַט דאָס זילבער.

— ווו זענען זיי איצט?

— כ'ווייס נישט. נאָך דעם, ווי מען האָט אונדז אַרויפגעבראַכט אין געשטאַפּאָ־הויז, האָבן מיר זיי מער נישט געזען. דער אָנקל האָט אויסגעזען, אַז אַ שענערן נעמט מען פון דר'ערד אַרויס.

— מאַמע, כ׳בין זיי מקנא, וואָס זיי זענען געווען אַלע צוזאַמען, האָבן זיי איצט נישט דעם קאָפּדרייעניש!

— הערמאַן, האָסט געטראָפן דעם פישער אין דער היים?

— ניין, די פרוי האָט מיר דערציילט, אַז מען האָט איך ביינאַכט צוגענומען, האָב איך זיך באַלד אָפּגעטראָגן. מאַמע, איך בין הונגעריק!

— אוי יאָ, כ׳האָב פאַרגעסן. ווערסט אפשר אָראָפּגיין עפּעס אַרויפ־ברענגען? דער טאַטע ווערט אַהיימקומען וועט ער אויך דאַרפן עסן. האָסט געלט, הערמאַן?

— יאָ, וואָס דער טאַטע האָט מיר געגעבן.

ווען חנה איז געבליבן אַליין האָט זי זיך געפילט ווי נאָך אַ לוויה, ווי מען קומט אַהיים נאָכן באַגראָבן אַ נאָענטן מענטשן. מען שטייט און מען קוקט צו ווי מען לאָזט אים אַראָפּ אין קבר, מען שיט אים צו מיט ערד און שוין, מען וועט אים שוין קיינמאָל מער נישט זען. דאַן דאַכט זיך, אַז קיין זאַך האָט מער קיין זין נישט און מען וועט שוין גאָרנישט דאַרפן, מען וועט זיך נאָך אַזוי אַרום שלעפּן מיט דער דאָזיקער לאַסט, וואָס הייסט לעבן, און דאַן... סימע און וויקטאָר ווען שוין מאָרגן זיין טויטע. אירע הענט זענען ווי אָפּגעשטאָרבענע געבליבן ליגן אין וואַש־בעקן. אָבער באַלד האָט זי זיך ווייטער גענומען וואַשן די טעפּלעך, לעבן, הערמאַן מוז לעבן! און ווען ער איז אַרויפגעקומען האָט זי עס אים איבערגעגעבן ווי אַ פייער־לעכע דעקלאַראַציע.

— הערמאַן, דו מוזט לעבן!

— פאַרוואָס עפּעס איך אַליין? — האָט הערמאַן לאַכנדיק געפרעגט — מיר ווען אַלע לעבן!

בינעם האָט זיך אַריינגעשלעפּט אין שטוב, ווי ער וואָלט אויף זיך צענטנער געטראָגן. זיי האָבן אים נאָכגעפאָלגט מיט די אויגן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין די אויבערקליידער. עס האָט לאַנג געדויערט ביז ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן:

— כ׳האָב גראָד געטראָפן אַ סך ייִדן. זיי לויפן נעבעך אַרום אויף די גאַסן ווי פאַרסמטע. אַלע איילן זיי זיך. און אַז מען פרעגט זיי וווהין זיי איילן זיך דאָס אַזוי, ווייסן זיי נישט וואָס צו זאָגן. אַ סטאַדע צעשראָקענע שאָף אין אַ שטורעם! קען מען ביי זיי פרעגן עצות? קען מען פון זיי דער־

וואַרטן הילף? זיי זען אויס ווי דער חלף וואָלט זיי שוין געלעגן אויפן האַלדז. די מיט וועלכע איך האָב גערעדט, האָבן אַלע אין איין קול גע־טענהט: „ניין און ניין! נישט גיין... מען גייט נישט צוריק אינעם נעסט פון די שלאַנגען!" האָט וואַלאַך געזאָגט. דעם אַלטן הורעוויטש האָב איך גראָד יאָ געטראָפן אין דער היים. ער איז געזעסן און ווי תמיד, אַריינגע־קוקט אין אַ ספר. „אַז דו ביסט אַרויסגעקומען, בינעם, בענטש גומל" — האָט ער געזאָגט. „דיינע קינדער זענען געבליבן. יאָ, דיינע קינדער זענען געבליבן!". ער האָט עפּעס מיטאַמאָל אַזוי טרויעריק אויסגעזען, אַז איך האָב איך געמוזט טרייסטן און זאָגן, אַז עס איז נאָך דאָ אַ האָפענונג... „ס'איז גוט, אַז דו האָסט בטחון, בינעם, ווייל אַ ייד אָן בטחון איז אַ פאַר־לוירענער מענטש!". יאָ, דער אַלטער הורעוויטש האָט רעכט. אַ ייד קען נישט לעבן אָן בטחון. אַפילו אָן דעם מינדסטן אָנהאַלט אין דערווירק־לעכקייט, מוז ער האָבן בטחון. ער מוז אים באַשאַפן, ער מוז אים אויס־טראַכטן! דאָס אויסטראַכטעניש אַוועקשטעלן אין זיין געדאַנק און זאָגן: אָט דאָ, פון דאָ וועט קומען די ישועה; ס'קען טרעפן, אַז איינער וואָס טרינקט זיך און קען נישט שווימען, קען דורכן בלויזן פאַרצווייפלטן מאַכן מיט די הענט אויך אַמאָל דערגרייכן די יבשה!

חנה האָט געבעטן, אַז זיי זאָלן גיין צום טיש. הערמאַן האָט נאָך הייגט אין מויל נישט געהאַט.

ביי בינעמען אין מוח האָבן זיך געיאָגט און געראַנגלט אַלערליי מחשבות. דער אָדער אין זיין מיט גלאַט־קאָפּ, איז געווען שטייף און אָנגע־שוואָלן ביז צום פּלאַצן. די רונצלען אויפן שטערן זענען געווען אין ווילדן אויפרודער. מאַנכע מאָל זענען זיי שטיין געבליבן ווי זיי וואָלטן שוין גע־האָט עפּעס אויסגעפינען, אָבער באַלד האָבן זיי זיך צוריק געלאָזן אין וועג אַריין און ווייטער געגומען זוכן. דאָס האָט בינעם געוואָלט געפינען דעם „עפּעס" אין וועלכן ער זאָל זיך קענען אָנכאַפּן. ער איז איצט געווען דער פאַרצווייפלטער שווימער, וואָס זוכט זיך צו דערשלאָגן צו אַ ברעג, אָבער עס איז אין ערגעץ נישט געווען קיין סימן פון קיין יבשה. זיין געדאַנק האָט איבעראַל אָנגעטראָפן נעפּל. און אונטערן נעפּל האָט ער געוווּסט איז גאָרנישט, ס'איז נישטאָ, גאָרנישט, וואָס זאָל אים קענען העלפן. נאָר איין זאַך איז פאַראַן, נאָר וועגן איר האָט ער איצט קיין כוח נישט געהאַט צו

קלערן. דער קאָפּ איז אים געווען שווער און עס איז אים באַפאַלן אַזאַ אַפּאַטישע מידקייט. ער האָט זיך נישט געקאָנט האַלטן אויפן שטול. ער האָט עפּעס פּלוצים אויסגעזען אַ העלפט אַזוי גרויס און איינגעשרומפּן, און עפּעס אַזוי מאָדנע רויִק, האָט ער אויסגעזען. חנה האָט זיך דערשראָקן, ווען זי האָט אָנגעקוקט בינעמען. זי האָט נישט געקאָנט ליידן דאָס דאָזיקע שטיין־געבליבענע אומבאַוועגלעכע גלייכגילטיקע פּנים. זי האָט געגלויבט, אַז בינעם וועט נאָך עפּעס אויסגעפינען, וועט סוף־כל־סוף פאַלן אויף עפּעס אַ המצאה, וואָס וועט זיי אַרויסנעמען פון דער דאָזיקער שרעקלעכער לאַגע. הערמאַן איז צו יונג און זי קען גאָר נישט אויסקלערן, בינעם האָט שטענדיק פאַר איר געקלערט. און דאָ איז עפּעס פּלוצים אַזוי שטיל געוואָרן, אַזוי קליין געוואָרן. ער זעט אויס ווי אַ נישטדאָיִקער, טאַפּט אַרום אויפן טיש ווי אַ בלינדער. אַז זי שטופּט אים אַ שטיקל ברויט אין האַנט אַריין, לייגט ער עס מעכאַניש אין מויל, אַז זי רוקט צו אים צו דאָס טעפּל און זאָגט: „טרינק, בינעם!" — טרינקט ער. ער האַלט עס אין האַנט ווי אַ נאַכט־וואַנדלער. „דאָס איז דער טויט! דער טויט, איידער עס האָט נאָך גע־שלאָגן די שעה!". זי מוז אים אויפוועקן, זי מוז אים אַרויסנעמען פון דעם דאָזיקן צושטאַנד, זי מוז אים צוריקרופן צום לעבן; זאָל ער אָנהייבן צו טראַכטן, אויסקלערן דאָס אוממעגלעכע, געפינען דעם „עפּעס", אָן דעם וועלן מיר נישט קענען אויסהאַלטן, אַפילו נישט ביז מאָרגן. זי האָט אים אָנגערירט ביי דער האַנט און שטיל געפרעגט: בינעם, וואָס מיינסטו, בינעם?

— כ׳מיין גאָר נישט — האָט ער אַרויסגעענטפערט פון דער נישט־דאָיִקייט. און אַ ווייַלע אַרום האָט ער ווייטער געזאָגט: — מ׳קען גאָר נישט טאָן. ס׳איז נישטאָ קיין שום עצה. כ׳וועל מאָרגן אַליין אַרויפגיין, כ׳קען קיין אַנדערע זאַך נישט געפינען.

ס׳האָט חנהן ווײ־געטאָן ביים האַרץ ווען זי האָט געזען ווי איר בינעם זעט אויס, און ווי הילפלאָז ער איז. ער, וואָס האָט זיך שטענדיק געקאָנט געבן אַן עצה, האָט שטענדיק געפונען אַן אויסוועג. זי האָט צו אים שטיל גערעדט, איר קול האָט געוואַרעמט און געלויכטן אין די טיפענישן פון זיין נשמה. עס האָבן זיך אָנגעצונדן פייערן וואָס האָבן באַלויכטן לאַנג פאַרגאַנ־גענע דורות און אים פאַרבונדן מיט זיי. אירע רייד האָבן אים דערמאָנט

וואָס ער האָט געלערנט אין חדר. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיינע יינגל־יאָרן.

— כ׳וויל דיר נישט לאָזן אַליין גיין. איך בין דאָרט ווו דו ביסט. איך וויל מיטזיין זיי אַרויסצונעמען פון שונאס האַנט און זאָל עס נישט באַשערט זיין, וועל איך נעמען מיין חלק. עס זענען אַזוי גוט מיינע קינדער, ווי דיינע. ביידע וועלן מיר גיין, ביידע!

— ניין, חנה ניין! — האָט זיך בינעם געבעטן — דו טאָרסט נישט, איר מוזט אַריבער נאָך שוועדן! ער האָט זיך געפילט אַזוי מאָדנע, ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט זיך צעוויינען.

הערמאַן האָט זיך אויפגעהויבן און איז צו אים צוגעקומען.

— טאַטע, נישט מיר האָבן באַשטימט ווער עס זאָל מיטגיין און ווער נישט. ס׳קען זיין אַז יידן האָבן רעכט, אַז ס׳וועט גאָרנישט נוצן, אָבער דאָס קען מען דאָך נישט וויסן, דערפאַר מוז מען איינשטעלן, אַז מען קען נישט טאָן עפּעס אַנדערש, מוז מען אויספירן זייער פּאַרלאַנג. איך וויל נישט, אַז מיין שיקזאַל זאָל זיין אַנדערש ווי אייערער, און לאָמיר מער וועגן דעם נישט רעדן, לאָמיר אַלע אַרויפגיין מאָרגן אינדערפרי. עס קען נישט זיין ערגער ווי שלעכט.

דעם פאָטערס פּנים האָט אויפגעלויכטן. ער האָט מיט שטאָלץ און פרייד געקוקט אויף זיין זון. „הערמאַן, — האָט ער געטראַכט, — כ׳האָב גאָר נישט געוווּסט ווער דו ביסט. כ׳האָב געמיינט, אַז דו ביסט שוין אַ שוואַכער אָפּגלאַנץ פון אַ יידן. אָבער איצט זע איך, אַז דו ביסט אַ ווירדיקער נאָכקומער פון דיינע גרויסע זיידעס. זייער «שמע ישראל» ליגט דיר אין בלוט, און פונקט ווי זיי, ביסטו גרייט צו גיין אויף קידוש־השם. און אויף מיר, דיין טאַטן, איז אויסגעפאַלן דער ביטערער גורל דיך צו פירן צו דער עקדה, און אפשר מיט אייגענע אויגן צו זען ווי מען וועט דיך באַליידיקן, פייניקן און אומברענגען. ווען זיי וואָלטן זיך געוואָלט באַנוגענען מיט מיר אַליין, וואָלט איך מיט שמחה צו זיי געגאַנגען און וואָלט זיי אויסגעדריקט מיין אָנערקענונג, מיין דאַנקבאַרקייט פאַר זייער גרויסן חסד. אָבער מען ווייסט נישט, קיינער ווייסט נישט און עס איז נישטאָ צו וועמען צו רעדן און ס׳איז נישטאָ וועמען צו פרעגן, און טאָן קען מען גאָר נישט. מיר זענען פאַרמשפּט געוואָרן דאָס נישט צו וויסן, זאָגט דיין מאַמע!“

— הערמאַן — האָט ער הויך געזאָגט — איך קען נישט אָננעמען דיין קרבן. עס קען זיין, אַז דיין מיטגיין װעט העלפן און עס קען זיין, אַז עס װעט זיין װי יידן זאָגן, דאַן װעל איך אַפילו אין קבר קיין רו נישט געפינען. דיין לעבן איז דאָס איינציקע װאָס מיר האָבן נאָך, און איך װעל קיינמאָל נישט איינגיין עס איינצושטעלן. דו װייסט װי ליב מיר האָבן סימאָן און איר מאַן, װי טייער זיי זענען ביי אונדז, אָבער דער שונא האָט זיי שוין אין זיין האַנט, און איך קען גאָרנישט מאַן, גאָרנישט! הערמאַן, געפין אַ שיפל, נעם די מאַמע און אַנטלויף. זאָלן דיר דיינע דענישע חברים העלפן. װען איך װעל װיסן, אַז איר זייט אין שװעדן, װעט עס זיין פאַר מיר לייכ־טער, כמעט װי גאָרנישט. װייל דאַן װעלן מיר נישט זיין אין גאַנצן גע־שלאָגן. געװיס, װעלן מיר האָבן געהאַט גרויסע פאַרלוסטן, אָבער קיין גע־שלאָגענע װעלן מיר נישט זיין. דו װעסט עקזיסטירן, דו װעסט פאַרזעצן און אונדז געדענקען און דו װעסט דערלעבן די נקמה, זען זייער מפּלה; אָבער אַז דו װעסט מיטגיין, װעט קיינער פון אונדז נישט איבערבלייבן און מיר װעלן באַלד פאַרגעסן װערן, אַזוי װי מיר װאָלטן קיינמאָל נישט געװען.

הערמאַן האָט נישט געענטפערט אויף זיין פאָטערס רייד, און אויך נישט אויף דעם געבעט פון זיין מאַמען, אַז ער זאָל גיין אויף די װעגן װאָס זענען נאָך אָפן, אַז עס איז נאָך דאָ אַ גרויסע װעלט װוּהין ער װעט קענען אַנטרינען און קענען אַנהייבן אַ נײַ לעבן. זיי האָבן נאָך אין אים לאַנג אַרײַנגערעדט, אָבער זיי האָבן געזען, אַז ער קלערט נישט װעגן זייערע פאָרשלאָגן און זייער בעטן זיך. זיין רויק קאָנצענטרירט פּנים האָט זיי געזאָגט, אַז עס װעט אים שװער זיין איבערצורעדן. צום סוף האָט דער פאָטער פאָרגעשלאָגן, אַז ער זאָל גיין צו סװען אָגע און זאָל דאָרטן נעכ־טיקן. די מוטער האָט אונטערגעשטיצט דעם פאָרשלאָג. זיי האָבן גע־רעכנט, אַז ער װעט זיך עס דאָרטן אַרויסשלאָגן פון קאָפּ. סװען אָגע און זיינע עלטערן װעלן אים זיכער צורעדן צו אַנטלויפן, און װעלן אים אפשר אויך העלפן. און הערמאַן אַליין האָט אויך געװאָלט זען סװען אָגע, אים אַלץ דערציילן און הערן װאָס ער זאָגט. ער האָט פּונקט װי זיין טאַטע־מאַמע געװוּסט, אַז דאָ קען קיינער נישט העלפן, אָבער ער האָט געװאָלט זען סװען אָגע. ער איז אין דערפרי אַװעקגעגאַנגען און נישט געזאָגט װוּ ער גייט, זיי װעלן נישט װיסן װי ער איז אַהינגעקומען.

אין יענע טעג

ער האָט געזוכט אַ הוט. ער האָט עפּעס הייַנט נישט געקאָנט אַרויס־גייִן מיטן בלויזן קאָפּ. זייַנע פאַרעטערישע, שוואַרצע האָר וועלן פלאַטערן אין ווינט און אַלעמען אָנזאָגן, אַז דאָ גייט ער.

סווען אָגע האָט געעפנט די טיר און הערמאַן האָט אים באַלד דער־ציילט וועגן זייַן טאַטע־מאַמעס אַהיימקומען.

— נייִן! — האָט סווען אָגע געזאָגט.

— יאָ, אָבער וויקטאָרן מיט סימאָן האָבן זיי פאַרהאַלטן ביז איך וועל קומען. זיי ווילן מיך זען, האָבן זיי געזאָגט, דווקא מיך ווילן זיי זען. וואָס זאָגסטו דערצו.

— שיק זיי אַ פאָטאָגראַפיע! — האָט סווען אָגע געלאַכט.

— פון מייַן זייט גערן. אָבער זיי קענען מיט אַ פאָטאָגראַפיע נישט טאָן דאָס, וואָס זיי האָבן בדעה צו טאָן מיט מיר.

— דאָס איז שפּאַנענד! — האָט סווען אָגע געזאָגט. און נאָכדעם ווי ער האָט אַביסל נאָכגעקלערט האָט ער ווייטער געזאָגט. — אָבער הערמאַן, דו טאָרסט נישט גייִן!

זייַנע עלטערן זענען אויך אַרייַנגעקומען.

— הם. דאָס איז אַ משוגענע געשיכטע — האָט דער פאָטער אַרויס־געברומט. — אָבער איך גלייב נישט, אַז דו זאָלסט גייִן. די מוטער איז נישט געווען זיכער, אויב דאָס וועט זייַן ריכטיק געהאַנדלט, אַמאָל, קען מען זיי דאָך אַרויסראַטעווען! אַזאַ שיין פּאָרל דייַן שוועסטער מיט איר מאַן, — האָט זי מיט באַדויערן געזאָגט.

סווען אָגע האָט געקוקט אויף הערמאַנען.

— דו הערמאַן, דאָס איז אַ דילעמע, אַ שפּאַנענדע דילעמע!

— יאָ, דאָס איז עס. שפּאַנענד פאַרן גאַנצן געלט, שוין אַ ביסל צו־שפּאַנענד — האָט הערמאַן געלאַכט — אָבער קיין דילעמע איז עס אייגנט־לעך נישט, מען דאַרף אַרויפגייִן און שויִן!

סווען אָגעס פאָטער האָט געלויבט הערמאַנען פאַר זייַן מוטיקער האַל־טונג, — אָבער — האָט ער געזאָגט — עס איז נישט בלויז אַ פראַגע פון מוט, נאָר אויך אַ פראַגע פון געוויסן. די דייַטשן האָבן די קינדער אין זייער האַנט און קענען מיט זיי טאָן וואָס זיי ווילן, אויב מען וועט נישט נאָכקומען זייערע פאָדערונגען. און זיי וועלן, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, אויספירן

זייער דראָונג. די ענגלישע ראַדיאָ דערציילט דאָך, וואָס זיי טוען מיט ייִדן. אָבער ביי אונדז האָבן זיי נאָך דערווייל קיין ייִדן נישט געטשעפּעט. איז, אַלזאָ, פֿאַראַן די מעגלעכקייט, אַז זיי זאָלן האַלטן זייער צוזאָג וואָס נוגע די צוויי יונגע מענטשן.

סוועט אָגע איז נישט געווען אייניק מיטן פֿאָטער — עס איז אין דער זאַך נישטאָ די מינדסטע זיכערקייט, און געוויסן דאַרף מען קודם־כּל האָבן פֿאַר זיך אַליין; דאָס איז דאָס רעכט פֿאַר יעדן אינדיווידיום — האָט ער געטענהט. אַנדערש וואָלט געווען, ווען הערמאַן קען אויפנעמען אַ קאַמף, אַנפֿאַלן מיט וואָפֿן אין די הענט און באַפֿרייען זיינע קרובים; דאָס וואָלט נאַטירלעך אויך געווען אַ ריזיקע, אָבער די מעגלעכקייט פֿון דערפֿאָלג וואָלט דאַן נישט געווען אין גאַנצן אויסגעשלאָסן, עס וואָלט יעדנפֿאַלס געלוינט איינצושטעלן. אָבער די ייִדן זענען נישט אָרגאַניזירט און קענען נישט שטעלן קיין ווידערשטאַנד; דערפֿאַר איז עס נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ דילעמע און עס וועט זיין שווער צו אַנטשיידן!

— וואָס וואָלסטו אַ שטייגער געטאָן אויף הערמאַנס אָרט? — האָט די מוטער פּלוצים געפֿרעגט.

סוועט אָגע האָט נישט געוווסט וואָס צו ענטפֿערן אויף זיין מאַמעס אומגעריכטער פֿראַגע און הערמאַן האָט אים אַרויסגעהאָלפֿן:

— יאָ, ווען סוועט אָגע וואָלט געווען אויף מיין אָרט, וואָלט ער דאָך געווען אַ ייִד, דאַן וואָלט ער פּונקט אַזוי ווי איך נישט געוווסט וואָס צו טאָן; און אפשר וואָלט ער פּונקט אַזוי ווי איך, יאָ געוווסט. אָבער מען קען קיינמאָל נישט וויסן אויף פֿאָרויס וואָס מען וואָלט געוווסט אָדער נישט געוווסט. מען איז ווי אַ באַלעם אויף אַ פֿוטבאָל־פֿעלד: מען ווערט געוואָרפֿן פֿון אַלע זייטן, דער שטויסט אים אַהין און דער אַנדערער — צוריק, אָבער ער קומט סוף־כּל־סוף אין נעץ אַריין...

זיי האָבן נאָך לאַנג דיסקוטירט, אָבער הערמאַן האָט שוין אין דער דיסקוסיע קיין אָנטייל נישט גענומען. ער איז געזעסן און מיט אַ שמייכל זיך צוגעהערט צו זייערע רייד. פֿאַר די דאָזיקע מענטשן — האָט ער געטראַכט — האָט דאָך דער גאַנצער ענין אייגנטלעך נישט מער ווי אַ טעאָרעטישן ווערט. די רייד וועגן מוט, אָפּפֿער, איינשטעלן, אַנטשיידן, די דאָזיקע שווערע ווערטער פֿון גורל — האָט זיך אים געדאַכט — האָבן ביי

זיי אין מויל זייער אינהאַלט, זייער באַטייט פאַרלוירן. די גאַנצע צייט וואָס זיי האָבן דיסקוטירט האָט ער געהאַט דאָס געפיל, ווי ער ליגט אַ געבונדענער אויף דער ערד און עס שטייט עמיצער איבער אים מיט אַ מע־סער און וויל אים קוילען, און ער קען זיך קיין ריר נישט געבן.

ער האָט זיך עפּעס פּלוצים געפילט אַזוי פרעמד און אַזוי ווייט פון דער דאָזיקער שטוב. ער האָט חרטה געהאַט, וואָס ער איז דאָ אַהער גע־קומען. ביז איצט האָט ער נישט געוווּסט, יעדנפאַלס נישט ריכטיק גע־וווּסט, אַז ס'איז עפּעס דאָ אַ חילוק צווישן אים און די דאָזיקע מענטשן דאָ. ער און זיי רעדן דאָס זעלבע לשון, און איבער די זעלבע זאַכן. ער און אָגע זענען געגאַנגען אין דער זעלבער שולע, האָבן געהאַט די זעלבע אינטערעסן, געלייענט די זעלבע ביכער און געחלומט וועגן זעלבן מיידל. אין אַלע יאָרן, וואָס ער איז דאָ געקומען אין הויז אַריין האָט ער נישט באַמערקט קיין שום חילוק צווישן זיי אַלס דענער און אים אַלס ייִד. זיי האָבן אים שטענ־דיק באַטראַכט אַלס דענער, נאָר מיט אַ קליינעם ניואַנס, ווי סווען אָגעס פאָטער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט אין שפּאַס. איצט האָט הערמאַן געזען. אַז עס איז אַ גרויסער, גאָר אַ גרויסער ניואַנס, אַזוי גרויס ווי עס איז די דילעמע אין וועלכער ער געפינט זיך איצט, אַזוי טראַגיש ווי עס קען זיין איר אויסגאַנג.

איצט האָט ער געוווּסט, אַז ער איז דער יורש פון אַ גרויסער און שווערער ירושה פון וועלכער ער קען זיך נישט באַפרייען. ער האָט פריִער נישט געטראַכט דערוועגן און ער ווייסט נישט פאַרוואָס, אָבער ער האָט געפילט, אַז ער וויל זיך נישט פון איר באַפרייען. ער געהערט אַהין אין יענע שטובן, וואָס זענען איצט אָנגעפילט מיט אומעט און זאָרג, צווישן זיין טאַטע־מאַמע האָט ער איצט געדאַרפט זיצן, ווי זיי, אין שאָטן פון טויט. זען זיין מאַמעס פאַרזאָרגט, פאַרוויינט פּנים, זיין טאַטנס פינצטערן, נישדאַ־איקן בליק, הערן זיין קול! ער באַהאַלט זיין ווייטיק, באַמיט זיך צו רעדן געוויינלעך, נאָר ער פילט דעם ציטער פון זיין נשמה, דעם אויסגעשריי פון זיין פאַרפּייניקט האַרץ. ער טאָר זיי נישט לאָזן אַליין, ניין, ער טאָר נישט! זיי וואָלטן אָן צו וואַקלען זיך פאַר אים געגאַנגען אין אַלע געפאַרן, גענומען אויף זיך אַלע יסורים. וואָס איז ער אַ פּחדן? אַ שוואַכלינג, וואָס וועט גאָרנישט קענען אויסהאַלטן? זיי וועלן אומקומען און ער וועט אַליין

איבערבלייבן. ער װעט זיך פילן װי אַן איבעריקער, װי אַן אומבאַרעכטיק־טער צום לעבן, װי איינער װאָס האָט זיך אַרויסגעדרייט, זיך אָנגעכאַפּט אין תּירוצים. עס קען זיין, אַז זיינע עלטערן האָבן רעכט, אָבער ער האָט דאָס געפיל, ניין, ער װייסט, אַז ער װעט עס נישט טאָן. עס װעט זיין מיאוס און דאָס װעט אים פאַרפאָלגן דאָס גאַנצע לעבן, װוּ ער װעט נישט זיין אין דער װעלט: — כ'האָב פאַרלאָזן מיין טאַטע־מאַמע אין די שװערסטע מינוטן פון זייער לעבן!

נאָר איין זאַך האָט אים באַאומרויִקט, װען ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז זיי װעלן באַליידיקן, פייניקן זיין פאָטער פאַר אים אין די אויגן, װעלן אים דערנידעריקן און ער װעט זיך שעמען. ער זעט װי זיי שטייען צװישן זייערע תּלינים און דער פאָטער שמייכלט צו אים פון זיינע יסורים אַרויס. ער, הערמאַן, פילט גאַרנישט, ער זעט נאָר זיין פאָטערס ליידנדיקן שמייכל און דעם חרפּה־בליק אין זיינע אויגן. און דעם אויגנבליק, װען ער קלערט װעגן דעם, איז ער גרייט צו פאָלגן זיינע עלטערן און אַנטלויפן נאָך שװעדן.

סוף אָגע האָט די נאַכט געװאָלט שלאָפן מיט הערמאַנען אין איין שטוב, אָבער הערמאַן האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל עס נישט טאָן.

— איך װיל די נאַכט אַמליבסטן זיין אַליין — האָט ער שטיל גע־זאָגט.

**
*

בינעם און זיין װייב האָבן זיך געלייגט פרי אין די בעטן, נאָך צװיי נעכט ליגן אין קאַלטן קעלער, אויף טרוקענע, האַרטע נאַרעס, װוּ זיי האָבן קיין אויג נישט צוגעמאַכט, האָבן זיי גערעכנט די נאַכט צו קענען אַביסל שלאָפן.

— לאָמיר זיין אויסגערוט — האָט בינעם געזאָגט.

חנה האָט לאַנג געבעטעט די בעטן, אָפּטמאָל געבליבן שטיין מיט אַ קישן אין האַנט און געקלערט: אין דעם בעט זענען אירע קינדער אויף דער װעלט געקומען, דאָ האָט זי געהערט זייער ערשטן געשריי, דאָ האָבן זיי זיך געשפּילט. טו־טו, הערמאַן האָט באַהאַלטן ס'קעפּעלע אין איבערבעט, אַז מען זאָל אים נישט קענען געפינען. ער האָט ליב געהאַט אַרומצוקריכן און זי האָט מיט הנאה פאַרנומען דאָס קריכן פון זיינע הענטעלעך און פי־

סעלעך אויף איר לייב; זיינע לאַכנדיקע שוואַרצע אייגעלעך, ווען ער האָט געמיינט, אַז ער האָט אָפּגעטאָן עפּעס אַ געוואַלדיקע זאַך. סימא איז געלעגן ביי איר טאַטן. זי האָט מיט אַ פינגער געוויזן אין דער צייטונג און געפרעגט: וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס? און ווען זי איז מיד געוואָרן פון פרעגן, האָט זי אים אַרומגעכאַפּט ביים האַלדז און נישט געלאָזט ווייטער לייענען, אים געקיצלט מיט איר שפּיץ נעזל אין זיין נאָז און אים געוואָלט מאַכן לאַכן. בינעם האָט זיך געשעמט צו זאָגן, אַז ער וואַרט אַ גאַנצע וואָך אויף דעם זונטיק אין דער פרי.

חנה האָט געוואָלט, אַז דאָס ליכט זאָל בלייבן ברענען, זיי זאָלן קענען זען ווי שפּעט ס'איז.

— זאָל זיין — האָט בינעם מסכים געווען — אָבער מען דאַרף נישט אַזויפיל קוקן אויפן זייגער, מ'דאַרף ליבער זען צו שלאָפן און זיין אויסגערוט אויף מאָרגן, און מיט אַ קרעכץ האָט ער זיך אויסגעצויגן אין בעט.

חנה איז געלעגן שטיל און מיט פאַרמאַכטע אויגן. זי האָט זיך נישט געוואָלט אַ ריר־טאָן, אַז זי זאָל נישט שטערן בינעמען.

— ווי אויסגעמאַטערט ער איז, ווי מאָגער ער איז עס געוואָרן אין די לעצטע טעג. עס איז אַ פּחד אויף אים אַ קוק צו טאָן! די שעהן ווען אַוועקגיין און עס וועט אויפשטיין אַ טאָג: אוי, גאָטעניו, וואָס פאַראַ טאָג דאָס וועט זיין! ער וואָלט זיך געקאָנט אַ ביסל אויסרוען, וואָלטן זיך אים באַנייט די כוחות, ער האָט נאָך אַזוי פיל איבערצוטראָגן!

בינעם האָט נישט געוואָלט קלערן וועגן קיין זאַך. — ס'וועט זיין דאָס זעלבע — האָט ער שטיל געזאָגט. ער האָט דאָס געוואָלט זאָגן זיין ווייב, נאָר ער האָט מורא געהאַט טאָמער שלאָפט זי שוין און ער וועט זי אויפוועקן. ער האָט צוגעדריקט די אויגן, אַז ער זאָל גאָרנישט זען, און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער וועט פאַרמיידן די געדאַנקען, וואָס טראָגן זיך דאָרטן אַרום אין זיין קאָפּ. אָבער ער האָט זיי געזען, ער האָט זיי נישט געקאָנט אויסמיידן, שטעכיקע, צאַפּלענדיקע, האָבן זיי אים קיין איין מינוט קיין רו נישט געגעבן. ער האָט באַשלאָסן אָפּצולאָזן די לייצעס, זאָלן זיי אַרומלויפן אין זייער ווילדן ווירוואַר, זאָלן זיי, זאָלן זיי, כ'האָב נישט קיין כוח מער מיט זיי צו קעמפן. ס'וואָלט געווען אַ רפואה, אַן אויסלייזונג, ווען מען ווערט אינגאַנצן מטושטש — האָט ער געטראַכט. דער געדאַנק האָט

אים געשראָקן. — אַלץ יאָ, נאָר דאָס נישט, נאָר דאָס נישט! עס איז איצט קלאָר געװען, אַז ער מוז זיך צוזאַמענגעמען און האַלטן זײנע געדאַנקען אונטער אַ קאָנטראָל, אפשר זענען נאָך אַלע מעגלעכקײטן נישט אױסגעשעפּט, אפשר איז נאָך דאָ אַן אױסװעג; אײדער ער װעט זיך אַרומקוקן װעט דער טאָג זײן איבער אים.

ער האָט אָנגעהױבן נאָכקאָנטראָלירן די פאַרשלאָגן, װאָס זײנע געדאַנקען האָבן אים געמאַכט, אױב עס איז נאָך דאָ אַזאַ בײ װעלכן ער קען זיך אָפּשטעלן. יאָ, עס איז דאָ אײנער, באַזונדערס אײנער: ער װעט רעדן, ער װעט צו אים רעדן, נישט װעגן רחמנות, אָדער מענטשלעכקײט װעט ער צו אים רעדן. ער װײסט, אַז דאָס װעט נישט העלפן, ער װעט רעדן צו זײן שכל. אַ מענטש קען אַמאָל נישט האָבן קײן האַרץ, אָבער פון דעסטװעגן קען ער דאָך אימשטאַנד זײן צו דענקען. ער װעט אים באַװײזן, אַז דער דאָזיקער אופן זײנער טויג נישט, אַז עס װאָלט בעסער געװען, װען ער לאָזט אַרױס די קינדער פראַנק און פרײ, אָן צו פאַרלאַנגען הערמאַנען. דאַן װאָלטן אַלע געקענט זען, אַז זײ מײנען נישט קײן שלעכטס, אַז זײ װילן זיך נישט אײנרײסן מיטן לאַנד, אַזױ װי דער אַדװאָקאַט האָט געזאָגט. ער װעט אים זאָגן, אַז ער װעט מיט די קינדער אַרומגײן צו אַלע יידן זײ זאָלן אַלײן קענען זען, זיך אַלײן איבערצײגן. אָבער װען ער האָט אַביסל נאָכגעטראַכט, האָט ער אײנגעזען, אַז דער פּלאַן טויג נישט. װײל: פאַרװאָס זאָל ער דאָס צו מיר האָבן אַזאַ צוטרוי? אױב ער האָט באמת שכל און קען אױסרעכענען אַ זאַך, װעט ער מסתמא באַלד אױסרעכענען, אַז איך װעל נישט האַלטן װאָרט, אַז איך װעל אים נאַרן. דאַן װעט עס זײן פּיל, פּיל ערגער, װעט אַלץ זײן חרוב. עס איז דאָך נישט קײן האַנדל פון צװײ גלײכע שותפים — האָט ער װײטער געטראַכט — עס איז אַ האַנדל פון אײנעם, װאָס האָט אַלץ און דער צװײטער האָט גאָרנישט. ער זיצט מיט די משכנות און איך װעל קומען מיט לײדיקע הענט. מיט פּוסטע, נאַרישע מעשיות, װאָס ער װעט באַלד קענען דורכקוקן. דאָס משוגענע בלוט װעט זיך אין אים צעקאָכן, די רציחה װעט אַרױסקוקן פון זײנע קלײנע חזרישע אײגעלעך. בינעם האָט זיך דערמאָנט זײן מערדעריש אױסזען, זײנע געשרײען און געװאַלדן, זײן אַרומלױפן אין צימער און אַלץ אין דער נאָענט פון אים, איז אים קאַלט געװאָרן אין אַלע אברים: — מען איז דאַן גאָרנישט

לחלוטין גאָרנישט, ווייניקער ווי די פליג דאָרטן אויף דער וואַנט! דאָס בעט איז אים אויסגעקומען אַזוי האַרט ווי ער וואָלט געלעגן אויף די בלויזע ביינער. ער האָט געמיינט אַז חנה שלאָפט, האָט ער זיך אויפגעזעצט, אָנגעשפּאַרט דאָס פּנים אין די הענט און געזעסן און זיך געשאָקלט. זיין צעשויבערטער קאָפּ האָר האָט אַרומגעוואָרפן לאַנגע שטרייפן אויפן באַלקן און אויף די ווענט. חנה האָט אויפגעמאַכט די אויגן:

— בינעם, לייג דיך און שלאָף.

— יאָ, חנה, כ׳וועל נאָר אַזוי אַ ביסל זיצן. שלאָף דו, חנה, שלאָף. — זיין קול האָט געגלעט און געצערטלט. זי האָט צוריק צוגעמאַכט די אויגן.

בינעמס מוח האָט ווייטער געאַרבעט. אָבער ער האָט זיך נישט געוואָלט מער צוהערן: — לעכערלעך, לעכערלעך! נאַרישע פּלענער! פּלענער דאַרף מען האָבן כוח דורכצופירן, און איך האָב גאָרנישט. דאָס איינציקע וואָס איך האָב, איז צו ליגן און וואַרטן אויף אַ נס, ווייל וואָס אַנדערש קען נאָך געשען אין די דאָזיקע איינציקע שעהן? גאָרנישט! נאָר וואַרטן אויף דעם נס; קענסטו אַ נס אין וועלכן דו גלויבסט נישט, יאָ, דאָס איז דאָס איינציקע וואָס דו קענסט. — ער האָט ביטער געקרעכצט: — אוי, אוי, אוי! פאַרוואָס אַרבעט איר אַזוי מיינע חושים? פאַרוואָס שטעלסטו דיך נישט אָפּ מיין געדאַנק? פאַרוואָס בויערסט דו אַזוי? וועסט גאָר נישט אויסבויערן, וועסט אומעטום אָנטרעפן חושך און ליידיקייט. דו ביסט גרויזאַם; דו ביסט ווי אַ צוואַנג, וואָס זיינע שאַרפן שניידן זיך איין טיפער און טיפער אין מיין לייב, און באַלד וועלן זיי זיך צוזאַמענטרעפן. דו עפנסט פאַר מיר אויף שטייניקע שוואַרצע אָפּגרונטן און וואָרפסט מיך אין זיי אַריין, און שלאַנגעליגן און וואַרטן אויף מיר. איובן איז געקומען אַ שליח אָנזאָגן, אַז זיינע קינדער זענען אומגעקומען, איך בין מיין אייגענער שליח. ער איז ערשט געוויר געוואָרן נאָכדעם, — איך פאַר דעם. זייער שיקזאַל האָט מען כלומרשט אַריינגעלייגט אין מיין אייגענער האַנט, אַזוי געמיין, אַזוי מיאוס, אַזוי טייוולאָניש! דער וועג צום טויט איז אויסגעלייגט מיט ברענענדיקע דערנער. חיבוט הקבר נאָך ביים לעבן, אין מיין אייגן בעט. אַ נייע אָפּטיילונג פון גהינום, אויסגעפונען פון מענטשן!... ער האָט זיך אויסגעדרייט צו זיין ווייב, ער האָט געוואָלט צו איר רעדן: — חנה? — חנה האָט אויפגעמאַכט די אויגן. — יאָ, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? יאָ, דו ווייסט, חנה,

איך בין הײַנט פֿאַרבײַגעגאַנגען דורך דעם פֿעלד דאָ, בײַם טײַכל. אין גראָז זענען געלעגן צוגעטוליעט אײנס צום צװײטן אַ גאַנצע מאַסע קאַטשקעלעך. און די מוטער איז געשטאַנען דערנעבן און זײ געהיטן. אָבער זי איז געשטאַנען גאַנץ רויִק, דעם שנאָבל אויפֿגעהויבן אין דער לופֿט אַרײַן. דאַן איז זי אַרײַנגעגאַנגען אין װאַסער. אירע קינדערלעך האָבן זיך אײנציקװײַז אויפֿגעהויבן און מיטגעגאַנגען, און באַלד האָבן זײ זיך אָװעקגעלאָזט שװימען. די מוטער איז געשװוּמען אין מיטן און זײ — אַרום איר. איך בין לאַנג נאָכגעגאַנגען נאָכן בילד פֿון פֿאָלקאָמענעם גליק. עס איז הײַנט געװען אַזאַ שײנער טאָג. קײן װינטעלע האָט זיך נישט גערירט, קײן בלעטעלע האָט זיך נישט באַװעגט. מחנות פֿײגל זענען אַרומגעפֿלויגן אונטערן הימל, שורותװײַז, אַ שורה אונטער אַ שורה. זײ זענען געפֿלויגן לאַנגזאַם, פֿאַר זײער פֿאַרגעניגן װעגן זענען זײ געפֿלויגן.

— בינעם, לײג דיך, פּרוּװ אויב דו װעסט נישט קענען אַביסל שלאָפֿן.

בינעם האָט װי נישט געהערט, װאָס חנה האָט געזאָגט און האָט װײטער גערעדט:

— דו װײסט, חנה, עס איז בעסער געװען אונדזערע עלטערן. זײ האָבן גענומען אַ תהילימל אין האַנט אַרײַן און געזאָגט. האָט אַ ייִד נישט פֿאַרשטאַנען דעם טײַטש פֿון די װערטער, האָט ער געפּוּנען אַ טרײסט אינעם בלויזן זאָגן. מיטן תהילימל אין האַנט, האָט ער געהאַט באַלאַנס, עס האָט אים נישט געלאָזט אומפֿאַלן. װען מײַן קלײן ברודערל איז קראַנק געװען און דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז עס װעט נישט איבערלעבן די נאַכט. האָט זיך מײַן פֿאָטער אָװעקגעשטעלט און געזאָגט תהילים. ער האָט אַנטלאָסטעט זײַן געדאַנק, האָט זיך געהאַט אין װעמען אָנצושפּאַרן, זיך צו װעמען צו װענדן.

חנה האָט זיך אויפֿגעזעצט:

— בינעם, לאָמיר אויך זאָגן תהילים!

— חנה, מען מוז גלייבן דערין, אַז נישט האָט עס נישט קײן פּעולה און ס׳איז נישט ערלעך.

— בינעם, איך גלײב, איך גלײב! כ׳װעל מיך אַלץ אונטערװאַרפֿן. כ׳װעל אויספֿירן אַלע דײַנע געבאָטן. גאָט, מיר זענען דאָך דײַנע באַשעפֿענישן, דײַנע! ס׳קען דאָך אַזױ נישט צו גײן, ס׳קען נישט! ס׳טאָר נישט!

אין יענע טעג

אַ פײַער הענגט איבער מײַן הויז, דער חלף איז אויסגעשטרעקט צו אונדזער האַלדז. מיר װעלן געקוילעט װערן אין מיטן גאַס, פֿאַר אַלעמען, אין די אויגן װעלן מיר געקוילעט װערן. ריבונו־של־עולם, העלף אונדז, נעם אונדז אַרויס פֿון דעם דאָזיקן פּײַן. דו האָסט אונדז אַרײַנגעװאָרפֿן אין אַ מדבר צװישן װילדע חיות, זײ שטײען שוין אויסגעשטרעקט די העלדזער און אָפֿענע מײַלער אונדז צו פֿאַרציקן און ס׳איז נישטאָ קײנער װאָס זאָל זיך פֿאַר אונדז אָננעמען. בינעם, װאָס זאָלן מיר טאָן, בינעם? זי האָט יאָמערלעך געװײנט. בינעם האָט זיך בײַ איר געבעטן:

— חנה, חנה, באַרויִק דיך. די שכנים װעלן זיך צוזאַמענלויפֿן! ס׳איז נאָך דאָ זעקס שעה, אין זעקס שעה קען נאָך אַ סך געשען.

זי האָט אײַנגעגראָבן דאָס פּנים אין איבערבעט:

— װאָס קען נאָך געשען? װאָס קען נאָך געשען, װאָס?

בינעם האָט װײַטער גערעדט:

— אין גאַנצן פֿאַרלירן דעם בטחון טאָר מען אויך נישט. ס׳איז אונדזער אײנציק געװער. ביז דער לעצטער מינוט האָבן מיר אַ רעכט צו האָפֿן. ס׳איז זײער אַ װיכטיק רעכט, דאָס קען אונדז קײנער נישט צונעמען.

זי האָט צו אים אויפֿגעהויבן דאָס פֿאַרװײנטע פּנים:

— בינעם, דו גלײבסט טאַקע, אַז עס קען נאָך עפּעס געשען?

— יאָ, חנה, איך גלויב, אַז עס קען נאָך עפּעס געשען. עס קען נאָך אַפֿילו געשען דאָס, אַז די קינדער זאָלן פֿון זיך אַלײן אַהײמקומען. אין דער פֿרי, מען קלינגט אין טיר, דו מאַכסט אויף און דו זעסט, אַז זײ זענען דאָ. עס שטײט נישט אין ערגעץ געשריבן, אַז דער אַדװאָקאַט מוז דווקא האָבן אַ טעות. ס׳קען טאַקע נאָר האָבן געװען אַ שפּילן זיך פֿון אַ גראָבן דײַטש, און ער מוז דאָך אַמאָל אויפֿהערן זיך צו שפּילן; און אויב אַ קאַפּריז, קען ער דאָך אַמאָל אויך גײן צו אונדזער זײַט, אַז דערבײַ קען עס אים אײַנפֿאַלן, אַז ער נעמט און שיקט אַהײם די קינדער!

— בינעם, אוי בינעם, הלװאַי זאָל עס טאַקע זײַן אמת. — איר מויל האָט געלאַכט און געװײנט, גלײַכצײַטיק.

— נײן, עס איז טאַקע נישט אוממעגלעך. פֿאַרװאָס זאָל עס דען זײַן אוממעגלעך? אין דער פֿרי קען שוין זײַן אַלץ גאַנץ אַנדערש. יאָ, עס קען. זי האָט זיך צוריק אָװעקגעלײגט און װידער צוגעמאַכט די אויגן. דאָס

*

פנחס וועלנער

געווין איז איינציקוויז אָפּגעטראָטן און אַ פּאַרטרויונגספולע רו איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף איר ריינעם, שיין־געפורעמטן פּנים. בינעם האָט געקלערט אַז זי זעט אויס ווי אַ קינד, וואָס האָט צוריק געפונען אַ טייערע פאַר־לוירענע זאַך.

ער איז געווען צופרידן פונעם איינפאַל, אַז די קינדער וועלן אהיימקו־מען אין דער פרי. אָבער ער האָט באַלד איינגעזען, אַז ער האָט זיך אַליין אויך אָנגעהויבן צו האַלטן אין דעם דאָזיקן איינפאַל, און ער האָט שוין חרטה געהאַט, וואָס ער האָט געקלערט וועגן חנהן, אַז זי זעט אויס ווי אַ קינד. יאָ, עס קען טאַקע מעגלעך זיין, אַז זיי זאָלן אַליין אַהיימקומען! ער האָט זיך געזוכט צו באַרוישן מיט די ווערטער, זיי כסדר צו איבערחזרן. ער איז געזעסן און געמורמלט:

— זיי וועלן קומען, זיי וועלן קומען. פאַרוואָס זאָלן זיי נישט קומען? זיי וועלן שוין מאָרגן אינדערפרי דאָ זיין, זיי וועלן דאָ זיין...

ער האָט געטראַכט וועגן סימאַן: אַזאַ יונג קינד, די מילך ליגט איר נאָך אויף די ליפּן. אָט ערשט נאָך דער חתונה. ער האָט זיך אַפילו מיט איר נישט ריכטיק געזעגנט. ער האָט עפּעס נישט געקאָנט צו איר צוגיין, הערמאַן וועט טאָן, אַזוי ווי ער וועט הייסן, אָבער ער וועט נישט הייסן, ער האָט נישט קיין רעכט דערצו! נעכטן האָט ער אים ערשט ריכטיק דער־קענט: — ער איז מיין בלוט און מיין פלייש, אָבער ער איז נישט בלויז מיין זון, ער געהערט צו אַלע ייִדן. אַ מאַרטירער איז ער, אַ הייליקער. ער איז גרייט צו גיין אויפן שייטערהויפן; אַלע וועלן מיר גיין אויפן שיי־טערהויפן, איך און מיין גאַנץ הויזגעזינד וועלן גיין. אַזוי פיל ייִדן אין אַלע דורות האָבן געקאָנט, קענען מיר אויך. וואָס בין איך פאַראַ יחסן ביי גאָט, אַז אַלדאָס שלעכטס זאָל פאַרבייגיין מיין טיר? און אפשר בין איך יאָ אַ יחסן, אויב ער האָט מיך געשטעלט פאַר אַלע די פרווון? אָבער איך בין נישט געווען שטאַרק, נאָר מיך אַליין קען איך איינשטעלן, — זיי נישט: הערמאַן און זי מוזן לעבן. ער האָט געקוקט אויף זיין ווייב. אַ דערוואַר־טונגספולער שמייכל איז געלעגן אויף איר פּנים, און ווי זי וואָלט זיך אין עפּעס דערמאָנט. זאָל עס ווירקלעך זיין די לעצטע נאַכט, וואָס ער ליגט ביי־איר זייט? זי איז געלעגן האַלב־אָפּגעדעקט און ער האָט געזען די פאַרמען פון איר לייב אונטערן זיידענעם נאַכטקלייד, אַזוי ווי אַמאָל, ווען ער האָט

זיך מיט איר באַקענט — האָט ער געקלערט — די זעלבע רונדע פעסטע פּאַרמען, די זעלבע ריינע, קלאָרע ליניעס; אירע האָר זענען נאָך פונקט אַזוי שוואַרץ און גלאַנציק ווי דעמאָלט, ווען ער האָט זי דאָס ערשטע מאָל געזען, זיי האָבן דערהאַלטן זייער כוואַליעדיקייט, און דאָס צניעותדיקע, פרומע מיידל־פּנים. ער קען זיך נאָך היינט איינקוקן אין דעם דאָזיקן פּנים און אויפסניי איבערלעבן יענע ערשטע אומגעדולדיקייט און דערוואַרטונג. ער האָט איצט געפילט אַ טיפע דאַנקבאַרקייט צו איר, זיין ווייב, וואָס האָט אים געבראַכט אַזויפיל גליק, אַזויפיל רייכקייט! און איר ווען זיי שלעכטס טאָן, באַליידיקן דאָס דאָזיקע לייב, און ער וועט נאָך אפשר מוזן שטיין און צוקוקן און גאָרנישט קענען העלפן! ער קאָן זען ווי זי קוקט אויף אים, אירע אויגן בעטן: בינעם, קום, העלף, בינעם! זי האָט אים שטענדיק גע־רופן, ווען זי האָט עפּעס נישט געקאָנט און ער איז געקומען און האָט עס געטאָן פאַר איר. ניין, ער טאָר נישט לענגער וואַרטן, ער מוז איר געבן צו פאַרשטיין, ער מוז נעמען ביי איר אַ וואָרט, זי איז זיין, זי איז זיין ווייב, זי האָט זיך אים איינגאַנצן איבערגעגעבן. ער מוז זי היטן, ער מוז זי באַשיצן. זי איז שוואַך, זי וועט וויינען. ער קען נישט אויסהאַלטן, ווען ער קלערט, אַז זי וועט וויינען, צווישן שלעכטע, פרעמדע מענטשן, וואָס וועלן לאַכן פון אירע טרערן!

— חנה, — האָט ער געפרעגט.

— יאָ, בינעם.

— גאָרנישט, כ׳האָב געמיינט אַז דו שלאָפסט.

— ניין, כ׳שלאָף נישט, כ׳קען נישט.

— חנה, כ׳האָב דיר געוואָלט זאָגן, אַז עס וועט אַזוי זיין ווי מיר האָבן גערעדט, דאָס הייסט, איך וועל אַרויפגיין און דו און הערמאַן וועלן אַריבער נאָך שוועדן. ווען כ׳וועל נאָר אַרויסקומען מיט די קינדער וועלן מיר אויך באַלד אַריבערקומען!

חנה האָט זיך ווידער אויפגעזעצט.

— ניין בינעם, כ׳וויל נישט, כ׳קען נישט — האָט זי העפטיק געזאָגט. — הערמאַן זאָל אַליין פאָרן!

— חנה, די ווייסט נישט וואָסער צער דו וועסט מיר אָנטאָן, ווען דו וועסט נישט טאָן, ווי איך הייס דיך. וויפיל איך האָב נישט געזאָלט

קלערן, בין איך אַלץ געקומען צו דעם זעלבן רעזולטאַט. פּאָלג מיך, איך בעט דיך, פּאָלג מיך נאָך דאָס מאָל. דו װעסט זען, אַז עס װעט גוט זײַן!

חנה האָט נישט געקאָנט לײַדן, אַז איר בינעם זאָל אַזױפּיל בעטן און זי זאָל נישט װעלן פּאָלגן. ס׳איז געװען אַזױפּיל װײטיק אין זײַן קול, און זי האָט נאָכגעבנדיק געזאָגט:

— בינעם, איך װיל דיר נישט פאַרשאַפן קײן װײטיק אָדער דיר אָנ־טאָן צער. איך האָב דיך שטענדיק געפּאָלגט, אָבער דאָס מאָל קען איך ניט. נאָר לאָמיר איצט נישט רעדן דערװעגן, און לאָמיר זיך אַביסל אָפּרוען. װי שפּעט קען שױן זײַן?

— כ׳װײס נישט, ס׳איז נאָך לאַנג.

— גיב אַ קוק אױפן זײגער.

— צו װאָס? צו װאָס זאָלן מיר שױן אָנהײבן צו קוקן אױפן זײגער? ס׳איז נאָך צײַט, מען װעט שױן װיסן.

— ס׳דאַכט מיר, אַז די טראַמװײען גײען שױן.

— יאָ, חנה, זײ גײען שױן!

הערמאַן איז אַהײמגעקומען באַלד אינדערפרי. ער איז געװען רויק און געשמײכלט װי שטענדיק. אָבער ער האָט אױסגעזען בלאַס און מיד. דער פאָטער האָט באַלד דערקענט, אַז ער איז נישט געשלאָפן די נאַכט. ער האָט זיך עפּעס אין גאַנצן געהאַט פאַרענדערט אין דעם ביסל שעהן, װאָס ער איז נישט געװען. ער איז עפּעס װי גרעסער געװאָרן, אױסגעװאַקסן. פון דעם זאַרגלאָזן, שטיפערישן יינגל, איז מיטאַמאָל געװאָרן אַ מאַן, אַ דערװאַקסענער ייִד; און װי אַלע ייִדן אין יענע טעג, טראַכט ער כסדר װעגן עפּעס און זײַן בליק איז ערגעץ װײט אַװעק. עס האָט זיך דעם פאָטער געדאַכט װי ער הערט זיך ניט צו צו דעם װאָס ער דערצײלט אים, צו װעלכן רעזולטאַט ער און די מאַמע זענען געקומען. ער האָט זיך באַמיט צו דער־צײלן אַזױ, װי עס װאָלט שױן געװען אַן אָפּגעמאַכטע זאַך, נישט בלויז צװישן אים און זײַן װײַב, נאָר אַפילו װי עס װאָלט שױן אױך געװען אָפּ־געמאַכט מיטן געשטאַפּאָ־מאַן אַלײן. אָבער הערמאַן האָט זיך צו אַלעם צו־געהערט װאָס דער פאָטער האָט געזאָגט, און װען ער האָט געענדיקט: „װעט עס אַלזאָ אַזױ זײַן!״, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ אױף ניין.

— ניין, טאַטע, אַזױ װעט עס נישט זײַן, װײַל אַזױ איז עס דאָך נישט.

דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז מען דאַרף זען די זאַך ווי זי איז, אַז מען דאַרף זיך נישט נאַרן, אַז מען קאָן אויף נאַרעריי נישט בויען. אויב עס איז פאַראַן אַ וועלכע עס איז מעגלעכקייט זיי אַהיימצוקריגן, קען עס נאָר זיין דורך מיין מיטגיין. און איך קען דיך אויך נישט לאָזן גיין אַליין, אַז דו קענסט, מוז איך אויך קענען!

דער פאָטער איז געווען פאַרצווייפלט.

— הערמאַן! הערמאַן, ס׳איז מיר גענוג שווער אָנגעקומען מיט דער מאַמען און איצט האָב איך דיך אויפן קאָפּ! כ׳האָב זיך נישט געקאָנט דערטראַכטן צו קיין אַנדערער זאַך. פאָלג מיך און טו אַזוי ווי איך בעט דיך!

— טאַטע, ס׳איז געווען אַ לאַנגע נאַכט, און איך האָב געקלערט און געקלערט, און בין אַלץ געקומען צו איין און דעם זעלבן רעזולטאַט. דו האָסט אַפּטמאָל גערעדט וועגן יידישן גורל, און איך בין אַ ייד, איך וויל אים נעמען אויף זיך!

דער פאָטער האָט צו אים ווייטער גערעדט:

— הערמאַן, איך וויל האָבן, אַז דו זאָלסט לעבן און פאַרזעצן אונדזער פאַמיליע! אַלץ ליגט ביי מיר קלאָר ווי אויף דער האַנט: זענען זיי נישט אויסן קיין בייז, וועלן זיי אַרויסלאָזן סימאָן מיט וויקטאָרן, אַפילו ווען איך וועל נאָר אַליין קומען; זענען זיי, דאַקעגן, יאָ אויסן אונדז צו פאַרטיליקן, וועסטו יעדנפאַלס כאָטש זיין געראַטעוועט.

די מוטער איז אַריינגעקומען און זיי האָבן אויפגעהערט צו רעדן. זי האָט זיך שמייכלענדיק באַגריסט, אָבער ער האָט געזען, אַז זי האָט ערשט געוויינט. זי האָט אַרויפגעשטעלט אויפן טיש קאַפע־טאַצן.

— הערמאַן — האָט זי געזאָגט — דער טאַטע מיינט, אַז עס וועט גענוג זיין, אַז ער אַליין וועט אַרויפגיין. וואָס מיינסטו?

— יאָ — האָט הערמאַן געענטפערט.

דער פאָטער האָט געזוכט זיין בליק, אַז ער זאָל אים קענען דאַנקען, אָבער הערמאַן האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן פון דער צייטונג, וואָס ער האָט געהאַט אויסגעשפּרייט אויפן טיש. — עס שטייט גאָר נישט אין איר — האָט ער געזאָגט.

— גאָר נישט? די צייטונג איז דאָך פול מיט זייערע זיגן!

— גלויבסט טאַקע, טאַטע, אַז זיי זיגן אַזוי כסדר?

— שױן נישט אַזױ, אָבער זײ זענען נאָך גענוג שטאַרק, עס װעט נאָך אַ סך בלוט פֿאַרגאָסן װערן ביז מען װעט זײ בײקומען!
— טאַטע, פֿאַרװאָס שטעלן מיר זיך נישט אַקעגן?!
— װאָס מײנסטו דערמיט, הערמאַן?
— איך מײן, פֿאַרװאָס אָרגאַניזירן מיר זיך נישט? פֿאַרװאָס נעמען מיר נישט אױף קײן קאַמף?
דער פֿאָטער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ:
— נײן, הערמאַן, דאָס קענען מיר נישט. מיר האָבן נישט מיט װעמען און מיר האָבן נישט װוּ. אױף אָרגאַניזירן זיך דאַרף מען האָבן אַן אָרט, אַרױסגײן אין קאַמף קען מען נאָר פֿון אַ באַזע און מיר האָבן נישט אַזעלכע.
— פֿאַרװאָס האָבן מיר דאָס נישט?
— װײל מיר האָבן נישט; דו װײסט דאָך פֿאַרװאָס מיר האָבן נישט! מיר האָבן נישט קײן שטיקל אָרט װוּ מיר זאָלן זיך קענען אױפֿקשטעלן און אַלײן זײן דער באַשטימער איבער אונדזער גורל. אַ דײטש פֿײנטלעכע האַנדלונג פֿון אונדזער זײט, װעט אַרױסרופֿן רעפּרעסיעס פֿון װעלכע עס קען לײדן די גאַנצע באַפֿעלקערונג, דאַן װעט לײכטער זײן צו העצן קעגן אונדז, און מיר װעלן אױסגעשטעלט זײן צו האָבן אַלעמענס שנאה קעגן זיך; און אַחוץ דעם, װאָלט אַזאַ האַנדלונג געברענגט דערצו, אַז זײ װאָלטן אונדז אַלעמען באַלד אױסגעקױלעט, פֿון קלײן ביז גרױס װאָלטן זײ אונדז אױסגעקױלעט. דאָס װאָלט געהײסן אײנשטעלן דאָס לעבן פֿון אַלעמען. נײן, הערמאַן, אַפֿילו װען מיר װאָלטן געקאָנט װאָלט מען אױך נישט גע־טאָרט.
— װעלן זײ, הײסט עס, אונדז באַזיגן, אָן דעם, אַז עס זאָל זײ עפּעס קאָסטן?
— נײן, דאָס װעלן זײ נישט. זײ קענען צו אונדז נישט צוקומען. מיר זיצן נישט אױף אײן אָרט, דאָס איז אונדזער אומגליק און דאָס איז אונ־דזער גליק. אונדזער אומגליק װײל מיר קענען זיך נישט פֿאַרטײדיקן און יעדער קען טאָן מיט אונדז װאָס ער װיל, און אונדזער גליק, װײל מיר זענען צעשפּרײט איבער דער װעלט, און מען קען אונדז נישט דערגרײכן.
— טאַטע, װאָס איז דאָס גליק פֿון צו זײן אַ ייד?

— דאָס איז דאָס גליק פון גערעכטן, פון באַוואלהטן, אויב דו ווילסט, נישט דערפאַר ווייל מיר האָבן אַזוי געוואָלט, אָדער זיך אַליין אויסגעקליבן דעם דאָזיקן וועג, נאָר אַזוי איז שוין אונדזער היסטאָרישער גורל. אַוודאי איז נישט גוט צו זיין דער קרבן, אָבער דער מערדער וועט אויך אומקומען. אַזוי איז עס שטענדיק געווען, און אַזוי וועט עס אויך איצט זיין.

— איז דאָס אַ טרייסט?

— יאָ, טײַלוויַיז יאָ. דאָס איז דער טרייסט פאַר דעם וואָס האָט ניט קיין ברירה, די סאַטיספאַקציע, וואָס די געשיכטע גיט אונדז.

די מוטער איז אַדיינגעקומען מיט דער קאַווע און זיי האָבן זיך געזעצט עסן. בינעם האָט זיך דערמאָנט, אַז עס איז ערב ראש־השנה.

— ווייסטו וואָס, חנה, — האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב — מאַך גאָר יום־טוב! זאָל זיין יום־טובדיק, ווען די קינדער וועלן אַהיימקומען און דו ווייסט דערוויַיל האָבן וואָס צו טאָן.

הערמאַן האָט געוואָלט, אַז די מוטער זאָל קאָכן קאַרטאָפל, אָבער דער פאָטער האָט געמיינט, אַז זי זאָל מאַכן לאָקשן, און אפשר גאָר טאַקע קרעפּלעך; עס פּאַסט זיך בעסער צו ראש־השנה. חנה האָט געזיפצט: — אוי, כ׳וועל אייך מאַכן אי לאָקשן, אי קרעפּלעך, כ׳וועל אייך מאַכן וואָס איר ווילט, אַבי לאָמיך דיך שוין דערלעבן צו זען אין דער היים מיט די קינדער — האָט זי געזאָגט צו איר מאַן. — גלויבסט, בינעם, אַז דער זייגער גייט ריכטיק?

— יאָ, חנה. אָבער ס׳איז נאָך צייט. דאַן האָבן אַלע דריי געשוויגן. אין דער שטילקייט פון שטוב האָט מען נאָר געהערט דאָס קלאַפּן פונעם זייגער. זיי זענען געזעסן ווי זיי וואָלטן זיך צוגעהערט צו זיין לאַנגזאַמען, אָפּגעמאָסטענעם גאַנג, און ווי זיי וואָלטן אים געהערט דאָס ערשטע מאָל.

חנה האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף איר מאַן, ווי זי וואָלט געוואָלט דערגיין ביי אים אויפן פּנים, וואָס ער קלערט איצט. זי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס ער זיצט אַזוי רויק, גאָרנישט לויט זיין טבע, ווען ער דאַרף ערגעץ אַוועקגיין. זי איז געווען צופרידן דערפון. — ער וועט באַווייזן. אַז ער וועט אַהינקומען אַביסל שפּעטער, וועט אויך נישט זיין קיין אומגליק! —האָט זי ביי זיך אָפּגעמאַכט. אָבער דער געדאַנק האָט איר באַאומרויִקט. נאָר איצט האָט זיך בינעם פּלוצים אויפגעשטעלט.

— מען דאַרף גײן! — האָט ער געזאָגט. הערמאַן האָט זיך אױף אױפגעהױבן.

— איך װעל דיך באַגלײטן, טאַטע.

— יאָ, הערמאַן, באַגלײט מיך טאַקע אַ שטיקל! — איז דער פאָטער געװען צופרידן.

— אפשר װעסט איר צופאָרן? — האָט חנה פאַרגעשלאָגן.

— נײן, חנה, מען דאַרף נישט. אַלײן װאָלט איך אפשר צוגעפאָרן, אָבער אַז הערמאַן באַגלײט מיך, װיל איך ליבער גײן. כ'װעל אַכטונג געבן רעכטצײטיק אַהינצוקומען. ס'איז נאָך דאָ גענוג צײט.

בעת בינעם האָט גערעדט האָט ער געקוקט אױף חנהן, אָבער ער האָט אױסגעמיטן איר בליק. ער האָט זיך די גאַנצע צײט געקרעקט, װי עס װאָלט אים עפּעס געלעגן אין האַלדז און אים געשטערט דאָס רעדן. ער איז נאָך אַ װײלע געשטאַנען, דאַן האָט ער אַ זאָג געטאָן: „ס'איז שפּעט!" און זיך געלאָזט צום קאָרידאָר. חנה איז אים נאָכגעלאָפן: בינעם!, זי האָט אים געװאָלט העלפן אָנטאָן דעם מאַנטל, אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט, און איז צו איר כסדר אױסגעקומען מיטן רוקן.

— װאָס אײלסטו דיך אַזױ?

— ס'װערט שפּעט, ס'װערט שפּעט! — האָט ער געענטפערט, שױן לױפנדיק אױף די טרעפּן.

— בינעם! — האָט זי אים נאָכגעשריגן.

— חנה, כ'װיל נישט קומען צו־שפּעט! — האָט זי פון אונטן געהערט זײן קול.

הערמאַן איז צוגעגאַנגען צו דער מוטער און זי אַרומגענומען.

— נו, מאַמעלע, כ'בין שױן הונגעריק, װען כ'קלער װאָס פאַראַ מיטאָג דו װעסט אונדז הײנט מאַכן.

— װאָס איז ער עפּעס אַזױ אַנטלאָפן דער טאַטע?

— דו װײסט דאָך דער טאַטע, אַלץ איז בײ אים אױף דער מינוט. נו, אַ גוטן טאָג, מאַמעלע, אַ גוטן טאָג!

— הערמאַן, דו זאָלסט נישט צו װײט פאַרגײן!

הערמאַן האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט זיך געאײלט נאָכן פאָ־

טער. מיט איין שפרונג איז ער געווען אונטן. זי האָט געהערט ווי די הויז־טיר האָט זיך פאַרמאַכט.

זי איז געבליבן שטיין אין קאָרידאָר און אַריינגעקוקט אין די שטובן. זיי זענען געווען אַזעלכע גרויסע און אַזוי ליידיק זענען זיי געווען, ווי עס וואָלט דאָרט גאָרנישט געשטאַנען: — וואָס האָבן זיי זיך אַזוי געאײַלט? אַוועק און מיך געלאָזט אַליין! זי איז צוגעלאָפן צום פענצטער. זיי זענען געשטאַנען אין ווינקל פון גאַס און אַרויפגעקוקט.

— אַ גוטן טאָג, אַ גוטן טאָג! — האָבן זיי צו איר אַרויפגעשריגן און זענען פאַרשווונדן אונטער די שילדן פון דער בעקעריי. אַ שטראָם פון טרערן האָט זיך אַ גאָס־געטאָן פון אירע אויגן, פאַרפלייצט דאָס פּנים, גע־רינען איבער די באַקן און אַריינגערינען אין מויל אַריין. עס זענען געווען געזאַלצענע, ביטערע טרערן!

* * *

בינעם און זיין זון זענען דעם גאַנצן וועג געגאַנגען שווייגנדיק. זיי האָבן עפּעס נישט געוווסט פון וואָס זיי זאָלן אָנהייבן צו רעדן. נאָר איינמאָל האָט דער פאָטער אָנגעהויבן רעדן וועגן אַ שיפל, וואָס הערמאַן זאָל שאַפן מיט דער הילף פון זיינע דעניִשע חברים; אַז אַזוי באַלד ווי ער וועט נאָר אַהיימקומען זאָל ער נעמען די מאַמע און מיט איר אַוועק צו סוועדן אַגעגן און זיי זאָלן זיך דאָרט באַהאַלטן; ער גלויבט נישט, אַז סוועדן אַגעס על־טערן וועלן זיין דאַקעגן. נאָר אַזוי ווי הערמאַן האָט אויף דעם אַלעם גאָר־נישט געענטפערט איז ער ווידער שטיל געוואָרן.

הערמאַן האָט זיך דעם גאַנצן וועג געהאַלטן אַזוי נאָענט ביים פאָ־טער, אַז ער האָט אים כסדר אָנגערירט ביי דער האַנט. דער פאָטער האָט עס געזען און עס איז געווען לייכט און גוט אויפן האַרצן. ער האָט גע־קלערט וועגן חנהן, וואָס זיצט איצט אין דער היים און וויינט און טראַכט וועגן אים. ער האָט געזען אירע טרערן, זיי האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין זיין לייב. זיי האָבן געברענט און געלינדערט און אים געגעבן נייע כוחות.

ס'איז ערשט פיר און צוואַנציק שעה, ווי ער איז מיט איר דאָ גע־גאַנגען. אָבער איצט האָט אים דער וועג אויסגעזען צו זיין איינפאַכער און לייכטער. איצט איז אים שוין אַלץ געווען קלאָר, קיין שום קאָמפּליקאַציעס

זענען נישט געװען, קײן שום צװײפל, ער איז געװען בײם סוף פון זײנע יסורים. װאָס נענטער ער איז געקומען צו יענעם הױז, אַלץ קלאָרער, אַלץ רײנער איז געװאָרן זײן געדאַנק. ער װײסט, אַז עס װעט געשען דאָס פון װאָס ער האָט געטראַכט די אַלע לאַנגע פיר און צװאַנציק שעה, הגם ער האָט זיך געזוכט אײנצורעדן אַן אַנדערע מעגלעכקײט. איצט װײסט ער, אַז עס איז דער לעצטער װעג! ער װעט באַלד איבערטרעטן די שװעל צום אומבאַקאַנטן, צום לעצטן. ער װײסט נישט װי לאַנג דאָס לעצטע װעט דױערן, און װי אַזױ עס װעט זײן, אָבער ער קען דעם סוף. ער האָט אים שױן הונדערטער מאָל געזען פאַר די אױגן! אין פאַרשידענע װאַריאַציעס האָט ער אים געזען, און מיט אַלע דעטאַלן; זײ האָבן װי טעמפּע קאַלטע נאָדלען זיך אײנגעגראָבן אין זײן לײב, געשטאָכן אין זײנע אָדערן, גע־פּרוירן זײן מאַרך; ער קען זײ שױן, ער איז מיט זײ געװאָרן פאַרטרױלעך און ער פילט זײ שױן נישט מער. עס זעט אים אױס, אַז ער װעט איצט קענען שטײן קעגן דעם געשטאַפּאָ־מאַן, אָן דער מינדסטער שרעק. ער איז שױן אַהינגעקומען צו דעם אָרט. עס קען שױן גאָרנישט געשען. ער איז שױן אױף יענער זײט בריק, װו אַלץ האָט אױפגעהערט, האָט זיך אָפּ־געשטעלט. ער פילט װי אינעװײניק, אין אים אַלײן, האָט זיך אױך אַלץ אָפּגעשטעלט, איז שטײף געװאָרן, און ס'װעט קײן זאַך נישט קענען דורכ־דרינגען. דער שטאָט־זײגער האָט געשלאָגן דרײ פערטל. ער האָט פאַר־גיכערט די טריט.

הערמאַן איז, פּונקט װי פריער, שטיל געגאַנגען בײ זײן זײט. נאָר אױף זײן פּנים איז איצט געװען די זעלבע אַנטשלאָסנקײט, די זעלבע עקש־נות, װאָס אין דער פרי, װען ער איז אַהײמגעקומען פון סװען אָגע. דאָס, און זײן האַרטנעקיק שװײגן האָט דעם פאָטער געמאַכט אומרויִק און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— הערמאַן, איצט קענסטו שױן אַהײמגײן.

הערמאַן האָט געבעטן, אַז ער װיל מיטגײן נאָך אַ שטיקל. אָבער דער פאָטער האָט זיך באַלד װידער אָפּגעשטעלט.

— הערמאַן, איצט מוזטו שױן גײן! כ'װיל נישט, אַז דו זאָלסט דאָרטן צו נאָענט צוקומען.

הערמאַן האָט װידער געבעטן, אַז ער זאָל נאָך מעגן צוגײן ביז דאָרטן,

ביזן רעסטאָראַן. — זאָל זיין — האָט דער פאָטער מסכּים געווען — אָבער דאַן מוזטו שוין שנעל אַהיימגיין. די מאַמע וואַרט אויף דיר, און דו זאָלסט טאָן ווי איך הייס!

ביים רעסטאָראַן האָבן זיי זיך לאַנג געפלאָנטערט ביז זיי האָבן גע־פונען אַן אָרט זיך אָפּצושטעלן.

— נו, הערמאַן, איצט זיי געזונט און גרוס דער מאַמע! הערמאַן איז געשטאַנען דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, געהאַלטן דעם פאָטערס האַנט אין זיינער און גאָרנישט געענטפערט. דער פאָטער האָט אים נאָך אַ ווײַלע באַטראַכט, דאַן האָט ער לאַנגזאַם אַרויסגעצויגן זיין האַנט, האָט זיך אויסגעדרייט און איז שנעל אַוועקגעגאַנגען.

הערמאַן האָט געזען ווי זיין לייכטע און דינגע געשטאַלט האָט זיך איילִיק דערנענטערט צום געשטאַפּאָ־הויז. עס האָט אים אויסגעזען ווי ער וואָלט געשוועבט, אַזוי איילִיק איז ער געגאַנגען. אין מיטן וועג האָט ער זיך אַ שטעל אָפּ געגעבן, זיך אויסגעדרייט און צו אים געקוקט. הערמאַן האָט צו אים געשמייכלט, דער פאָטער האָט צוריק געשמייכלט, דאַן האָט ער זיך צוריק אויסגעדרייט און זיך ווייטער געלאָזן גיין.

עס האָט עמיצער הערמאַנען אָנגענומען ביים אַקסל. עס איז געווען אָלע, דער פּאָליציימאַן, זיין קעגנער אין די ספּאָרט־קאַמפן.

— וואָס שטייסטו דאָ, הערמאַן?

— כ׳דאַרף נאָר דאָ אַרויפגיין אין געשטאַפּאָ־הויז.

— ביסט משוגע, צי וואָס?

דער פאָטער איז איצט געשטאַנען ביים טויער און געוויזן דעם סאָל־דאַט אַ פּאַפּיר, און אָט איז ער אַריין אינעווייניק. הערמאַן האָט אַ שאָקל־געגעבן מיטן קאָפּ צו אָלען און זיך שנעל געלאָזט גיין צום טויער. ער האָט דערקלערט דעם סאָלדאַט, אַז ער געהערט אויך צום פּאַפּיר. דער סאָל־דאַט האָט געדענקט, אַז עס האָט ווער געפעלט און האָט אים אַריינגעלאָזט; און ווען בינעם איז שוין באַלד געווען אויבן האָט ער געהערט, אַז עס גייט עמיצער הינטער אים, און אַז ער האָט זיך אויסגעדרייט צו זען ווער עס איז, האָט ער געזען, אַז עס איז הערמאַן. ער האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און זיי האָבן זיך ווייטער גענומען באַוועגן אויף די טרעפּן אַרויף.

**
*

חנה האָט זיך געקריגט מיטן קצב: היינט מוז זי האָבן אַ גוט שטיקל פלייש. איר מאַן אירע קינדער וועלן באַלד אַהיימקומען און וועלן זיין הונ־געריק, זיי האָבן שוין אַזוי פיל טעג קיין מיטאָג נישט געגעסן! דער קצב האָט זי אָנגעקוקט און מיט באַדויערן געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט איר געגעבן וואָס זי האָט געוואָלט, נאָר זי איז כסדר געווען אומצופרידן. זי איז געשטאַנען און געקלערט וואָס זי קען נאָך דאַרפן.

— גייט שוין אַהיים! — האָט זיך דער קצב געבעטן, ס׳איז נישט גוט ס׳זאָלן זיך היינט דאָ זאַמלען אַזוי פיל מענטשן. ס׳גייען אַרום פאַרשידענע קלאַנגען אין שטאָט!

— יאָ — האָט זי זיך דערמאָנט — כ׳וויל האָבן אַ הינדל און אַ שטיקל לעבער.

— גייט, שוין גייט! — האָט זיך דער קצב געבייזערט — ווער האָט דאָס היינט אין זין הינדלעך! און קיין לעבער האָב איך אויך נישט, גייט זיך געזונטערהייט! ער האָט זי כמעט ווי אַרויסגעשטופּט פון יאַטקע. זי האָט אים געוואָלט זאָגן, אַז מען האָט געהייסן דערציילן, אַז עס איז זיך נישטאָ פאַר וואָס צו שרעקן, אַז מען וועט קיינעם נישט טשעפּען, אָבער זי האָט עס נישט געטאָן.

אויפן וועג האָט זי אויך געקויפט פיש, ס׳איז שוין לאַנג נישט געווען אַזעלכע לעשטשעס. הערמאַן וועט זיך פרייען, ער האָט ליב ווען די פיש זענען נאָך וואַרעם, ערשט פון פייער. זי מוז זיך אַהיים איילן, ער וואַרט שוין אַוודאי אויף איר. און בינעם מיט די קינדער קענען אויך באַלד אַהיימקומען! זי האָט נאָך אָפּגעטרעטן ביים קרעמער. ער האָט זיך מיט איר געפרייט און געפרעגט פאַרוואָס מען האָט זי שוין אַזוי לאַנג נישט געזען. זי האָט אויף זיין פראַגע נישט געענטפערט. — הערמאַן וואַרט אויף מיר — האָט זי געזאָגט, און זיך אַרויסגעאיילט פון געוועלב. — כ׳באַלאַמוטשע צופיל אַרום, זיי קענען באַלד אַהיימקומען — האָט זי הויך גערעדט צו זיך.

זי איז שנעל אַריין אין דער וווינונג און נאָכדעם ווי זי איז אַ ווײַלע געשטאַנען אין קאָרידאָר האָט זי זיך געלאָזט לויפן אין די שטובן. און דער לעצטער שטוב איז זי שטיין געבליבן, אַראָפּגעלאָזט דעם קויש אויף דער ערד און שווער אָפּגעזיפצט. — ער וואַרט אוודאי ביז זיי וועלן אַרויסקו־מען — האָט זי געטראַכט — יאָ, מען דאַרף עפּעס טאָן — האָט זי זיך דער־

מאַנט. זי האָט מיט דער האַנט געזוכט דעם קויש אויף דער ערד. די שטוב איז געווען פול מיט ליכט און די זון האָט איר געשטאָכן אין די אויגן. ס'איז איר מיטאַמאָל קאַלט געוואָרן. — מ'דאַרף גאָר איינהייצן, זיי וועלן אַהיימקומען פון די קאַלטע קעלערס. זי האָט ווייטער אָפּגעזיפצט. — אַזוי שנעל וועלן זיי נאָך נישט קומען, זיי וועלן אים נאָך דאָרט געבן די נשמה אַרויסציִען. אָבער זי האָט באַשלאָסן, אַז זי זאָל שוין איינהייצן דעם אויוון, ס'זאָל זיין וואַרעם ווען זיי וועלן אַהיימקומען. זי האָט אַריינגעלייגט האָלץ אין אויוון און אונטערגעצונדן. — ווי שנעל זיי זענען אַוועק, און ווי זיי זענען געגאַנגען איינער לעבן צווייטן און צו איר אַרויפגעוווּנקען... זי האָט נישט ריכטיק געקאָנט זען ווי זיי האָבן אויסגעזען, אָבער זי האָט געהערט זייער קול — אַ גוטן טאָג מאַמע, אַ גוטן טאָג, חנה! זי דערמאָנט זיך אַז בינעמס קול איז געווען הייזעריקלעך, אויך ווען ער האָט צו איר גע־רעדט אין שטוב. ער האָט זיך פון איר נישט געלאָזן אָנרירן. — און הער־מאַן איז נאָך נישטאָ.

דאָס פייער אין אויוון האָט געהאַלטן ביים אויסגיין, זי האָט אַריינגע־שיט קאָקס. — אויב איך וועל אַלץ טאָן אויף דעם אופן, וועט היינט קיין מיטאָג נישט זיין!

אין קיך איז זי ווייטער שטיין געבליבן — וואָסער חושך דאָ איז, ס'יאָגט אַרויס! שוין אַזוי לאַנג גאָרנישט געטאָן. אַז דער קריג וועט אויפהערן: וועט זי אַליין לאָזן אַביסל אויפפרישן. די הויז־אייגנטימער ווייסן נאָר געלט צו נעמען, אָבער עפּעס מאַכן, דאָס ניט!... זי האָט אָנגעצונדן די גאַז־אַפּאַראַטן און דערוויל אַרויפגעשטעלט וואַסער. זי האָט זיך געפילט אַ ביסל דערוואַ־רעמט. זי האָט געוואָלט וויסן ווי שפּעט עס איז, אָבער זי האָט נישט גע־וואָלט קוקן אויפן זייגער. — אָבער מען דאַרף זיך נעמען עפּעס צו טאָן, זיי קענען באַלד אַהיימקומען! זי האָט אויפגעפּאַקט די פיש: — אוי, וואָסערע פיש כ'האָב היינט געקריגן, און וואָס פאַר אַ ראש־השנה עס האָט היינט געקאָנט זיין! — האָט זי הויך אויפן קול געזאָגט. — יאָ, עס האָט געקאָנט זיין, עס האָט געקאָנט זיין, — איז זי אָפּהענטיק שטיין געבליבן. אָבער זי האָט נישט געוואָלט פאַרזעצן דעם געדאַנק און זיך ווייטער גענומען צו די פיש.

זי איז היינט געווען מער פּעדאַנטיש ווי שטענדיק, זי האָט זיך באַמיט,

אַז די שטיקלעך זאָלן זיין פון דער זעלביקער גרויס. זי האָט זיך כסדר ניט געקאָנט אָפּװוּנדערן װאָסערע טייערע פיש זי האָט היינט. דאָס אויסגעהויי־לעכטס איז געלעגן אויפן ברעטל, ווי עס וואָלט נאָך געלעבט. די שטיק־לעך זענען איר געלאָפן פון די פינגער און האָבן געוואָלט צוריק אַרויס־שפּרינגען פון דער מאָל־מאַשין. — מען װעט זיי דאַרפן מאָלן צוויי מאָל — האָט זי באַשלאָסן. און נאָכדעם, ווי זי האָט זיי שוין געהאַט געמאָלן צוויי מאָל איז זי געשטאַנען און געקוקט אויף דער ווייסער, פעטער, מאַסע, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויפן האַקברעטל און געוואַרט וואָס זי וועט דאָ איצט ווייטער טאָן מיט איר.

זי האָט צוויי מאָל איבערגעגאָסן דאָס איי־געלבל פון איין האַלבער שאָל אין דער צווייטער, צו זען אויב ס׳איז נישטאָ קיין בליץ־טראָפּ, איי־דער זי האָט עס אַריינגעטאָן אין געפּילעכטס. און נאָכדעם, ווען זי האָט געהאַט אַריינגעטאָן אַלע אַנדערע זאַכן, האָט זי פאַרזוכט, געקלערט אַ ווײַלע און צוגעשיט נאָך אַ ביסעלע צוקער: — די קינדער האָבן ליב זיס. נאָכאַמאָל צוגעפּירט דעם שפּיץ מעסער צו דער צונג און אַריינגעשיט נאָך אַ ביסעלע פּעפער: — בינעם האָט ליב שטאַרקע פיש. און באַלד זענען זיי געשטאַנען אויפן גאַז און זיך לוסטיק געקאָכט אויפן פייער און זיי האָבן פול געמאַכט די קיך מיט זייער דורות־אַלטן, היימישן, װוּנדערבאַרן ריח, ער האָט זיך באַלד פאַרשפּרייט אין אַלע שטובן און איז אויך אַרויס אויף די טרעפּ, געררייצט, און געקיצלט די שכנים אין די נעז און זיי דער־ציילט, אַז פרוי האָכבערג מאַכט היינט יום־טוב!

חנה האָט איצט נישט געוואָלט קלערן וועגן קיין זאַך, ווי נאָר וועגן מאכלים וואָס זי קאָכט, אַז זיי זאָלן איר גוט געלונגען, און וועגן איר הויז־געזינד, וואָס וועט באַלד אַהיימקומען און זיך זעצן אַרום טיש און עס וועט זיין גוט און היימלעך, אַזוי ווי שטענדיק, אַזוי ווי יעדן יום־טוב!

און די מאכלים זענען איר היינט גוט געלונגען: די פיש האָבן אַרויס־געקוואָלן פון טאָפּ, זי האָט זיי יעדעס מאָל געמוזט אַראָפּדריקן מיטן לעפל. די יויך האָט געהאַט אַלע גוטע טעמים, ס׳האָט איר נאָר פאַרדראָסן, וואָס זי האָט נישט באַקומען אַ שטיקל לעבער אויף צו קענען מאַכן קרעפּלעך. זי וואָלט דין געוועלגערט און געמאַכט אַקוראַטע שפּיצן. ווען הערמאַן איז געווען קליין, האָט ער געזאָגט אַז עס ענדלט צו אַן אַדמיראַלס הוט. זי

אין יענע טעג

האָט אויפגעהערט צו ווערגלען: — ס׳איז שוין אַזוי לאַנג ווי זיי זענען אַוועקגעגאַנגען און הערמאַן איז נאָך נישטאָ! זי מוז פאַר אים אָפּקאָכן אַ פּאָר קאַרטאָפל, זיי קענען קומען יעדן אויגנבליק. זי האָט זיך גענומען ווערגלען: זי מוז זען פאַרטיק צו ווערן! זי האָט צוזאַמענגעוויקלט דאָס טייג און גענומען שניידן די לאָקשן. ס׳מעסער איז אַזוי שנעל געגאַנגען, אַז עס האָט איר געמיניעט אין די אויגן און ס׳האָט איר געשטאָכן אין די שפּיץ־פינגער, אָבער זי האָט נישט געוואָלט אויפהערן צו שניידן. זי האָט געוואָלט זיין פאַרטיק איידער זיי וועלן אַהיימקומען... זי האָט נאָך אַפילו צום טיש נישט געדעקט!

זי איז אַריינגעגאַנגען אין עס־צימער. אין קאָרידאָר האָט דער שפּיגל פאַרכאַפּט איר בליק. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט: — אוי, ווי כ׳זע אויס! — זי האָט גענומען גלייך־מאַכן די האָר, אָבער זי האָט נישט געקאָנטליידן דאָס דאָזיקע פּנים: — אַלץ איינס! — איז איר דורכגעפלויגן אַ געדאַנק און עס איז איר געוואָרן אַזוי ליידיק און אַזוי וויסט אין קאָפּ. אָבער זי האָט געדענקט, אַז זי האָט נאָך נישט געגרייט צום טיש. זי איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב, צוגעגאַנגען צו דער וועש־שאַנק אויף אַרויסצונעמען אַ טישטוך. זי איז געשטאַנען און געזוכט, באַטאַפּט יעדעס שטיקל. זי האָט זיך געוואָלט דערמאָנען ווען זי האָט עס געקויפט, און צי מען האָט עס אַ סך גענוצט. צי דאָס העמד קליידט בוגימען, און אויב הערמאַן וועט נאָך יענץ קענען טראָגן. פון זיינע זאַכן האָט זי אַ סך קאַסירט, אַלץ שוין צו־קליין. אַ שטיקל וואָלנס האָט זיך אַריינגעכאַפּט צווישן די לייוונטענע, זי האָט עס צוריקגעלייגט אויף זיין פּלאַץ. פון די טישטוכער איז זי אין גאַנצן נישט געווען צופרידן, קיין איינס איז איר היינט נישט געפעלן. זי וועט זיי קאַסירן באַלד נאָכן קריג, נאָר דאָס טישטוך, וואָס זי האָט צום סדר וועט זי באַהאַלטן. יאָ, דאָס וועט זי אויך היינט אַרויפלייגן.

עס איז געווען אַ גרויס טישטוך און זי האָט געוואָלט אויסציִען דעם טיש, אָבער זי האָט זיך דערמאָנט, אַז עס וועט זיי אויסקומען צו זיצן צו וויט איינער פון צווייטן. די פאַלדן אין די קאַנטן האָבן איר געאַרט. זי האָט זיי גענומען אויסציִען, גלייכמאַכן מיט די פינגער, אָבער זיי זענען געווען צו שטאַרק פאַרמאַנגלט און זי האָט געמוזט אויספּרעסן. זי האָט

זיך געבייזערט אויף בינעמען: — ער האָט קיינמאָל נישט קיין צייט און קיין מאָל נישט קיין געדולד צו העלפן אָרנטלעך צולייגן!..

דאַן איז זי צוגעגאַנגען און אויפגעעפנט דעם קרעדענץ. ער איז גע־װען פול מיט װײס־בלאַנקענדיק געפעס. גלעזער, פון אַלערליי גרויס און אַלערליי מינים זענען געװען צירלעך געאָרדנט, װי אין אַן אויסשטעל־פענצטער. זי האָט געקלערט פון װעלכן סערװיז זי זאָל נעמען. דעם מיט די גאָלדענע רענדלעך, האָט זי ערשט געקויפט צו סימאַס חתונה, פאַר אַכצן פּערזאָן, אַ פאַמיליע פאַרגרעסערט זיך, קינדער האָבן ליב מיט גאָל־דענע רענדלעך. זי האָט געזען אומבאַשטימטע קינדערשע פּנימלעך. זיי זענען געזעסן אויסגעזעצט אַרום טיש, לאַכעדיקע, שטיפערישע פּנימלעך. זיי טוען אָפּ כלערליי זאַכן. סימא בייזערט זיך אויף זיי, זיי מאַכן אַ תל פון טישטוך, אָבער איר אַרט עס נישט: מען װעט עס אויסװאַשן. און טאָמער װעט חלילה עפּעס צעבראָכן װערן, איז אויך נישט קיין אומגליק! מען װעט קויפן נייעס, ס׳איז מזל.

דאַן איז זי געשטאַנען ביים טיש מיט די טעלער אין האַנט און נישט געוווּסט, וואָס זי זאָל טאָן מיט זיי. זי האָט נישט געדענקט ווי איר בני־בית פלעגט זיצן. עס האָט איר געשווינדלט פאַר די אויגן. די פאָרמען פון טיש זענען געוואָרן אומקלאָרע, ער האָט זיך געוויגט און געדרייט, די טעלער האָבן זיך אויסגעבויגן, זי האָט מורא געהאַט, אַז זי זאָל זיי נישט אַראָפּלאָזן: — אוי, כ׳בין עפּעס אַזוי שוואַך געוואָרן, כ׳טאָר נישט, כ׳מוז זיך שטאַרקן! — האָט זי הויך געזאָגט. זי האָט גענומען אויסשטעלן די טעלער. ביי יעדן פון זיי האָט זי צוגעזאָגט מיט אַ שוואַך קול און אַ טייטש־חומש ניגון: — דאָ וועט זיצן מיין מאַן, דאָ וועט זיצן הערמאַן, דאָ וועט זיצן סימאַ, דאָ וועט זיצן וויקטאָר, און דאָ וועט זי אַליין שטיין און אויפ־געבן דאָס עסן. כ׳מוז מיך שטאַרקן — האָט זי ווייטער געזאָגט. זי האָט אויסגעלייגט די זילבערנע גאָפּל־לעפּל־מעסער, אויסגעשטעלט די גלעזער, זי האָט אויך געפינען די ליכט, זיי אַריינגעשטעלט אין די זילבער לייכ־טערס, וואָס זי האָט געקריגן פון דער היים, און נאָכדעם, ווי זי האָט שוין געהאַט סערווירט, האָט זי זיך אַביסל אָפּגערוקט פון טיש צו זען, אויב אַלץ איז אין אָרדענונג. און בעת זי איז אַזוי געשטאַנען און געקוקט, איז אויף איר פּלוצים אָנגעפאַלן אַ גרויסע אימה. אינעם לעצטן טאָג־ליכט,

אין יענע טעג

האָט דער ווייסער, צירלעך אויסגעשטעלטער טיש אויסגעזען אומווירקלעך, ווי אַ געשפּענסט אַוועקגעשטעלט פון שדים. און אַלע זאַכן, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען, זענען טויטע זאַכן צוזאַמענגעברענגט פון נישט־גוטע. די זאַכן אָבער, זיי זענען נאָר אויגנשיינלעך טויטע, וועלן באַלד אָננעמען פאַרשידענע געשטאַלטן, וועלן זיך אויפהייבן און אַרומפליִען מיט גרויס שפּאָט און געלעכטער אין שטוב... נאָר אָט גייט ווער אויף די טרעפּן. מענטשן, אַ סך מענטשן! זי איז צוגעלאָפן און אויפגעעפנט די טיר, עס זענען נישט געווען זיי. עס זענען געווען געסט, געבורטס־טאָג־געסט צו די האַבסענס, אויפן דריטן שטאָק. עס איז היינט ביי זיי אַ גרויסע שמחה, זייער עלען ווערט היינט צוואַנציק יאָר. זיי האָבן אויסגעקויפט דאָס גאַנצע ביר ביים קרעמער, מען וועט שוין הוליען אַ גאַנצע נאַכט. זי איז צוריק אַריין אין שטוב.

די פענצטער זענען געשטאַנען גרויע, שטילע און פאַרלאָזענע. אין שטוב איז שוין געווען האַלב פינצטער. פון אומעטום האָבן אויף איר געקוקט שאָטנס מיט שוואַרצע, ליידיקע אויגן־לעכער האָבן זיך אַרום איר באַוועגט ווי זיי וואָלטן אויפגעפירט אַ טאַנץ, ווי זי שטייט אינמיטן און זיי טאַנצן פאַר איר כבוד וועגן. זי האָט זיך צוגערוקט צום ליכט און אַ דריק געגעבן אין קנעפּל. אַ רויט קייקעלע האָט זיך אַ קאָלער געגעבן אויפן באַלקן און איז באַלד צוריק פאַרפאַלן געוואָרן אין דער פינצטערקייט פון שטוב. זי האָט אָנגעצונדן נאָך אַ ליכט און נאָך אַ ליכט, אַלע ליכט! אויך די לאָמפּן אויף די ווענט. זי האָט אַ ציטער געגעבן ביי יעדן דריק אין קנעפּל, ווי אַ געהיימער, קאַלטער פינגער וואָלט אָנגעטראָפן אין איר נאַקעטן רוקן. אין שטוב איז איצט געווען בלענדנד העל, אַ בלייך רויט שעמערירנדיק ליכט האָט זיך געשטופּט און אָנגעפילט אַלע זאַכן. זיי האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געווען אָנגעשוואָלן, זיי זענען אַזוי גרויס געווען, אַז זיי האָבן פאַרנומען די גאַנצע שטוב און עס איז נישטאָ מער קיין פּלאַץ דורכצוגיין. זי האָט מורא געהאַט זיך אַ ריר צו געבן, אַז זי זאָל זיך נישט ערגעץ אָנשטויסן און אומפאַלן; און סימאַס בילד איז אויך אַזוי גרויס געוואָרן, דער שלעפּ פון איר חופּה־קלייד ליגט צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וואַנט און הענגט אַראָפּ ביז אונטערן סאָפּקעלע. נאָר איר פּנים איז אַזוי קליין ווי זי וואָלט נאָך געווען אַ קליין מיידעלע.— סימאַ! —

װײַל זי רופֿן, אָבער עס איז נישטאָ קיין צוזאַמענהאַנג אין איר שטימע. עס האָבן זיך פֿון האַלדז אַרויסגעריסן נאָר פֿאַרשטיקטע, יאָמערפֿולע קולות. זיי האָבן אַרומגעציטערט אין ליכט און װי פֿאַרװוּנדעטע פֿייגל אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער ערד און זענען געבליבן טויטע פֿאַר אירע פֿיס. — זיי װעלן שוין נישט קומען, זיי װעלן שוין נישט קומען!... איר גאַנץ לײַב האָט געװיינט, אַ מאַכטלאָזן, אַ האָפֿענונגלאָז געװיין.

זי איז צוגעגאַנגען און אויפֿגעמאַכט דאָס פֿענצטער און אַראָפּגעקוקט אין גאַס אַריין. אונטן איז געװען פֿינצטער און שטיל, ס'איז שוין געװען אין דער פֿאַרבאַט־שעה, ס'איז שוין קיינער נישט געגאַנגען, נאָר פֿון אויבן, פֿון די האַנסעס, איז אַראָפּגעקומען אַ געדעדריי פֿון פֿריילעכע, יום־טובֿ־דיק געשטימטע מענטשן. עס האָט זיך אַרומגעטראָגן אין גאַס און איר געטראָפֿן אין פּנים אַריין. זי האָט צוריק פֿאַרמאַכט דאָס פֿענצטער.

— זיי װעלן שוין נישט קומען, זיי װעלן שוין נישט קומען. ס'האָט איר אַזוי װיי־געטאָן ביים האַרצן. זי האָט געפֿילט, אַז זי קען נישט מער שטיין אויף די פֿיס. זי האָט זיך צוגעשלעפּט צום סאָפֿקעלע און זיך אַװעקגעזעצט, אינמיטן סאָפֿקעלע האָט זי זיך געזעצט, אַזוי װי נעכטן, װען ביי איר רעכטער זייט איז געזעסן הערמאַן און ביי איר לינקער זייט — בינעם. נאָר זי האָט נישט קיין כּוח געהאַט לאַנג אַזוי צו זיצן. זי האָט זיך צוגערוקט צום װינקל און זיך אָנגעשפּאַרט אין זייטן־שטיק.

— זיי האָבן מיך גענאַרט, זיי האָבן מיך גענאַרט!... הערמאַן װעט נישט לאָזן זיין טאַטן דאָרטן אַליין אַהינגיין. כ'האָב דאָס געדאַרפֿט װיסן, כ'האָב דאָס געװוּסט, אַװדאי האָב איך דאָס געװוּסט, נאָר כ'האָב מורא געהאַט מיטצוגיין, האָט איך זיך געלאָזן איינרעדן. כ'האָב מורא געהאַט, און איצט, איצט בין איך אַליין. כ'װעל דאָ אויסגיין און ס'װעט קיינער נישט װיסן. אין אַ װיסטעניש זיץ איך. מיין שטוב איז געװאָרן אַ װיסטעניש, און איך זיץ אַליין אין דער װיסטעניש. זיי קענען נאָך קומען מאָרגן? ניין! ניין! זיי װעלן שוין נישט קומען, נישט מאָרגן, נישט איבערמאָרגן, נישט קיינמאָל נישט. — גיי דו אַהיים, מאַמע, מען װעט אונדז באַלד אַרויסלאָזן, פֿאַרװאָס זאָל מען אונדז נישט אַרויסלאָזן?... ניין, סימאַ, מען װעט דיך נישט אַרויסלאָזן, װײַל דו ביסט אַ ייִדישע, יאָ, דערפֿאַר װעט מען דיך נישט אַרויסלאָזן. כ'האָב איך געװאָלט פֿאַרזיכערן, איך אַװעקנעמען

פון שונאס האַנט, ער זאָל איך נישט דערגרייכן, האָט גאָט נישט געוואָלט. פאַרוואָס האָסטו נישט געוואָלט, גאָט, פאַרוואָס? כ׳האָב זיך אפשר גרויס־געהאַלטן מיט מיינע קינדער? יאָ, כ׳האָב זיך, כ׳האָב זיך! אָבער דו האָסט זיי מיר געגעבן, דו אַליין. און איצט האָסטו זיי צוריק גענומען, אַלעמען האָסטו צוגענומען. נאָר מיך אַליין האָסטו איבערגעלאָזן, איך האָב נישט זוכה געווען! דער טאַטע מיטן זון זענען אַליין אַריינגעגאַנגען אין די טויערן פון טויט. אויפגעפּראַלט זענען זיי געשטאַנען די טויערן פון טויט! און אַלע וועגן האָבן געפירט אין זיי! נאָר איך אַליין בין געבליבן אין דרויסן, אַזוי זינדיק בין איך, אַזוי גרינג בין איך! ס׳וועט ווערן טאָג וועל איך אַהינגיין, זאָלן זיי מיך אויך נעמען. — שטאַרק זיך! האָט ער געזאָגט; שטאַרק זיך, חנה! אַ מענטש דאַרף זיך שטאַרקן! ניין בינעם, כ׳קען נישט, כ׳קען נישט מער! כ׳בין מיד, בינעם, כ׳שפּיר מער נישט די אברים. כמאַ־רעס גייען מיר פאַר די אויגן, כ׳זע גאָרנישט, בינעם, כ׳זע גאָרנישט!... שוואַרצע בעזימלעך האָבן זיך געדרייט אין ליכט. זיי זענען געוואָרן קלענער און קלענער ביז זי האָט זיי מער נישט געזען. אַ פינצטערניש האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער אַלעם, זי לאָזט זיך אַראָפּ, אָט ליגט זי אויף איר קאָפּ, דריקט איר אויף די אַקסלען, זי קען זיך קיין ריר נישט טאָן, זי קען דעם אָטעם נישט כאַפּן! נאָר איצט ווערט איר לייכטער. פון ערגעץ ציט זיך אַרויס אַ ליכטיקייט, עס שפּרייט זיך אויס אין אַלע זייטן. אוי, ווי ליכטיק עס איז! אַזוי ווי ביי איר אין שטוב. ס׳איז טאַקע ביי איר אין שטוב. דאָ שטייט דאָך דער געדעקטער טיש און בינעם און די קינדער זענען אויך דאָ. זיי שטייען און רייסן פון טישטוך און וויקלען זיך איין אין די פאַסן. — ס׳יום־טובדיקע טישטוך, ס׳וועט נישט זיין וואָס אויפ־צולייגן צום סדר!... — וויל זי שרייען, נאָר זי באַרעכנט זיך: זאָל דאָס זיין אַן אָפּקומעניש, אַבי זיי זענען שוין דאָ!... אָבער דאָס טישטוך אי׳ז גאָרנישט צעריסן און זיי זיצן אַלע אַרום טיש און זי שטייט און גיט אויף דאָס עסן, אָבער קיינער קוקט נישט אויף איר. זיי גייען אָנגעטאָן אין תכריכים. זיי רעדן נישט אויס קיין וואָרט און ווי זיי וואָלטן נישט געזען איינער דעם צווייטן. — הערמאַן, זאָגט זי, אָבער זי הערט זיך נישט רעדן און הערמאַן קוקט זיך נישט אום. זי וווּנדערט זיך, וואָס זי האָט גאָר נישט קיין מורא. וואָס זאָל זי מורא האָבן, עס איז דאָך בינעם מיט די קינדער!

אָבער בינעם קוקט אויך נישט אויף איר. זי זעט ווי עס רינען אים טרערן איבערן פּנים, ער וויינט, בינעם וויינט! בינעם, שרייט זי, נאָר עס קומט נישט אַרויס קיין קלאַנג פון איר מויל. זי פילט זיך וואָס אַמאָל שוואַכער און שוואַכער און אַט האָבן זיך איר אין גאַנצן אויסגעלאָזן די כוחות. זי איז אויפגעקומען.

אַ טויטע רו האָט געהערשט אין שטוב. עס האָט איר אויסגעזען, ווי זי אַליין וואָלט אויך געווען טויט, און זי זיצט אין אַ גרויס ליכטיק קבר און וואַרט אויף עפּעס. — פאַרגעסן — האָט זיך איר געפּלאָנטערט אין קאָפּ, — פאַרגעסן!...

**
*

עס האָט שוין געמוזט זיין שפּעט אויף טאָג, ווען די שכנה איז אַריין געקומען. אַז זי האָט דערזען דעם געדעקטן טיש און די באַלויכטענע שטוב, האָט זי מורא געקריגן און זיך געוואָלט צוריקציִען. אָבער די צוזאַמענגע־קאַרטשעטע, גרויע געשטאַלט אויפן סאָפּקעלע האָט איר צוריקגעהאַלטן. עס האָט איר אויסגעזען, אַז עס איז פרוי האָכבערג. זי איז צו איר צוגע־גאַנגען: — פרוי האָכבערג!... — חנה האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, נאָר האָט גאָרנישט געענטפערט. די פרוי איז געשטאַנען, האָט געקוקט אויף חנהן און זיך אָנגעהאַלטן ביים האַרצן: — אוי גאָט, אוי גאָט! אַז זי האָט זיך אַביסל באַרויִקט האָט זי געזאָגט:

— פרוי האָכבערג, כ׳האָב געזען, אַז עס איז שוין אַזוי שפּעט און די גאַרדינען זענען נאָך אַראָפּגעלאָזן, האָב איך געוואָלט זען, וואָס עס איז ביי אייך. די טיר איז געווען אָפן. ווייסט איר, אַז די דייטשן האָבן ביינאַכט צוגענומען די ייִדן? ווו זענען אייערע? הערמאַן און אייער מאַן?

— זיי זענען שוין דאָרטן! — האָט חנה שוואַך געענטפערט.

די פרוי האָט זי נאָך אַ ווײַלע באַטראַכט, דאַן האָט זי זיך געכאַפּט, אַז זי וועט נאָר אַריינרופן איר זון.

צען מינוט שפּעטער האָט זיך אַן אַמבולאַנס מיט אַ דראָענדן ליאַרעם ווילד געטראָגן איבער די קאָפּענהאַגער גאַסן. איר נויט־סיגנאַל האָט אַן אויפהער געשריגן: אויס דער וועג! אויס דער וועג! קיינער זאָל זיך מיר

נישט וואַגן צו דערנענטערן! איך וועל זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיינעם! איך וועל זיך נישט אָפּשטעלן; איך וועל זיך נישט אָפּשטעלן!...

ערשט אונטער דער שטאָט האָט דער בויט־סיגנאַל אויפגעהערט צו שרייען און זי האָט פאַרלאַנגזאַמט איר טעמפּאָ.

חנה איז געלעגן אויף אַ בעטל און נעבן איר איז געזעסן דער שכנהס זון. ער האָט זיך צו איר אַראָפּגעבויגן:

— פרוי האָכבערג, מיר האָבן אייך מורא געהאַט אַריינצולייגן אין אַ געוויינלעך שפּיטאָל. זיי וויסן שוין, אַז מען באַהאַלט דאָרט יידן און קענען נאָך קומען זוכן. אין ראַסקילדע וועט איר נאָר זיין אייניקע טעג, ביז עס וועט זיך אַביסל באַרויקן און מיר וועלן געפינען אַ שיפל אייך אַריבערצופירן נאָך שוועדן. נאַטירלעך, וועלן מיר אייך אַריינלייגן אין אַ רויקער אָפּטיילונג!

זי האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט און האָט אויף אים גלייך געקוקט, בעת ער האָט גערעדט, אָבער ער איז נישט געווען זיכער צי זי האָט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט געזאָגט...

אין דער ראַציאַ־נאַכט

אברהם קאַץ האָט אין יענע טעג אָפט געטראַכט וואָס ער זאָל טאָן, ווען די דייטשן וועלן זיך נעמען צו די ייִדן. זיין ווייב איז ניט געווען קיין ייִדישע, זיינע טעכטער האָבן אויך ניט געענדלט צו קיין ייִדן. פאַר זיי האָט ער ניט מורא געהאַט. אָבער ער אַליין וועט זיך מוזן ערגעץ באַהאַלטן. ס׳איז ניט געווען קיין לייכטע זאַך. געוויס האָט ער זיין ווייבס קרובים, און אַנדערע דעניש פריינט. אָבער ער האָט ניט געוואָלט ביי קיינעם בעטן קיין טובות, און דער עיקר ניט ביי זיין ווייבס קרובים. ער וויל ניט האָבן ער זאָל זיי שטענדיק זיין אַ בעל־חוב, — זיי האָבן אים געראַטעוועט ס׳לעבן! צום סוף איז ער געפאַלן אויף אַ פּלאַן, אַז ער וועט גאָר אַרויספאָרן אין זיין זומער־הייזל, אין זיין גאָרטן. עס ליגט ווייט פון שטאָט פאַרוואָרפן אין אַ געסל, ביים ים, ווו עס גייען ניט קיין סך מענטשן, באַזונדערס איצט, ווען עס איז שוין נאָכן זומער. ס׳איז נאָך דאָ גענוג צו טאָן אין גאָרטן. ער וועט זיך אויפהאַלטן אין זיינע ווייטסטע טיילן, דיביימער וועלן אים באַהאַלטן פאַרן דרויסן. אין אַ רויִקן טאָג וועט ער זיך אַריינזעצן אין זיין שיפל און אַרומפאָרן אויפן וואַסער כאַפּן פיש. ער וועט רויִק זיצן מיט אַ פישער־שטאַנג אין האַנט און כאַפּן פיש. ס׳וועט קיינעם ניט איינפאַלן, אַז דער דאָזיקער איינזאַמער פישער איז אַ ייִד. און ער דאַרף זיך אייגנטלעך גאָרנישט אַזוי באַהאַלטן. ער וועט זיך אָנטאָן אין גראָבע אַרבעטס־קליידער, און אַרומגיין און אויסזען, ווי איינער פון די גויִים דאָרטן. זיינע האָר האָבן שוין לאַנג די קרייזלעך פאַרלוירן, און זיי זענען שוין אויך גרוי. גרויע האָר זענען אַלע גלייך. און אויך זיין פּנים איז שוין גרוי און קאַרביק, ווי אַנדערע עלטערע פּנימער. ס׳דרייען זיך

דאָרטן אַרום אַ סך אַזעלכע עלטערע מענטשן, ער װעט זיך מיט זײ לײכט אויסמישן, אַ פרעמדער װעט נישט דערקענען, װעט נישט זען קײן חילוק. ס׳זאָל נאָר נישט זײן װער פון די שכנים. אָבער ער גלײבט ניט. אַזױ פיל יאָרן געלעבט מיט זײ צוזאַמען, געהאַלטן אָרנטלעך דעם גאָרטן, מיטגעװען צו אַלץ, צו אײנזאַמלונגען, פאַרװײלונגען, צו אַלע זאַכן. נײן, ער גלײבט נישט. מיט דעם שכן פון קעגנאיבער איז ער עפּעס ניט גאַנץ זיכער. מען זאָגט, אַז ער איז אַ נאַציסט, אַפילו אַ מיטגליד אין דער פּאַרטײ, אָבער ער גריסט פרײנדלעך, װען זײ טרעפן זיך, נאָר אויסגערעדט אַ װאָרט האָבן זײ נאָך נישט צו זיך, הגם ער װױנט שױן דאָ דאָס דריטע יאָר. אָבער ער װעט עס ניט טאָן, נײן, דאָס װעט ער נישט טאָן. ער דאַרף נאָר אַראָפּנעמען דאָס שילדל פון טירל און איבערשמירן דעם העברעיִשן נאָמען, דאָ אין דער פרעמדער סביבה. דאָס איז געװען זײן ייִדישער פּאַס, זײן ייִדישע פאָן, צוזאַמען מיט דעם דעניש אין גאָרטן. עס האָט אים שטענדיק הנאה געטאָן, װען די שכנים האָבן אים געפרעגט, װאָס דאָס איז פאַר אַ נאָמען, און ער האָט זײ געקענט דערקלערן, אַז עס איז העברעיִש און באַדײט: „זון פון מײן פאָלק“. די שכנים האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ: אַזאַ משונהדיקער נאָמען נאָר אויף אַ הײזל!

פאַר אים אָבער איז דער נאָמען נישט געװען משונהדיק. ער האָט אים דערמאָנט װער ער איז, און געמאָנט בײ אים געטרײשאַפט צו זײן אָפּשטאַמונג. אָן דעם נאָמען האָט זיך אים אָפּטמאָל געדאַכט, װאָלט ער גיך פאַרפאַלן געװאָרן אינעם אַרום צװישן גוטע, אָבער פרעמדע מענטשן. מאָדנע, דעם דאָזיקן געפיל האָט ער שטענדיק, װען ער איז מיט זײ צוזאַמען, כאָטש ער װױנט שױן דאָ באַלד דרײסיק יאָר. ער זוכט אים צו באַקעמפן, אָבער עס געלינגט אים נישט. ער זוכט מיט זײ צו זײן הײמיש. רופט זײ בײם פאָרנאָמען, איז אויף דו מיט זײ, װי ער װאָלט געװען אײנער פון זײ. נאָר ער װײסט, אַז ער איז עס נישט, אַז זײן הײמישקײט איז אַ געקינצלטע, און זײ זעען עס. ער װײסט נישט װער עס איז שולדיק, נאָר ער װײסט אַז אַזױ איז עס.

עס איז געװען אַרום אָװנט, װען ער איז אין דעם טאָג, פאַר דער ראַציאַ־נאַכט, אַרויסגעקומען אין זײן הײזל. ער האָט זיך אַרױפגעצױגן אין דעם אױבערשטן שטיבל, װאָס האָט אױסגעזען, װי אַ טורעם אין אַ מיטל-

אַלטערלעכן שלאָס מיט אַ פּירקאַנטיק פענצטערל צום ים צו. געוויינט־לעך האָבן דאָרטן געוווינט די קינדער.

די זון האָט גראָד געהאַלטן ביים אונטערגיין און איבערגעלאָזן שאָטנס, ווי לאַנגע רויטע ווערים, אויף די בילדער און צייכענונגען, וואָס זענען געהאַנגען אויף די שמאָלע, ווייס־געמאָלענע ווענטלעך.

אומעטום אין די גערטנדלעך איז געווען שטיל. די שכנים זענען שוין אַלע געהאַט צוריקגעפאָרן אין שטאָט אַריין. מען האָט אין ערגעץ נישט געזען קיין מענטשן. ער האָט אונטערגעפּרוירן. ס׳האָט אויסגעזען, אַז עס וועט זיין אַ קאַלטער אָוונט. ער האָט ערגעץ געפונען אַ ביסל פאַרב און אַ פּענדזל און איז אַרויסגעגאַנגען איבערפאַרבן דעם נאָמען „בן עמי״. ער האָט געקוקט אויף די בוכשטאַבן און האָט אַ שווערץ זיפץ־געטאָן, ווי ער וואָלט זיך געגאַנגען אַליין אויסמעקן. די קוואַדראַטנע בוכשטאַבן האָבן זיך איינגעעקשנט, און וויפל ער האָט נישט געמאָלן, האָבן זיי אַלץ אַפּירגעקוקט פון דער פאַרב. ער האָט צו זיי גערעדט:

— קינדערלעך, מיר מוזן זיך איצט באַהאַלטן. ס׳גייט אַ גרויסער שטורעם איבער דער וועלט. כ׳זאָג אייך צו, אַז אויב כ׳וועל בלייבן לעבן, וועל איך אייך צוריק אַרויסברענגען אויפן זעלבן אָרט, און פּונקט אַזוי שיין ווי פריִער. און אויב כ׳וועל ניט בלייבן לעבן, איז עס דאָך אייך אַלץ־איינס, וועט זיך קיינער אויף אייך סיי־ווי־סיי נישט אומקוקן, און קיינער וועט ניט וויסן אייער באַטייט.

ער האָט זיך דערמאָנט, ווען זיין מאַמע האָט אים דאָס ערשטע מאָל געפירט אין חדר אַריין און דער רבי האָט אים געוויזן דעם אלף־בית. יענע אותיות זענען אויך געזען אַזעלכע גרויסע, און האָבן אויך אויף אים אַזוי עקשנותדיק געקוקט. ער האָט אַרויפגעלייגט נאָך אַ ביסל פאַרב.
— „יאָ, מיר מוזן זיך באַהאַלטן, מיר מוזן זיך באַהאַלטן״ — האָט ער זיך ביי זיי געבעטן.

ער איז אַראָפּגעקראָכן פון דער לייטער צו זען, אויב זיי זענען שוין גוט פאַרשטעלט. אָבער זיי האָבן זיך נישט געלאָזן פאַרדעקן. די ווייסע קאָנטורן האָבן נאָך אַלץ אַפּירגעקוקט פון אונטער דער ברוינער פאַרב. נאָר אַ פרעמדער וועט שוין נישט קענען זען, וואָס דאָ איז געשטאַנען.

איצט, ווען דער ייִדישער נאָמען „בן עמי״ איז שוין ניט געווען מער,

האָט אים דאָס הייזל אַזוי מאָדנע פֿאַרענדערט אויסגעזען, ווי עס וואָלט נישט געשטאַנען אין זיין גאָרטן, און עס איז אַ ווילד פרעמד הייזל. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז עס איז ברוגז אויף אים, וואָס ער האָט עס צוגענומען דעם נאָמען, וואָס עס האָט אַזוי פיל יאָרן געטראָגן, און געמיינט, אַז עס וועט שוין אַזוי שטענדיק הייסן. ער איז אַרומגעגאַנגען און מיט אַן אַנטשולדיקונג אויף די ליפּן געקוקט דערויף, ווי ער וואָלט עס געוואָלט איבערבעטן, צוריק געווינען די פֿאַרטרוילעכקייט דערפֿון.

ער האָט ליב געהאַט דאָס דאָזיקע הייזל, האָט אַ גאַנצן ווינטער געבענקט דערנאָך, נאָך די גרויסע שטוב אונטן מיט די ברוינע ציילן, און דאָס שטיבל אויבן, ווי אַ טורעם. ער האָט זיך שוין לאַנג געקענט בויען אַ נייעם, אָדער אויסבויען עס, מאַכן עס באַקוועמער, גרעסער. דאָס ווייב און די קינדער האָבן כסדר געפּייניקט: ס׳איז שוין צייט זיי זאָלן וווינען אָרנטלעך, ווי אַנדערע מענטשן. ער האָט ניט געוואָלט הערן פון אַ פֿאַרענדערונג — „ס׳איז דאָ גענוג פּלאַץ, ס׳איז דאָ גאַנץ באַקוועם!“ — האָט ער געטענהט, הגם ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז עס איז ניט אמת, אַז זיי האָבן זיך נישט ווו אַהינצוטאָן. דאָס דאָזיקע קליינע הייזעלע האָט עפּעס ווי דערפילט אַן אַלטן חלום ביי אים, אַ טרוים פון זיינע אָרעמע יינגלשע יאָרן. דאָס איז געווען דאָס שלאָס, דער פּאַלאַץ פון דעמאָלט. די שטוב אונטן, איז געווען דער זאַל אינעם פּאַלאַץ, די פֿאַרשידענע פּלוצימדיקע פֿאַרטיפונגען, וואָס זי האָט געהאַט, ווי געהיימע ערטער, ווו מען האָט זיך געקענט באַהאַלטן, און מיטאַמאָל אַרויסשפּרונג צום אָנגריף און די שמאָלע טרעפּלעך, ווי אַ געהיימען אַרויפגאַנג צום טורעם, פון וואַנען מען האָט געקענט איבערזען דאָס גאַנצע שלאַכטפעלד און אויסגעפונען דעם שונא, און ער אַליין האָט זיך געפילט ווי אַ ריטער, וואָס וועט וויסן צו באַשיצן זיין ווייב און זיינע טעכטער פֿאַר רויבער און איבערפֿאַלער.

ווען ער איז צוריק געקומען צו דער פּאָסאדע איז שוין געווען אין גאַנצן טונקל, די בוכשטאַבן האָבן זיך שוין נישט געזען. ער האָט זיך געפילט אַזוי אַליין. ס׳איז אפשר געווען אַ בחינמדיקע אַרבעט, האָט ער געטראַכט. מיט וואָס בין איך דען זיכערער פון פריִער, ווייסן דען נישט אַלע ווער עס וווינט דאָ? הם, האָט ער אַ ברום־געטאָן. אַלע יאָרן געמיינט, אַז דאָס שטיקל ערד דאָ איז מיינס, אַז דאָ איז מיין דאָמענע, מיין פעסטונג,

אַז איך בין דאָ באַלעבאָס, כ'וועל נאָר פֿאַרמאַכן דאָס טירל, און איך בין פֿאַר מיר אַליין, בין זיכער. אָבער איך בין אַ „בן עמי" און אַ „בן עמי" איז אין ערגעץ און קיינמאָל נישט זיכער. זיין טירל וועט מען זיך דער־לויבן צו עפֿענען, איבער זיין פֿאַרקנדל וועט מען אַריבערשפּרינגען, דאָס וועט נישט זיין קיין גדר פֿאַר קיינעם. ניין, אַ „בן עמי" איז נישט זיכער. ער מוז שטענדיק זיין גרייט צו פֿאַרלאָזן זיין היים, און ערגעץ אין דער וועלט געפֿינען אַן אַנדער אָרט, אויף אָוועקצולייגן זיין מידן קאָפּ.

ער איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב. אינעווייניק איז געווען אין גאַנצן פֿינצטער. ער איז געבליבן שטיין, ווי דער חושך פֿון יעדע זייטן משופּע באַלטן וואָלט זיך אויף אים אַראָפּגעלאָזן, אים איינגעקלעמט, און ער קען נישט ווייטער גיין. ער האָט עפּעס פּלוצים אין גאַנצן נישט געדענקט, ווי די שטוב זעט אויס, וווּ עס געפֿינען זיך די פֿענצטער, וווּ די קיך ליגט, און וווּ עס שטייט דער טיש מיט די גרויסע נאַפֿט־לאָמפּ איבער אים. די פֿינצטערניש וועט מיר גיין אויף די נערוון, האָט ער מיט כעס געזאָגט, און האָט זיך מיט פֿעסטע טריט געלאָזן גיין צו די טרעפּלעך, וואָס האָבן אַרויפֿגעפֿירט אין טורעם־שטיבל.

ער האָט ניט אָנגעצונדן קיין ליכט, מען זאָל נישט זען, אַז עס וווינט דאָ ווער. ער איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטערל און אַרויסגעקוקט אויפֿן פֿינצטערן ים, וואָס האָט זיך ערגעץ אָוועקגעצויגן ווייט אין חושך אַריין. עס האָט אים אויסגעזען, אַז דאָרטן אין דער ווייטקייט, וווּ דער הימל לאָזט זיך אַראָפּ אין ים אַריין, שטייט אַ שיף, זי וואַרט אויף אים, דעם געפֿאַנגענעם אין טורעם. און באַלד וועט מען קומען און אים באַפֿרייען, נאָר אָט איז די שיף נישט מער געווען, ווי זי וואָלט פּלוצים איינגעשלונגען געוואָרן פֿונעם חושך.

ער האָט זיך אויסגעצויגן אויפֿן בעטל, זיין יינגסטע טאָכטערס בעט. ווען ער האָט געפּלאַנעוועט זיך דאָ צו באַהאַלטן, האָט ער עס געהאַלטן פֿאַר אַ מזל־זאַך, וואָס ער האָט פּונקט דאָס לעצטע הויז פֿון וועג, און עס גייט דאָ זעלטן ווער פֿאַרביי. איצט וואָלט ער געוואָלט, אַז זיין הייזל זאָל שטיין צווישן אַנדערע הייזלעך, ער זאָל פֿילן מענטשן, אַ ליכט אונטער די פֿענצטער גאַרדינען. עס איז עפּעס געווען אַזוי מוראדיק שטיל, און אַזוי טאָטאַל פֿינצטער אַרום, ווי די אייביקע נאַכט וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף

דער געגנט. זיין אויער האָט פֿאַרנומען אַ פּישטש פֿון ערגעץ, אַ פֿויגל אָדער אַ מויז. ער האָט זיך שאַרף איינגעהערט. ער האָט נאָכאַמאָל געװאָלט הערן דעם פּישטש. אָבער ער איז שוין נישט געקומען. דאָס איז דער לעצטער פּישטש, האָט ער געזאָגט, איצט װעט שוין זיין אין גאַנצן שטיל.

מאָדנע, האָט ער געטראַכט, עפּעס װי ער װאָלט מורא געהאַט. דאָ אין זיין הייזל, אין זיין גאָרטן. ער האָט שטענדיק ליב געהאַט צו פֿאַרברענגען דאָ אַ נאַכט אַליין, זיך אָפּרוען פֿונעם טומל, פֿונעם גערודער פֿון דער שטאָט. און צומאָרגנס אַ פֿרישער, אַן אויסגערוטער, אַראָפּגיין אַרבעטן אין גאָרטן. ער האָט זיך געפֿילט, װי אַ פֿויער אויף זיין ערד, און ער איז אַזוי שטאָלץ געװען אויף דעם דאָזיקן געפֿיל. איצט איז עס װי ער װאָלט זיך אַריינגעכאַפּט אויף אַ פֿרעמד אָרט איבערנעכטיקן און האָט זיך מורא אַ ריר צו טאָן, אַז עס זאָל אים קיינער נישט זען, קיינער נישט הערן. ער שרעקט זיך פֿאַר זיין אייגענעם שאָטן. ער ערגערט זיך פֿאַרװאָס ער קען זיך ניט באַפֿרייען פֿון דעם דאָזיקן געפֿיל. אָבער עס איז זיכער דערפֿאַר, װאָס עס איז דאָ היינט אַזוי שטיל. ער קען זיך נישט דערמאָנען אַזאַ שטילקייט הגם ער איז שוין דאָ אַ סך מאָל געװען אין דער צייט פֿון יאָר. עס איז עפּעס װי דער װינט װאָלט זיך אָפּגעשטעלט און דאָס װאַסער אין ים װאָלט געװאָרן װי פֿעד.

ער האָט זיך אונטערגעהויבן און אַריבערגעקוקט צום קאָרב שטול. „מיס"! — האָט ער גערופֿן. דעם שכנס קאַץ ליגט שטענדיק אין דעם קאָרב־שטול, װען ער האַלט זיך דאָ אויף אין שטיבל. אָבער דער שכן איז שוין אין שטאָט און האָט נאַטירלעך מיטגענומען זיין קאַץ. און דער בוים דאָ ביים פֿענצטערל שטייט װי ער װאָלט זיך צונויפֿגערעדט מיטן װינט, מיטן װאַסער, אַז זיי זאָלן אויך אַזוי שטיל, היינט פֿון זיך ניט געבן קיין צייכן פֿון לעבן. די בעסטע צייט פֿון טאָג איז געװען אַ זומער נאָכמיטאָג דאָ אַרויפֿצו־קומען, זיך אויסציִען אויפֿן בעטל און זיך לאָזן איינװיגן פֿון דעם גערויש פֿון זיינע בלעטער. דאָס װייב און די קינדער אונטן זענען אָדער אַרויס־געגאַנגען אָדער זיך אַזוי שטיל פֿאַרהאַלטן, אַז ער האָט זיי נישט געהערט: דער טאַטע איז אַרויפֿגעגאַנגען כאַפּן אַ דרעמל. ער האָט געצװייפֿלט, אויב ער װעט דאָ קענען בלייבן װוינען. ער װעט נישט אויסהאַלטן, די נעכט

וועלן כסדר ווערן לענגער, די שטילקייט און די פינצטערניש וועלן אים דערדריקן.

ער האָט באַשלאָסן, אַז ער מוז אָנצינדן אַ ליכט. ער האָט זיך קוים געקענט אויפהייבן פון בעטל, אַזוי מיד איז ער געווען. ער האָט געפונען אַ טוך און פאַרהאָנגען דאָס פענצטערל און זיך געלאָזט אַראָפּגיין אונטן צו געפינען אַ ליכט. ווען ער האָט געשטעלט די ערשטע טריט אויף די טרעפּלעך, איז ער דערשראָקן שטיין געבליבן, אַזאַ ליאַרעם האָבן זיי געמאַכט, ווי ער וואָלט געגאַנגען אַנטלויפן און זיי האָבן זיך פאַרשווירן צו אַליאַרמירן זיינע שונאים. ער האָט זיך צוגעהערט, ווי ער וואָלט געוואַרט אויב עס קומט נישט ווער אָן. אָבער עס איז געווען אין גאַנצן שטיל. ער האָט נאָר געהערט דאָס קלאַפּן פון זיין אייגענעם האַרצן. ער האָט אָפּגעזיפּצט און זיך ווייטער געלאָזן גיין. אין קיך האָט ער געפונען אַ ליכטל. ער האָט אויסגעטאָן די שיך און איז צוריק אַרויפגעגאַנגען. ס׳קנייטל איז געווען פייכט און האָט נישט געוואָלט ברענען. „אַפילו אַ ליכט וויל דאָ ניט ברענען" — האָט ער געמורמלט. ענדלעך האָט עס זיך אָנגעצונדן און שאָטנס האָבן גענומען אַרומציטערן אויף די ווענט, אויפן באַלקן, און עס איז געוואָרן אַזוי אומהיימלעך אין שטיבל, אַז ער האָט שוין באַדויערט, וואָס ער האָט עס אָנגעצונדן. ער איז געזעסן און געקוקט אויפן ברענענדיקן ליכט און ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס פלעמל ווערט דינער און דינער, און באַלד וועט עס זיך אַרויפשפּיצן צו אַ פייערדיקן שפּיז. פאַרוואָס טו איך זיך נישט אויס און לייג זיך שלאָפן?! — האָט ער זיך געפרעגט. אָבער ער איז כסדר געבליבן זיצן. ערשט ווען דאָס ליכט איז אויסגעגאַנגען האָט ער זיך אין די קליידער אויסגעצויגן אויפן בעטל. אָבער שלאָפן האָט ער נישט געקענט. ער איז געלעגן און געקלערט, אַז ער פילט זיך די לעצטע צייט אַזוי שוואַך, עס איז אים אַזוי איבלדיק אונטערן האַרצן. עס גייט אים אַפילו באַלד איבער. אָבער ער פילט זיך יעדעס מאָל אַזוי מוטלאָז, אַזוי אומזיכער. ניין, מען איז שוין נישט קיין יינגעלע מער, מען דאַרף זיך שוין גרייטן אין וועג אַריין, האָט ער שטיל געזאָגט. עס איז אים פלוצים איינגעפאַלן, אַז ער קען אָט דאָ, אין דער נאַכט, גאָר אַוועקשטאַרבן און ווען זיין ווייב און טעכטער וועלן קומען, וועלן זיי אים געפינען אַ טויטן. ניין, ניין, — האָט ער זיך געשטאַרקט —

מען שטאַרבט נאָך נישט, מען שטאַרבט נישט אַזוי גיך. אָבער אַז ער וועט דאָ נישט קענען בלייבן, איז ער איצט גאַנץ זיכער געווען.

מיטן ערשטן מאָרגנרויט איז ער אַראָפּגעגאַנגען אין גאָרטן. ער איז אַרומגעגאַנגען צווישן די ביימער, ווי ער וואָלט זיך מיט זיי מיישב געווען. דער אַלטער באַרנע־בוים האָט זיך ווי צו אים אַראָפּגעבויגן. עס האָט אים אויסגעזען, ווי ער וויל צו אים זאָגן:

— בלייב דאָ ביי אונדז, מיר וועלן דיך באַהאַלטן. ווו וועסטו דיך אַרומוואַלגערן איז דער וועלט און זיין נע־ונד. דו ביסט שוין אַלט און שוואַך. אַזוי פיל יאָרן געווען מיט אונדז, געגעבן אונדז אַ טייל פון דיין כוח מיר זאָלן בליען און געבן פרוכט, און דו האָסט אונדז שטיל געבענטשט, ווען דו האָסט אַראָפּגענומען די פירות פון אונדזערע צווייגן. בלייב דאָ, מיר געהערן שוין צו אַנאַנדער.

ער איז פּלוצים אַזוי מיד געוואָרן, אַז ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן גראָז. דער הימל איז געווען הויך און זילבער־בלוי. דריי וואָלקנדלעך ווי דריי הירשעלעך, האָבן זיך געאיילט אין דער ריכטונג צום ים צו. דאָס גראָז איז געווען פייכט פון מאָרגן־טוי, און ס׳איז נאָך געווען קאַלט. אָבער ער האָט נישט געפילט די פייכטקייט פון גראָז אָדער די קעלט אין דער לופט. ער איז געלעגן און געוואַרט אויף דער זון. ער האָט איר שוין גע־אַנט אויפן פעלד ביים שפּיל־פּלאַץ, און זי וועט באַלד זיין איבער זיין גאָרטן. זיין גאָרטן איז דאַן אַזוי ווונדערלעך. נאָכדעם וועט ער פאָרן אין שטאָט אַריין און געוויר ווערן וואָסער שניט די דייטשן האָבן געהאַט די נאַכט און וואָס ער וועט דאַן טאָן מיט זיך אַליין.

צווישן קברים

זי איז אַרומגעגאַנגען אויפֿן בית־עולם מיט אַ בלימל אין האַנט, ווי אַ געוויינלעכע אלמנה. זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן און געקוקט אויף יעדן קבר, ווי זי וואָלט נישט געקאָנט געפֿינען דאָס ריכטיקע אָרט.

אַז זי האָט מיך דערזען האָט זי זיך אָפּגעשטעלט. איך בין צו איר צוגעגאַנגען.

— אַפּילו נישט קיין קבר, מ׳זאָל קענען אַמאָל אַהערקומען ווי אַנדערע מענטשן. די האַנט איז איר אַראָפּגעפֿאַלן און דאָס בלימל איז געבליבן הענגען מיטן קאָפּ אַראָפּ.

— נישט קיין שטיין, נישט קיין ביין — האָט זי ווייטער געזאָגט — אַפּילו נישט קיין ביסל אַש, גאָרנישט! ס׳איז גאָרנישט איבערגעבליבן...

— די לעצטע ווערטער האָט זי שוין געזאָגט ווי צו זיך אַליין, אַזוי ווי איך וואָלט גאָרנישט דאָ געווען.

ווי קליין זי איז געוואָרן! זי איז קיינמאָל נישט געווען קיין פּאַרשוין, נאָר איצט איז זי נאָך קלענער געוואָרן, ווי אין גאַנצן איינגעשרומפּן. דאָס פּנימל האָט אויסגעזען ווי אַ גריוו, אַזוי קליין און צעקנייטשט איז עס געווען. די קליידער זענען ביי איר אַראָפּגעהאַנגען פֿון לייב און זיך נאָכגעשלעפּט אויף דער ערד. נאָר די אויגן זענען געווען פּונקט ווי אַמאָל: ריינע און יונגע; נאָר דאָס לאַכעדיקע און די זיכערקייט איז שוין דאָרט נישט געווען.

זי איז געווען די הערשערן אין איר הויז. דאָרטן איז זי געווען סוווערען; ס׳איז קיינמאָל ביי די אַנדערע נישט געווען קיין ספק, אַז דאָס וואָס זי האָט געזאָגט איז געווען דאָס ריכטיקע.

זי איז שטענדיק געווען אַזאַ רירעוודיקע, אַזאַ באַוועגלעכע. ווי אַ פויגל האָט זיך אַרומגעשוועבט אויף די גאַסן, געשאַפן שפּייז אין איר נעסט אַריין, קליידער פאַר איר מאַן און טאָכטער. זיי זענען געגאַנגען אָנגעטאָן אַזוי ווי זי האָט געוואָלט. זי איז שטענדיק געווען פול מיט איינפאַלן און אידעען, ווי אַזוי עס זאָל אויסזען איר היים. אַלע מאָל געווען אויפן וועג נאָך זאַכן, וואָס זאָלן זיך געפינען נאָר ביי איר אַליין, אַז מען האָט געטראָפן מרימען לויפן, האָט מען געוווסט, אַז זי האָט שוין ערגעץ עפּעס געזען, און איילט זיך איצט אַהין, אַז מען זאָל עס איר נישט אויסכאַפּן.

נאָכן צוריקקומען איז זי שוין געגאַנגען פּאַמעלעך, מיט נאַכלעסיקע, נאָכשלעפּנדיקע טריט. וואָס זאָל זי לויפן און צו וואָס זאָל זי לויפן? זי וועט סיי ווי נישט קענען אַנטלויפן פון איר טרויער. ער, זיין הייליקער מאַיעסטעט, וועט שוין שטענדיק און אומעטום באַווייזן מיטצוקומען.

עס איז שוין חדשים זייט עס איז געשען, און עס איז איר נאָך אויף איין מינוט נישט אַרויס פון געדאַנק. די רויטע ראַנדן אַרום די אויגן האָבן עדות געזאָגט, אַז זי האָט נאָך נישט אויפגעהערט צו וויינען. אַן אלמנה האָט אַזעלכע לאַנגע נעכט, און נאָך דערצו אַזאַ אלמנה! זי האָט אויפגע־הויבן דעם קאָפּ און מיד ווידער באַמערקט.

— בערג, איר האָט דאָך אים געקענט. ער האָט נישט געקענט וויינען, אַפילו אין טערעזיענשטאַט האָט ער נישט געוויינט. ער האָט אַלץ געדריקט אין זיך און דאָס איז געווען מיין אומגליק. זי האָט אויסגעזוכט אַ טיכל פון איר ברייטן מאַנטל און זיך אויסגעווישט די אויגן.

— אַנדערע האָבן געהאַט מער מזל; זיי האָבן כאָטש אהיימגעברענגט אַביסל אַש. ביי אים האָבן זיי געוואָלט, אַז ער זאָל ערגעץ אַוועקגעשיקט ווערן, אַז איך זאָל אַפילו נישט וויסן, ווו ער איז אַהין געקומען. גלויבט מיר, בערג, איך וואָלט אַזוי געוואָלט שטאַרבן, נאָר איך ווייס נישט ווי אַזוי עס זאָל געשען. ס'איז נישט גוט צו זיין אַליין און איך וועל אַפילו נאָכן טויט אויך זיין אַליין. כ'ווייס: ס'זענען דאָ נאָך אלמנות, ס'האָט אַנ־דערע אויך געטראָפן, נאָר קיינעם נישט אַזוי ווי מיך. מיך האָט עס געטראָפן שווערער פון אַלעמען. כ'בין צוריק געקומען אַליין, אָן אים. ער איז דאָרטן געבליבן, און כ'ווייס אַפילו נישט ווו. מיין מענדל! — זי האָט העפטיק

געווײנט. איך האָב זי אָנגענומען בײַ די הענט; אירע אַקסלען האָבן אויפֿגעהערט צו ציטערן; זי האָט זיך אַביסל באַרויִקט.

— יאָ! — האָט זי געזאָגט — ס׳ווערט לײַכטער, אַז מען רעדט זיך אַביסל אַראָפּ פֿון האַרצן. אָבער מען קען דאָך נישט אַרומגײן און יעדן דערצײלן. ער האָט נישט גערעדט. ער האָט אַלץ געשטיקט אין זיך, איז ווי לאַנג קען דאָס אַ מענטש אַזוי אויסהאַלטן? — זי האָט זיך אָפּגעשטעלט. עס האָט אויסגעזען, ווי זי האָט זיך דערמאָנט אין עפּעס גוטס. איר אונטערשטע ליפּ האָט זיך אַרויפֿגעהויבן גרייט חוזק צו מאַכן, פּונקט ווי אַמאָל, און דאָס לאַכעדיקע, האָט מיר אויסגעזען, האָט זיך אויך אָנגעהויבן אומצוקערן אין אירע אויגן, בעת זי האָט געזאָגט:

— מיר זענען באמת געווען גליקלעך! מיר האָבן געלעבט נאָר פֿאַר זיך אַליין. מיר האָבן זיך באַהאַלטן אויפֿן פֿינפֿטן שטאָק, ווו עס האָט קיינער נישט געוווינט, נאָר מיר אַליין. מיר האָבן זיך אָפּגעזונדערט פֿון דער וועלט. מיר זענען צו קיינעם נישט געקומען און קיינער איז צו אונדז נישט געקומען; און מיר האָבן געמיינט, אַז עס וועט צו אונדז קיין זאַך נישט אַרויפֿקומען, נישט אַרויפֿדערגרייכן פֿון אונטן, אָבער עס האָט אַרויפֿדערגרייכט.

מענדל האָט נישט געוואָלט אַנטלויפֿן. עס האָט מיר אויסגעזען ווי עס אַרט אים נישט, אַז מען וועט אים צוריקשיקן אין זײַן שטעטל אַרײַן. איר ווייסט וואָס ער האָט געטאָן? ער איז אַרומגעלאָפֿן זיך קויפֿן אַ הוט. מענדל — האָבן איך געשריגן — צו וואָס דאַרפֿסטו איצט אַ הוט?! — איך דאַרף און שוין — האָט ער זיך געבייזערט. ער האָט געוואָלט צוריקקומען אין זײַן שטעטל אַרײַן מיט אַ נײַעם הוט. עס האָט מיר אויסגעזען, ווי ער האָט זיך פֿאַרבענקט נאָך דעם שטעטל און ער האָט געגלייבט, אַז מען וועט אים דאָרט אָהין צוריקשיקן. ער האָט זיך נישט געוואָלט רירן פֿון אָרט, אַפֿילו זיך נישט באַהאַלטן.

— גיין שוין גיי, ווער וועט דאָ אונדז געפֿונען? — ער האָט נישט געוואָלט הערן מײַנע רייד. אָבער זיי האָבן געפֿונען.

בעת מען האָט אונדז אַראָפּגעפֿירט פֿון די טרעפּן, האָט ער זיך צו מיר צוגעבויגן, ווי ער וואָלט מיר געוואָלט אײַנרוימען אַ סוד.

— מרים, מיר וועלן שוין דאָ אַהער מער נישט צוריקקומען! — מער

האָט ער נישט געזאָגט און איך אַליין בין אויך געװען װי אַ שטיין. אַזוי זענען מיר געגאַנגען צו דער שחיטה.

אירע אַקסלען האָבן װידער אָנגעהויבן צו ציטערן, אָבער זי האָט זיך געשטאַרקט און װײַטער דערציילט.

— אין טורמע בין איך געװען צוזאַמען מיט בעלאָן, איז מיר נישט געװען אַזוי שלעכט, אָבער עס זענען געװען צװיי לאַנגע און ביטערע טעג: מיר האָבן דען געקענט װיסן, װאָס זיי האָבן פון אים געמאַכט: מיר האָבן זיך ערשט געטראָפן אויפן דריטן טאָג, אויפן שיף. דאָרטן האָבן מיר זיך פאַרקליבן אין אַ װינקל און זיך גוט אויסגעװיינט. ער — נישט! ער האָט אונדז נאָר אָנגעהאַלטן ביי די הענט און איבערגעחזרט אונדזערע נעמען: „בעלאַ, מרים, בעלאַ". זיינע אויגן האָבן געפרעגט: נו, און איצט, װאָס װעט איצט זיין? אויף דעם האָט קיינער נישט געקאָנט ענטפערן. די מענטשן זענען געשטאַנען פאַמיליעסװייז און געשװיגן. די פענצטערלעך פון לאַסטרוים זענען געװען פאַרשטעלט און עס איז געװען פינצטער. מען האָט צו אונדז כסדר אַראָפּגעװאָרפן נייע מענטשן, זיי האָבן זיך אויך אויס־געזוכט אַן אָרט, זיך אַװעקגעזעצט אויף דער ערד אָדער געשטאַנען און אויך געשװיגן. יעדער האָט געקלערט פאַר זיך, נאָר אַלע האָבן געקלערט װעגן איין זאַך, איין פראַגע האָט געעגבערט יעדנס מוח: װוהין, װוהין, פירט מען אונדז? און װאָס װעט מען מיט אונדז טאָן?

עס האָט זיך װער אָנגענומען מיט דרייסטקייט און איז צוגעגאַנגען צום סאָלדאַט, װאָס איז געשטאַנען ביי דער טיר און געפרעגט, װאָס עס װעט זיין מיט אונדז? דער סאָלדאַט האָט געזאָגט, אַז מען פירט אונדז אין געטאָ אין טערעזיענשטאַדט. װאָס דאָס איז אַזוינס דאָס טערעזיענשטאַדט, האָט קיינער נישט געװוסט. נאָר מען האָט זיך געפרייט, אַבי נישט נאָך פוילן. דערװייל געראַטעװעט דאָס לעבן! אָבער מען האָט נישט געװוסט אויב ס'איז אמת. ס'קען זיין, אַז דער סאָלדאַט האָט עס געזאָגט דערפאַר, װייל מען האָט אים געגעבן פּוטער־מאַרקן און אַנדערע זאַכן. אָבער עס איז יאָ געװען אמת.

די ערשטע צייט זענען מיר אַלע געװען אַזוי װי מיר װאָלטן אַריינ־געפאַלן אין אַ גרויסער שלאָפקייט. ס'איז נישט געװען װאָס צו עסן. מיר זענען נאָך נישט געװוינט געװען צום הונגער. יאָ, יאָ, מ'קען זיך אויך צו

הונגער צוגעווינען. די געדערים שרייען אַזוי לאַנג ביז זיי ווערן מיד און הערן אויף. געלעגן זענען מיר אויף האַרטע נאַרעס, שיכטנווייז, אויבן און אונטן, איינער איבערן צווייטן. אַ סך מענטשן אין איין שטוב. שוין, זאָל שוין זיין אויף נאָרעס. ס׳איז אויך אַ געלעגער, אָבער שלאָפן האָבן מיר נישט געקענט: בייטאָג האָבן מיר געוואַרט, אַז מען וועט אונדז נעמען ביינאַכט און ביינאַכט האָבן מיר געוואַרט, אַז מען וועט אונדז נעמען אינדערפרי. אַזוי איז געגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג, אַ וואָך נאָך אַ וואָך, אַ חודש נאָך אַ חודש. אוי, ווי לאַנג דאָס האָט זיך געצויגן! עס האָט אויסגעזען, אַז עס וועט זיך שוין אַזוי ציִען אייביק! אָבער מיטאַמאָל האָט זיך אַלץ געענדערט, ס׳איז געקומען אַ קאָמיסיע פון דענעמאַרק און נאָכדעם האָבן אָנגעהויבן צו קומען עסן, פּעקלעך, יעדן חודש אַ פּעקל. מיר זענען געוואָרן די גבירים אין געטאָ, די אויסדערוויילטע פון אַלע יִדן אין טערעזיענשטאדט. מיר זענען געווען די איינציקע וואָס האָבן באַקומען הילף, די איינציקע, פאַר וועמען עס האָט זיך ווער אָנגענומען. מיר האָבן אָנגעהויבן צוריק אויפצולעבן, דאָס חיות איז צוריק געקומען אין אונדזערע לייבער, מיר זענען געוואָרן מוטיקער, פון וויטנס האָט שוין צו אונדז געוווּנקען אַ האָפענונג, אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר וועלן נישט דאָ פאַרפאַלן ווערן!

אָבער דאָס האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן, ווייל דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן די טראַנספּאָרטן און עס איז געוואָרן אַ חורבן אין געטאָ!

איר ווייסט וואָס עס הייסט טראַנספּאָרטן? ניין, דאָס קען מען אַזוי נישט וויסן, אַפילו ווען מען האָט געהערט דערוועגן. מען ריכט זיך דערויף און דאָך קומט עס אַלע מאָל אומגעריכט, עפּעס אַלעמאָל אַזוי פּלוצים. יעדעס מאָל האָבן זיי אַרויסגעכאַפּט טויזנטער מענטשן, זיי אַריינגעפּאַקט אין וואַגאָנען און אַוועקגעפירט. אַלע האָבן געוווּסט ווו מען פירט זיי און זיי אַליין האָבן עס אויך געוווּסט. בערג, מענטשן וואָס האָבן געווינט אין די הייזער, געלעבט, אַרומגעגאַנגען, געלאַכט און גערעדט, יאָ, אַפילו געלאַכט. אָט ערשט האָט מען זיי געזען, אָט ערשט זענען זיי געגאַנגען אין די גאַסן, און פּלוצים, שוין, זיי זענען נישטאָ מער! אין געטאָ האָבן זיך דאָ אַלע געקענט, געוווּסט ווער יעדער איז, ווי ער הייסט און פון וואַנען ער קומט. קענט איר דאָס פאַרשטיין?!

זיי, װאָס האָבן אין אַלעם געהאַט אַ ליניע, אַ סיסטעם, האָבן אין דעם עפּעס גאָרנישט געהאַט קיין סיסטעם, קיין אָרדענונג. זיי האָבן פאַרלאַנגט אַזױפיל און אַזױפיל און ס'איז זיי נישט געווען קיין חילוק װעמען און װאָס, אַבי אַזױפיל און אַזױפיל. איבער אַלעמענס קעפּ האָט שטענדיק געהאַנגען אַ פינצטערער גורל און מען האָט נישט געװוּסט איבער װעמען ער װעט זיך אַראָפּלאָזן מאָרגן. און דאַן איז געקומען דאָס ערגסטע.

זי איז שטיין געבליבן װי זי װאָלט נישט געקענט אַדורך. אָבער זי האָט זיך געשטאַרקט, זי האָט אויך געװאָלט װעגן דעם דערציילן. זי האָט זיך צו מיר צוגעבויגן, װי זי װאָלט נישט געװאָלט, אַז עס זאָל װער דאָס הערן.

— בערג, זיי האָבן צוגענומען די קינדער, אַלע קינדער פון פינף ביז צװעלף יאָר. דעם מולך האָט זיך דאָס מאָל פאַרגלוסט נאָר קינדער.

מענדל האָט געאַרבעט אויפן װאַרשטאַט, אין די באַראַקן. דאָרטן האָט מען איבערגעמאַכט אַלטע פרויען־קליידער אויף קינדער־אָנגעטועכטס פאַר מיידלעך. ער איז געװען גליקלעך מיט דער דאָזיקער אַרבעט. קינדער לעבן מיטן טאָג, אַפילו ייִדישע קינדער, און אַפילו אין געטאָ. ער האָט זיך אָנגעשטעקט מיט זייער זאָרגלאָזיקייט, מיט זייער שטיפערישקייט. אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי זיך דאָרט ארומגעדרייט די קליינע דאָמעלעך. זיי האָבן שוין אין זייער יונגן עלטער רעפּרעזענטירט די ערטער פון װאַנען זיי זענען געקומען.

עס זענען דאָרט געװען שיקלעכע װינעריגס, עלעגאַנטע פּראָגעריגס און רונדיקע פּויערים־מיידלעך פון האָלאַנד. מען האָט באַלד געקענט דערקענען װער עס איז געקומען פון װאַנען. די שטעט און לענדער האָבן עס אויף זיי אָנגעשריבן. װעגן לינאַן, האָט מענדל געזאָגט, אַז זי איז אַזוי שיין װי בעלאַ אין אירע יאָרן. „דו האָסט געדאַרפט זען װי דאָס פאַלדן־קליידל האָט איר געפּאַסט; זי האָט געשטעלט טאַנץ־טריט און צוגעזונגען, איך זאָג דיר, מרים, אַ פייגעלע, אַ ריין פייגעלע. אוי װעט פון איר עפּעס אויסװאַקסן".

אַלע מאָל האָט ער געהאַט צו דערציילן די װוּנדער פון די קינדער: װי אַזוי זיי האָבן גערעדט, װאָס זיי האָבן געזאָגט און װאָס זיי האָבן געטאָן.

און מיטאַמאָל האָט דאָס אַלץ אויפגעהערט. אויף דעם האָט מען זיך עפּעס נישט גערעכנט; מיר, וואָס זענען געווינט געווען צו אַזוי פיל זאַכן.

אין איינעם אַן אינדערפרי איז עס געשען. מען האָט זיי אַרויסגעטריבן פון די הייזער. די גאַס איז געווען פול מיט זיי. אַלערליי גרויסן און אַלערליי קאָלירן: שוואַרצינקע, ברוינינקע, בלאָנדינקעס, אַלערליי קאָלירן. זיי זענען געווינט געווען צו אַזעלכע צוזאַמענטרייבן און האָבן אין גאָרנישט נישט חושד געווען. זיי זענען געשטאַנען און געפּלוידערט. די גאַס איז געווען פול מיט זייער פּלוידערן. צום באַנהויף האָט קיינער נישט געטאָרט מיט־גיין, און ס'איז אויך געווען אַלצאיינס, ס'וואָלט סיי ווי קיינער נישט געהאַט קיין מוט מיטצוגיין; און די עלטערן האָבן די פּיס נישט געטראָגן. אַלע זענען געבליבן אין די שטובן, ליידיק זענען געווען די גאַסן פון געטאָ. און אין די שטובן איז געווען שטיל, אַלע האָבן דעם אָטעם פאַרהאַלטן און זיך צוגעהערט, אָנגעשטרענגט זיך צוגעהערט! און כאָטש מען האָט זיך געריכט דערויף, האָט דאָך דער פייף פון דער אָוועקגייענדיקער באַן, גע־טראָפן יעדן איינעם גלייך אין אויער אַריין, אַזוי ווי מען וואָלט דאָרטן אַריינגעשטאָכן מיט אַ שאַרפע שפּיז. די יללה האָט זיך שוין אָנגעהויבן אײדער דער פייף האָט נאָך אויפגעהערט, מיטן פייף איז די לעצטע האָפע־נונג פאַרשוווּנדן און אַ שוואַרצע פאַרצווייפלונג האָט אַלעמען אַרומגענומען. איך בין אַרויסגעלאָפן זוכן מענדלען.

בערג, איר ווייסט נישט וואָס דאָס איז, און דאָס קען מען אויך נישט דערציילן. ס'איז עפּעס פּונקט געווען אַזאַ שיינער טאָג און אַלע פענצטער זענען געווען אָפן. בערג, איך בין פון אוקראַינע, איך האָב געזען ייִדישן אומגליק, איך האָב געזען ייִדן וויינען! נאָר דאָס, דאָס קען מען זיך נישט פאַרשטעלן אַפילו ווען מען האָט עס געזען. דאָס האָט אויסגעזען אַזוי אומווירקלעך, אַזוי פאַנטאַסטיש, אַזוי... אַזוי... ניין, בערג, דאָס קען קיינער נישט דערציילן, קיינער נישט, קיינער!

ווײ־געשרייען האָבן זיך אויסגעמישט מיט שרעקלעכע קולות, שטומע קרעכצן און הילפלאָזע געוויין האָבן זיך געקנוילט אין איינאַנדער. בייזע טענות, ביטערע קלאָגן האָבן זיך אַרומגעטראָגן אין די ליידיקע, פאַרלאָזענע גאַסן. די קולות האָבן זיך ווי פלאַמען געשליידערט אויף די הייזער, געריסן פון די מויערן און ווי פייער־שלאַנגען אַלץ אַרומגענומען, דאָס געטאָ האָט

געבערענט! דאָס פייער האָט געדרעגגט פון אַלע זייטן, געשטופּט און געשטויסן. עס האָט אויסגעזען, אַז אַלץ וועט באַלד פּלאַצן און צעשפּרינגען אויף מיליאָנען שטיקער! אַז טויזנטער מענטשן זענען מיט איינמאָל משוגע געוואָרן, משוגע פון צער און פון ווייטיק! אַזוי בין איך נאָך ביים לעבן אַרומגעלאָפן אין גהינום.

לינאָס פאָטער, דער באַרימטער בערלינער אַרצט, איז געשטאַנען מיטן פּנים אַנגעלענט אויף דער וואַנט, די הענט אויפגעהויבן אין דער הויך אין פויסטן. זיין קליין שפּיציק בערדעלע האָט זיך לאַנגזאַם געשאָקלט, אַזוי ווי ער וואָלט צו זיך אַליין גערעדט. די פרוי פון סלאָוואַקיי איז געלעגן אויף די קני און געהאַקט מיטן קאָפּ אין דער ערד; זי האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר געהאַקט מיטן קאָפּ אין דער ערד. דער חזן פון האָלאַנד איז געשטאַנען און קראַמפּהאַפט אַנגעהאַלטן די הענט פון זיין פרוי. אירע האָר זענען געווען ווילד צעשויבערט, דאָס פּנים צעקראַצט ביז בלוט. זי האָט אויף אים געקוקט מיט גרויסע משוגענע אויגן.

מענדלען האָב איך געפונען אונטערן בוים ביים עק פון געטאָ. דאָרטן האָט ער ליב געהאַט צו שטיין און אַרויסקוקן אויף די פעלדער און אויפן וואַלד, וואָס מען האָט געזען פון ווייטן. עס האָט אויסגעזען ווי ער זיצט סתם אַזוי, ווי ער וואָלט זיך אָפּגערוט. נאָר אַז איך האָב אים אָנגעקוקט האָב איך זיך דערשראָקן, אַזאַ צער איז געווען אין זיינע אויגן.

— מענדל, וואָס זיצסטו דאָ, קום אַהיים.

— כ׳קען נישט, כ׳קען מיך נישט אויפשטעלן — האָט ער שטיל געענטפערט.

— מענדל ביסט קראַנק, ס׳טוט דיר דען עפּעס וויי?

— ניין, מרים, כ׳בין נישט קראַנק און ס׳טוט מיר גאָר נישט וויי, נאָר כ׳קען מיך נישט אויפשטעלן.

— ווי קומסטו דאָ אַהער? אַז דו האָסט זיך געפילט שלעכט, פאַרוואָס ביסטו נישט אַהיימגעקומען?

— מרים, כ׳האָב געוואָלט אַנטלויפן, אַנטלויפן, אַז איך זאָל שוין קיינמאָל אין ערגעץ נישט קענען צוריקקומען.

מען האָט אים אַהיימגעטראָגן און אַרויפגעלייגט אויף דער נאַרע.

— מענדל, האָב איך זיך ביי אים געבעטן, — שטאַרק זיך, מענדל. כ׳וועל רופן אַ דאָקטער, דעם פּראָפעסאָר פון ווין. ס׳טוט דיר דען עפּעס וויי?

— ניין, מרים, כ׳בין נישט קראַנק און עס טוט מיר גאָרנישט וויי, נאָר איך קען נישט מער לעבן! כ׳קען נישט! דו האָסט נישט געזען אַוועקפירן לינאַן. דו האָסט נישט געזען איר טאַטן...

ער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן, עס האָט מיר אויסגעזען, אַז ער זעט מיך נישט, ווי איך וואָלט אין שטוב נישט געווען. כ׳בין געשטאַנען שטיל, אפשר וועט ער איינשלאָפן. אָבער ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו רעדן:

— מרים, איך בעט דיך איין זאַך: זאָלסט דיך שטאַרקן, ווען איך וועל שטאַרבן. נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר וועלן מיר דאָך אַלע שטאַרבן. איך האָב שוין גענוג געלעבט, איך האָב שוין גענוג געזען, כ׳וויל נישט מער, כ׳קען נישט מער!

כ׳האָב געזען ווי ער צאַנקט, ווי ער גייט אויס.

— מענדל האָב איך געוויינט, — מענדל, שטאַרב נישט דאָ ווי אַ בעטלער צווישן די אַלע שמאַטעס.

— אַ בעטלער — האָט ער שוין קוים גערעדט. — אַ ייִד איז אַ בעטלער, אַפילו דער רייכסטער ייִד איז אַ בעטלער און ווערט באַגראָבן אין פרעמדער ערד... ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, אַזוי ווי ער וואָלט איינגעשלאָפן. און ווען בעלאַ איז געקומען מיטן דאָקטער איז ער שוין געווען טויט; און ער איז אַפילו אין פרעמדער ערד אויך נישט באַגראָבן געוואָרן!

זי האָט זיך אויסגעדרייט און ווייטער גענומען גיין צווישן די קברים ווי אַ געוויינלעכע אלמנה.

אין יענע טעג

זיי זענען געגאַנגען אויף די טרעפּ. עס איז אַזוי מאָדנע אַהיים צו קומען אין אָט דער צייט פון טאָג. עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן זיך גע־פונען אין אַ פרעמד הויז. עלאַ האָט גענומען צו צוויי טרעפּ אויף אַ מאָל: צוויי, פיר, זעקס, אַכט. די מוטער האָט זיך ביי איר געבעטן:

— עלאַ, לויף ניט אַזוי, כ׳קאָן ניט נאָכקומען.

ס׳פּלעשל מילך איז געשטאַנען ביי דער טיר, און ס׳מאָרגנברויט איז געלעגן דערנעבן. „בעקערמייסטער יאָגענסען" — האָט עלאַ איבערגע־לייענט די רויטע אותיות אויפן ווייסן טוט. זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן אויפצוהייבן דאָס ברויט מיט די מילך, און די מוטער האָט דערווייל אָנגעהויבן אויפצושליסן די טיר. אָבער עס האָט זיך ניט געשלאָסן.

— עלאַ, די טיר איז ניט פאַרשלאָסן! — האָט זי דערשראָקן געזאָגט.

— נו, איז וואָס, דו האָסט פאַרגעסן צו פאַרשליסן.

— ניין, — האָט די מוטער געשאָקלט מיטן קאָפּ. ניין, איך האָב נאָך קיין מאָל ניט פאַרגעסן צו פאַרשליסן. זי האָט געהאַלטן די קליאַמקע אין האַנט און ניט אויפגעעפנט.

— נו, מאַמע, עפן שוין אויף. ווי לאַנג וועלן מיר דאָ אַזוי שטיין.

די מוטער האָט אַראָפּגעדריקט די קליאַמקע און פּאַמעלעך געעפנט די טיר. זיי זענען אַריין אין קאָרידאָר און צוגעמאַכט נאָך זיך די טיר.

— דו וועסט אפשר אויך זאָגן, אַז איך האָב פאַרגעסן אויסצולעשן ס׳ליכט? — האָט די מוטער געפרעגט עלאַן.

— נו יאָ, פאַר וואָס זאָל דאָס זיין אוממעגלעך? — האָט עלאַ געענט־

פּערט. אָבער זי איז שױן אַלײן אױך געװען אומזיכער. זײ זענען געשטאַ־
נען און זיך צוגעהערט. אומעטום איז געװען שטיל, פּונקט אַזױ שטיל װי
נעכטן אָװנט, װען זײ האָבן די װױנונג פאַרלאָזן און זענען געגאַנגען נעכ־
טיקן צו קאַרען.

עלאַ האָט אָװעקגעשטעלט די מילך אױפן קאָמאָד, אַװעקגעלײגט
ס׳ברױט און זיך געלאָזן צו דער שטובטיר. די מוטער איז איר האַרט
נאָכגעגאַנגען פון הינטן. עלאַ האָט ראַפּטום אױפגעמאַכט די טיר. די גרױסע
לאָמפּ האָט געברענט, בלײך־גראָע ליכטשטרײפן זענען געשטאַנען אױף
די װענט און געציטערט אױפן באַלקן. דער מוטערס בליק איז געפאַלן
אױף איר טאַטנס בילד. ער האָט נאָר אײן אױג, דאָס אַנדערע איז פאַר־
מאַזשעט, און די נאָז אַראָפּגעצױגן ביז אין דער באָרד אַרײַן. אײנער פון
די נאַכטלעכע באַזוכער, האָט אָפּנים ניט געקאָנט פאַרטראָגן דעם אַלטן
ייִדנס בליק און געװאָלט קאַליע מאַכן דעם דאָזיקן חוצפּהדיקן ייִדישן
שמײכל. אָבער ער האָט זײַן ציל ניט דערגרײכט, װײל איצט האָבן בײדע
מױלװינקלען געלאַכט און דאָס אַנדערע אױג איז געװען פּונקט אַזױ מילד
און פרידלעך װי פריִער. עלאַ איז צוגעגאַנגען צום שלאָפצימער, זי האָט
אױפגעמאַכט די טיר און אַרײַנגעקוקט.

— מאַך צו! — האָט די מוטער געזאָגט.

— ס׳איז דאָך קײנער ניטאָ דאָרטן.

— נײן, אָבער מאַך צו! — האָט זיך די מוטער בײַ איר געבעטן.
עלאַ האָט פאַרמאַכט די טיר.

איצט האָבן זײ ערשט געזען, אַז דער קרישטאָלענער בלומען־װאַזאָן
איז געלעגן אױף דער ערד, צװישן שטיקלעך באַזילבערט גלאָז. דער גרױ־
סער שפּיגל איז געװען צעהאַקט. פון מיטן האָט אַרױסגעקוקט צעריסענער
ברױנער קאַרטאָן. דינע שפּאַלטן װי האָרפּעדעם האָבן זיך צעשפּרײט אין
אַלע זײַטן און געפליטערט אין ליכט פון דער לאָמפּ. עס האָט אױסגעזען,
װי אַ ריזנשפּין מיט אַן אױפגעריסענעם בױך ציטערט און צאַפּלט מיט
אירע לעצטע כוחות.

— זײ זענען געװען, האָט די מוטער שטיל געזאָגט.

— יאָ, זײ זענען געװען, — האָט עלאַ באַשטעטיקט. און עס איז
מיטגעװען אַ דענישער באַציסט. װײל דאָ װוּ זײ גײען מיט, מאַכן זײ

שטענדיק אָן עפּעס אַ שאָדן, באַזונדערס, ווען זיי טרעפן ניט קיינעם אין דער היים.

די מוטער האָט זיך אַרומגעקוקט. אוי, ס׳איז ניט גוט! — האָט זי דערשראָקן געזאָגט. עס קאָן זיין, אַז ער וווינט דאָ ערגעץ אין דער נאָענט און האָט אונדז געזען אַהיימקומען. עלאַ, עלאַ, מיר טאָרן דאָ לענגער ניט בלייבן, און מיר טאָרן ניט מער אַהערקומען!

עלאַ האָט געקוקט אויף דער מוטער: — זאָל איך קלינגען? די מוטער האָט אַ ווײַלע געטראַכט און נאָכדעם אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ.

עלאַ האָט גענומען ס׳טרייבל צום אויער און שנעל געדרייט דאָס רעדל. ביי דער מוטער האָט זיך דער שטערן צוזאַמענגעצויגן. זיי האָבן לאַנג געוואַרט. עלאַ האָט אָוועקגעלייגט ס׳טרייבל: ס׳ענטפערט קיינער ניט.

— עלאַ, פּרווו נאָך אַ מאָל, הייס שטאַרק קלינגען!

עלאַ האָט נאָך אַ מאָל אָנגעקלונגען און אַריינגערעדט אין טרייבל.

— פריילין, זייט אַזוי פריינדלעך און קלינגט שטאַרקער. ס׳איז זייער־זייער וויכטיק, מען ענטפערט ניט אייניקע טעג אויפן נומער? אַ דאַנק, אַ דאַנק. זי האָט צוריק אַרויפגעלייגט ס׳טרייבל.

— וואָס זאָלן מיר איצט טאָן, עלאַ?

— וואָס קאָנען מיר טאָן, מיר מוזן ערגעץ אַנטלויפן.

— אָבער וווהין זאָלן מיר לויפן, צו וועמען זאָלן מיר זיך ווענדן, — האָט זיך די מוטער געבראָכן די הענט. דו האָסט דאָך דייך טאָטן ניט גע־טראָפן. ער לויפט אוודאי אַליין אויך ערגעץ אַרום. אפשר איז ער גאָר דאָ געוועזן און אונדז ניט געפונען אין דער היים. וואָס זאָלן מיר טאָן, וואָס קאָנען מיר טאָן? מען קאָן שלאָפן נאָך אַ נאַכט און נאָך אַ נאַכט ביי קאַרען, אָבער ווי לאַנג קאָן מען דאָרט בלייבן?

— מאַמע, לאָמיר אַרויספאָרן צו די האַנסענס, זיי זענען גוטע מענטשן, איצט האָבן זיי שוין קיין געסט, זיי וועלן אונדז זיכער אויפנעמען.

— יאָ טאָכטער, לאָמיר טאַקע פאָרן צו די האַנסענס, — האָט זיך די מוטער אָנגעכאַפּט אין עלאַס פאָרשלאַג. דו גלייבסט, עלאַ, אַז זיי וועלן אונדז אַריינלאָזן? — איז זי פּלוצים געוואָרן אומזיכער.

— יאָ, מאַמע, זיי וועלן אונדז אַריינלאָזן, זיי זענען פיינע מענטשן.

די מוטער איז צוגעגאַנגען צום שאַנק און געװאָלט עפּעס אַרויסנע־מען, אָבער עלאַ האָט ניט געלאָזן.

— ניין, מאַמע, מען דאַרף ניט. מיר טאָרן ניט האָבן מיט זיך קיין פּעקלעך. מ׳װעט זען, אַז מיר װילן אַנטלויפן. לאָמיר פאָרן מיט דער באַן, אָדער מיט אַן אויטאָ.

— ניין, טאָכטער, ניט מיט דער באַן. ס׳זענען דאָרט צו פיל מענטשן. כ׳האָב איצט מורא פאַר מענטשן.

זי האָט אַראָפּגענומען איר פאָטערס בילד פון װאַנט, און עס אַריינ־געשטעלט אין שאַנק. עלאַ האָט אויסגעלאָשן ס׳ליכט. אין שטוב איז גע־װאָרן האַלב פינצטער. דורכן אָפענעם לופטשיק האָט אַריינגעבלאָזן אַ װינטל װאָס האָט זיך געשפּאַרט אינעם אַראָפּגעלאָזענעם ראָלעט, און דער שטעקן האָט כסדר געקלאַפּט אין דער פענצטערראַם, װי ער װאָלט זיי געיאָגט, זיי זאָלן װאָס גיכער אַװעק.

זיי האָבן זיך הינטערװיילעכץ אַרויסגערוקט פון שטוב. די מוטער האָט זיך נאָך אַ מאָל אַרומגעקוקט. דאָס מעבל האָט געשװעבט אין דער לופטן. דער פירקאַנט אויפן װאַנט, װו עס איז געהאַנגען איר פאָטערס בילד, האָט זיך קלאָר און דייטלעך אָפּגעצייכנט אינעם כאָאָס פון שטוב. עלאַ האָט פאַרשלאָסן און געפּרוּװט די טיר. נאָכדעם האָט זי אָנגענומען די מוטער ביי דער האַנט. דער מוטערס אויגן זענען פאַרגאָסן געװען מיט טרערן. זיי האָבן זיך געאײַלט כדי ניט צו באַגעגענען קיין שכנים.

אונטן, אין פאָדערהויז זענען זיי געבליבן שטיין. עלאַ האָט אַ ביסל אויפגעמאַכט די טיר און אַרויסגעקוקט אויפן גאַס. זי האָט געװוּנקען צו די פאַרבייפאָרנדיקע אויטאָס, אָבער זיי זענען פאַרבייגעפלויגן און זי ניט באַמערקט.

אַן אויטאָ איז אָנגעקומען. עלאַ האָט אַרויסגעשטרעקט אַ האַנט, און דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער שאָפער איז אַרויסגעשפּרונגען פון װאָגן און פאַר זיי אויפגעמאַכט די טיר. װען זיי זענען שוין געזעסן אין װאָגן, האָט ער אַװעקגערוקט דאָס שייבל און צו זיי אַריינגערעדט:

— זייט אַזוי פריינדלעך און פאַרציט די פאָרהענגלעך. מיר װעלן זיך מוזן האַלטן װייט פון הויפּטװעג, ער איז אומזיכער. עס פאָרן היינט דאָרטן אַזוי פיל פון אייערע.

די מוטער האָט געקוקט אויף עלאַן.

— נו, וואָס איז, וואָס איז דען, אַז ער ווייס? דו זעסט דאָך, אַז דאָס איז אַן אָרנטלעכער מענטש, — האָט עלאַ זי באַרויִקט.

די מוטער האָט גאָרנישט געענטפערט. זי איז געזעסן אָנגעלענט און געקוקט אויפן פינצטערן לעמפל אין דעכל. עלאַ האָט אַ ביסל אַוועקגערוקט דאָס פאָרהענגל און אַרויסגעקוקט.

— מאַמע, איצט פאָרן מיר פאַרביי טיוואָלי. ער איז פאַרמאַכט. ס׳איז דאָרט שוין קיינער ניטאָ. מיר זענען שוין אויפן ראָטהויזפּלאַץ. אָ, אַ מאַסע מענטשן שטייען דאָרטן! ס׳דאַכט זיך מיר, אַז איך קען זיי אַלעמען. מאַמע, מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאַרן רויטן ליכט. גיב נאָר אַ קוק. די טויבן עסן פון די קינדערס הענט!

דער אויטאָ האָט זיך גערירט און עלאַ האָט ווייטער גערעדט.

— איצט זענען מיר ביים סטודענטן־הויז. גלייבסט, כ׳וועל נאָך אַ מאָל דאָ טאַנצן? געדענקסט דעם יונגנמאַן? ער האָט אונדז דווקא געוואָלט אַ היים־פירן אין אַן אויטאָ! איצט זענען מיר ביים וואַסער. זע נאָר, מאַמע, וויפל לאָדקעס. ס׳איז אַזאַ שיינער טאָג, אָבער ס׳מוז שוין זיין קאַלט. אָ, זע נאָר די שוואַנען שווימען דאָ אַרום. ס׳מוז זיין גוט צו זיין אַ שוואַן, ניין, מאַמע?

אַזוי האָט זי געפּלאַפּלט, אָבער די מוטער האָט גאָרנישט געענטפערט. זי איז געזעסן ווי פריִער, און געקוקט אויפן פינצטערן לעמפל.

הינטערן שטאָט איז דער אויטאָ גיכער געפאָרן. ער איז פאַרבייגע־לאָפן ליידיקע אָפּגעשניטענע קאָרנפעלדער און אויסגעטריקנטע געלבלעכע לאָנקעס. דאָ און דאָרט איז נאָך געשטאַנען אַ קו אָדער אַ פערד אויף דער פּאַשע, אָבער דער האַרבסט האָט שוין אַלץ באַהויכט מיט פייכטקייט און קעלט. ער וועט באַלד פאַרוויסטן די פעלדער, אויסטאָן דיביימער זייערע לעצטע קליידער, און זייערע נאַקעטע לייבער וועלן געשמיסן ווערן פון רעגן און ווינט. עלאַ האָט זיך צוגעטוליעט צו דער מוטער.

— מאַמעלע?

— וואָס מיין קינד?

— גאָרנישט.. כ׳וויל נאָר אַזוי אַ ביסל ליגן. ס׳איז עפּעס פּלוצים אַזוי קאַלט געוואָרן.

— ס׳איז שוין ניט ווייט, קינד מיינס.

זיי זענען ניט צוגעפּאַרן גלייך צו די האַנסענס. זיי האָבן געהייסן דעם שאָפער זיך אָפּשטעלן ביים באַנהויף. זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון אויטאָ און געבליבן שטיין. דער שאָפער האָט געוואָלט פרעגן, צי ער קאָן זיי ניט מיט עפּעס העלפן, אָבער זיי זענען געשטאַנען אַזוי שטיל, אַזוי מאָדנע פאַרטראַכט, אַז ער האָט ניט געוווּסט ווי אַזוי ער זאָל זיי דאָס פרעגן. האָט ער זיי געווונטשן אַ גליקלעכע רייזע און איז אַוועקגעפאָרן. די מוטער האָט זיך געכאַפּט, אַז זי האָט אים באַדאַרפט הייסן וואַרטן.

— ער איז שוין אַוועק, האָט עלאַ רויִק געזאָגט. — מיר האָבן דען אַן אַנדער אָרט? ס׳קאָן דאָ זיין פּונקט אַזוי גוט ווי ערגעץ אַנדערש. די מוטער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— מאַמע, לאָמיר גיין.

— אפשר ווּעסטו פריִער אַליין צוגיין און זען...

זיי זענען אַריין אין הויף דורך דער הינטערזייט. ראַלף איז געלעגן און זיך געוואַרעמט אויף דער זון. ער איז אויפגעשפּרונגען און זיי אַקעגנ־געלאָפן. עלאַ האָט זיך אַראָפּגעבויגן, אים געגלעט, און גערעדט צו אים.

— ראַלף, גוטער הונט, ראַלף, שיינער הונט! די מוטער האָט אויך גע־שמייכלט צו אים. פרוי האַנסען איז געשטאַנען אין טיר.

— אָך, דאָס זייט איר, קומט אַריין! מאַכט אייך באַקוועם, פילט זיך ווי אין דער היים, כ׳ברענג שוין קאַפע, ס׳איז היינט אַ ביסל קאַלטלעך?

זי איז אַרויס אין קיך. דער אויוון איז געווען געהייצט און ס׳איז געווען וואַרעם אין שטוב. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט. די מוטער האָט אַ זיפץ־געטאָן.

— וואָס זיפצסטו איצט, מאַמע? דו זעסט דאָך, אַז מען האָט אונדז גוט אויפגענומען.

— יאָ, טאָכטער, און וואָס וועט דערנאָך זיין?

— כ׳ווייס ניט, מאַמע, וואָס ס׳וועט דערנאָך זיין. דער אָנהייב איז יעדנפאַלס גוט.

פרוי האַנסען איז אַריינגעקומען מיט קאַפע. זי האָט אַרויפגעלייגט אַ ווייס טישטעך און עלאַ האָט איר געהאָלפן סערווירן.

האַנסען איז אויך באַלד אַהיים געקומען. ער איז געווען אין די אַר־בעטסקליידער. ס׳האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט זיך שטאַרק געאיילט. ווען

ער האָט אויסגעטאָן ס׳היטל, האָט ער געהאַט אַ פאַרשוויצטן ראַנד אויפן שטערן. ער האָט זיי שטאַרק געדריקט די הענט. זיין רויט פנים האָט גע־שטראַלט פון גוטמוטיקייט און פריינדלעכקייט. ביים טיש איז ער געווען באַזונדערס אויפגעלייגט. ער האָט זיך געחכמעט, געזאָגט וויצן און דער־ציילט נייס.

— נו, עסט אַ שטיקל קוכן, טרינקט, ניין, איר עסט היינט גאָרניט! איר האָט דאָך ליב דעם קוכן!

יאָ, עלאַ און די מוטער האָבן ליב געהאַט דעם קוכן, און זיי האָבן אים געגעסן, נאָר עס איז ניט געווען דאָס, וואָס מיט צוויי חדשים צוריק, ווען זיי זענען דאָ געווען אויף זומער־וואַקאַציעס. מען קאָן ניט זאָגן, האַנ־סען און זיין ווייב זענען פריינדלעך, האָט די מוטער געטראַכט. פרוי האַנ־סען איז היינט אויך מער באַרעדעוודיקער ווי שטענדיק. אָבער זי וואָלט געוואָלט, אַז זיי זאָלן איצט רעדן וועגן עפּעס אַנדערש, ניט וועגן דעם וואָס האַנסען רעדט כסדר, נאָר זי האָט מורא אים איבערצורייסן. עס וועט דאָך ווערן אַזוי שטיל, אומהיימלעך שטיל. עפּעס דאַכט זיך איר, אַז ווען ער וועט אויפהערן, וועט זייער באַזוך זיין געענדיקט און זיי וועלן זיך באַלד מוזן לאָזן אין וועג אַריין.

נאָך דער קאַפע האָט האַנסען אָנגעבאָטן די דאַמען סיגאַרעטן און אַליין פאַררייכערט. פרוי האַנסען איז אַרויס אין קיך, און עס איז פּלוצים שטיל געוואָרן אין שטוב.

די מוטער האָט געטראַכט, אַז עלאַ דאַרף איצט אויפקלערן האַנסענען צוליב וואָס זיי זענען געקומען. עלאַ האָט עס אויך געוואָלט טאָן. זי האָט שוין אייניקע מאָל אין געדאַנק געהאַט אָנצוהייבן: — הער האַנסען, מיר זענען געקומען ווייל מיר... איז איר אָבער ניט געווען קלאָר, וואָס זי האָט ווייטער צו זאָגן. די מוטער איז געזעסן ווי צוגעוואַקסן צום שטול, זי האָט מורא געהאַט זיך צו רירן פון אָרט, אַז זי זאָל עפּעס ניט קאַליע מאַכן. ענדלעך האָט האַנסען אַרויסגענומען דעם סיגאַר פון מויל און אַ הוסט געגעבן. האַנסען האָט מיטן אַרבל אָפּגעווישט דעם שטערן און דאָרט אי־בערגעלאָזט צוויי קליינע קאַלכפלעקן. — טיאַ, — האָט ער געזאָגט. די מוטער האָט זיך נענטער צוגערוקט צום טיש. ער האָט אַ צי־געגעבן דעם סיגאַר און געזאָגט.

— די זאַך איז אַזוי, דאָ איז נאָך דערווייל רויִק.

— יאָ, דאָ איז נאָך דערווייל רויִק, — האָט די מוטער נאָכגעזאָגט און אים אָנגעקוקט וואָס ער וועט ווייטער זאָגן. — נאַטירלעך, האָט ער ווייטער גערעדט, קאָנט איר דערווייל ביי אונדז וווינען. אין די אַנדערע פּענסיאָנאַטן זענען אויך דאָ ייִדן, מען וועט מוזן געפינען עפּעס אַן אויסוועג.

— הער האַנסען — איז אים די מוטער אַריינגעפאַלן אין די רייד. איך וועל באַצאָלן וויפל עס וועט קאָסטן. עס האַנדלט זיך אין לעבן פון מיין קינד! עלאַ האָט זי אַ שטויס געגעבן מיטן פוס אונטערן טיש.

— אָך, האָט האַנסען אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט, עס גייט דאָ ניט וועגן קיין געלט, נאַטירלעך וועט דאָס שוין עפּעס קאָסטן! ער האָט פאָרגע־שלאָגן זיי זאָלן אַ ביסל אַרויסגיין אין גאָרטן, ווי לאַנג עס איז נאָך דאָ די זון. ער דאַרף נאָך ערגעץ גיין אַ קוק טאָן, ער וועט באַלד צוריקקומען.

זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט און זענען אַרויסגעגאַנגען.

שוין אַ סך יאָרן ווי זיי פאַרברענגען זייער וואַקאַציע ביי די האַנ־סענס. עלאַ, נאָך אַ קינד, פלעגט אַ גאַנץ יאָר רעדן וועגן גאָרטן, זי איז געווען אַ נייגעריק קינד, וואָס האָט אַלץ געזען און אַלץ באַוווּנדערט. די ביימער זענען איר געווען טייער ווי איר ליאַלקע, זי האָט זיי געצערטלט און צו זיי גערעדט, אַזוי ווי צו איר ליאַלקע. יעדן זומער, ווען זי איז גע־קומען אַהער, האָט זי אַרומגעקוקט די ביימער, געטאַפּט די קאָרע, ווי זי וואָלט דערפילט די ענדערונג וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט פאַר דער צייט. זי איז אַרומגעלאָפן אויף די ווייכע סטעזשקעלעך, געשלעפּט אַלעמען ווייזן אַ זעלטן בלימל און כסדר אויסגעדריקט איר פרייד און באַגייסטערונג. איצט איז דאָס אַלץ אַזוי פרעמד פאַר איר... זי איז איצט אַזוי ענלעך צו איר מאַמען, דער שטענדיק פאַרזאָרגטער מאַמען.

די מוטער איז די גאַנצע צייט נאָכגעגאַנגען עלאַן מיט קורצע, אומ־זיכערע טריט. עלאַ איז מיד געוואָרן, זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער באַנק, ביים גאָרטן־הייזל. די מוטער איז געבליבן שטיין הינטערן בוים.

— מאַמע, דו באַדאַרפסט זיך ניט באַהאַלטן, דער גאָרטן איז אַ פאַרמאַכטער!

די מוטער האָט געוויזן אויפן פאַרקן. — זעסט, מען קאָן אַריינקוקן! ווען מען וואָלט געקאָנט ערגעץ אַריינגיין, האָט זי געטראַכט, זיי האָבן

דאָ אַ סך באַקאַנטע, אָבער זיי וועלן אָנקוקן מיט רחמנות, און טאָמער ווייס ווער נאָך ניט, וועט מען מוזן דערציילן, פאַר וואָס מען איז פּלוצים געקו־מען אַזוי שפּעט נאָכן סעזאָן. און מען ווייס דען ווען מען פאַרציילט... עלאַן איז קאַלט געוואָרן צו זיצן. זי האָט זיך אויפגעשטעלט.

— אפשר זאָלן מיר אַריינגיין, האָט די מוטער פאָרגעשלאָגן.

— ניין, מאַמע, לאָמיר נאָך אַ ביסל דאָ זיין, פרוי האַנסען האָט ניט קיין צייט אַ גאַנצן טאָג זיך מיט אונדז צו באַשעפטיקן.

אויפן גאַס האָט זיך ראַלף געשלאָגן מיט אַן אַנדער הונט, עלאַ איז אַרויסגעלאָפן און אים אַריינגענומען אין שטוב. פרוי האַנסען איז אויך אַרויסגעקומען און זיי זענען אַלע אַריין אין שטוב.

— זעצט זיך, מאַכט זיך באַקוועם!

— אַ דאַנק, אַ דאַנק! — האָבן זיי ביידע געענטפערט אויף אַ מאָל.

— מיין מאַן וועט באַלד אַהיים קומען! — האָט זי געזאָגט און איז צוריק אַרויס אין קיך. עלאַ האָט זיך געוואָלט מאַכן היימיש און איר נאָכ־געשריִען.

— פרוי האַנסען, וואָס וועלן מיר היינט האָבן צו מיטאָג?

— דאָס וואָס איר האָט ליב: געפּרעגלטע פיש און פּוטערמילך־זופּ, — האָט פרוי האַנסען געענטפערט און פאַרמאַכט די טיר נאָך זיך.

— זעסט מאַמע, פיינע מענטשן, — האָט עלאַ געזאָגט צו דער מוטער.

— יאָ, טאָכטער, אַ גליק, וואָס דיר איז עס איינגעפאַלן.

האַנסען איז אַהיימגעקומען שווייגנדיק. ער האָט זיי באַגריסט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ, גענומען אַ סיגאַר וואָס האָט אַרויסגעשטעקט פון זיין אויבערשטער קעשענע און צוריק אַריינגעשטעקט זי.

פרוי האַנסען איז אַריין מיט טעלער, עלאַ האָט איר געהאָלפן דעקן דעם טיש. זיי האָבן זיך געזעצט עסן.

— אין וואָסערע צייטן מיר לעבן איצט, — האָט האַנסען געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— יאָ, שווערע צייטן, — האָט די מוטער געזיפצט.

נאָכן עסן האָט פרוי האַנסען אַוועקגעשטעלט קליינע טעפלעך און געברענגט קאַפע.

— היינט וועלן מיר טרינקען אַ ריכטיק טעפּעלע קאַפע!

עס איז עמעצער אַרײַנגעקומען אין הויף. האַנסען האָט זיך שנעל אויפגעהויבן און איז אַרויסגעגאַנגען. ער האָט דאָרט מיט װעמען שטיל גערעדט. פרוי האַנסען האָט אַראָפּגעשאַרט די קרישקעס פון טיש און גלייך געמאַכט ס׳טישטעך. די מוטער האָט זיך אָנגעשטרענגט צוגעהערט, װאָס מען רעדט אין הויף, אָבער זי האָט גאָרנישט געקאָנט אויפכאַפּן. עלאַ האָט געקוקט אין פענצטער. די שויבן זענען געװען באַדעקט מיט אַ דין פּאַרע־הײַטל, אין דרויסן האָט געטונקלט, אין הויף האָט מען אויפגעהערט צו רעדן. יענער איז אַװעקגעגאַנגען, האַנסען איז אַרײַנגעקומען אין קאָרידאָר, נאָר ער איז עפּעס פּלוצים שטיין געבליבן. דער מוטערס בליק איז געװען צוגעקלעפּט צו דער טיר. ענדלעך איז ער אַרײַנגעקומען. ער האָט געשמייכלט און זיך געזעצט צום טיש. דער סיגאַר, װאָס ער האָט געהאַלטן אין מויל, איז געװען אויסגעלאָשן. ער האָט געזוכט אַ שװעבעלע אין די קעשענעס און פּלוצים אַ זאָג־געטאָן:

— דער אויטאָ װעט באַלד קומען. די זאַך איז אַזוי: די געסטאַפּאָ איז הײַנט געקומען אַהער אין דער געגנט. זיי זאָלן אויך האָבן מיט זיך איינעם פון אונדזערע אייגענע, װאָס קען דאָ איטלעך װינקל. ביי די מאַרטענסענס האָבן זיי שוין װעמען צוגענומען. אָבער צו אונדז װעלן זיי ניט טרעפן, מיר װוינען גאַנץ אין אַ זייט. נאָר דאָך דאַרף מען פאָרזיכטיק זיין. דער אויטאָ װעט באַלד קומען, װעל איך אייך אַװעקפירן צו מיינעם אַ באַקאַנטן פּויער. ביי אים װעט מען ניט זוכן. ס׳איז אַ פאַרװאָרפענער הויף, דאָרטן איז גאַנץ זיכער!

די מוטער, װאָס איז די גאַנצע צייט געזעסן װי געליימט, האָט זיך ביי די לעצטע װערטער אויפגעשטעלט.

— ניין, ניין, ס׳איז נאָך ניט קיין סכנה, — האָט פרוי האַנסען געזאָגט און זי צוריק אַװעקגעזעצט.

— און ס׳מוז נאָך צו ערשט װערן ריכטיק פינצטער, איידער מיר קאָנען פאָרן — האָט האַנסען צוגעגעבן, ער האָט אַ ציי־געגעבן דעם סיגאַר און װייטער געזאָגט:

— יאָ, איר װעט מוזן אַריבער קיין שװעדן.

— אָבער װי אַזוי? — האָט די מוטער געפרעגט און געבראָכן די הענט.

— װי אַזוי? אויף אַ שיפל! — האָט האַנסען געלאַכט. אָבער ער האָט

באַלד חרטה געהאַט, וואָס ער לאַכט. ער האָט זיך אויפגעהויבן און זי אָנגענומען ביי דער האַנט:

— זאָרגט זיך ניט, פרוי שוואַרץ, ס׳וועט שוין גיין, ס׳וועט שוין גיין. היינט איז עס ניט מעגלעך, זיי לויפן דאָ אַרום ווי משוגענע הינט. ס׳וועט זיך נאָר אַ ביסל באַרויקן, וועלן מיר שוין געפינען אַ שיפל וואָס וועט אייך אַריבערפירן.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק! — האָט די מוטער געזאָגט און טרערן זענען געשטאַנען אין אירע אויגן.

עס איז ווידער ווער אַריינגעקומען אין הויף. „דאָס איז ער״, האָט האַנסען געזאָגט. פרוי האַנסען האָט געהאָלפן דער מוטער אָנטאָן דעם מאַנטל.

— נאָר ניט פאַרלירן דעם מוט, ס׳וועט שוין אַלץ גוט זיין. איר און עלאַ וועלן אַריבער קיין שוועדן, מיין מאַן אַז ער נעמט זיך עפּעס אונטער קאָן מען זיך אויף אים פאַרלאָזן.

דער וואָגן איז געפאָרן מיט פאַרלאָשן ליכט. ער האָט זיך אַזוי פאַמעלעך געשלעפּט אין דער פינצטערניש, ווי ער וואָלט געקראָכן אויף טשערעפּאַכע-פיס. אָפט מאָל האָט עס אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן גאָר אין גאַנצן שטיין געבליבן. ס׳איז געווען אַזוי שטיל ווי ס׳וואָלטן מיילן אַרום ניט געווען קיין לעבעדיקע מענטשן. האַנסען און דער שאָפער האָבן די גאַנצע צייט ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. זיי זענען געווען פאַרנומען מיט אַכטונג געבן, אַז דער וואָגן זאָל זיך אין ערגעץ ניט אָנשטויסן. דער שאָפער איז געווען ברוגז און געבורטשעט אין זיך.

— מ׳ריזיקירט מיטן וואָגן אויף אַזאַ רייזע, און ס׳וועט זיין אַ גליק, אַז כ׳וועל דאָ אַרויסקומען מיט גאַנצע ביינער, ס׳לוינט זיך ניט דער גאַנצער עסק. ס׳קאָן פון גאַנצן פאַרדינסט זיך אויסלאָזן אַ בוידעם.

עלאַ האָט אָפט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטערל, אָבער די פינצטערניש האָט אַלץ פאַרבאָרגן. זי האָט זיך ניט געשראָקן. האַנסען איז דאָ, האָט זי זיך געפילט זיכער, זיי האָבן זיך איבערגעגעבן אין זיינע הענט, און ער ווייס וואָס ער טוט. זי האָט ניט געוווסט, אַז ער איז אַזאַ גוטער מענטש. וואָס וואָלטן זיי געטאָן אָן האַנסענען?

ענדלעך האָט זיך דער וואָגן אָפּגעשטעלט. האַנסען איז אַרויסגעגאַנגען און ערגעץ אָנגעקלאַפּט. קיינער האָט זיך ניט אָפּגערופן. דער שאָפער האָט

לייכט געדריקט אויף דער טרובקע. עמעצער איז אָנגעקומען. זאַװיאַסעס האָבן געסקריפּעט. אַ טויער האָט זיך געעפנט, האַנסען איז פאַרשװוּנדן אין הויף. ער איז געשטאַנען און שטיל אַריינגערעדט אין פויער. זיי האָבן ניט געקאָנט הערן, וואָס ער רעדט. אָבער זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען ניט קיין געווונטשענע געסט. דער פויער האָט האַרטנעקיק געשוויגן, נאָר איין מאָל האָבן זיי אים געהערט זאָגן: כ׳האָב מורא, כ׳וויל ניט ריזיקירן. די ווערטער זענען ווי שווערע האַמערס געפאַלן אויף זייערע קעפּ. עלאַ האָט געוואָלט צוגיין און זאָגן האַנסענען, אַז ער זאָל אָפּלאָזן, זיי וועלן שוין ווי עס איז דורכקומען די נאַכט, נאָר אַז זי האָט געזען ווי איר מוטער שטייט און ציטערט פאַר קעלט, האָט זי אויפגעגעבן דעם געדאַנק.

האַנסען איז צוגעקומען. ער איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. דער פויער, האָט ער געזאָגט, פילט זיך ניט זיכער. ער קאָן זיי ניט אַרייננעמען אין שטוב, נאָר אויב זיי ווילן, קאָנען זיי איבערנעכטיקן אויפן היי־בוידעם. עלאַ האָט געקוקט אויף דער מוטער.

— יאָ, זאָל זיין אויפן בוידעם! — האָט די מוטער געזאָגט.

דער פויער האָט געוויזן האַנסענען ווו עס שטייט דער לייטער. האַנסען האָט געבראַנגט דעם לייטער און זיי געהאָלפן אַרויפקריכן אויפן בוידעם. ווען זיי זענען שוין געווען אויבן האָט דער פויער אַרויפגעברומט:
— לינקס, לינקס... די מוטער האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן עלאַן. זי האָט כסדר געוואָרנט: עלאַ, לאָמיר זיין פאָרזיכטיק, ס׳קאָן דאָ ערגעץ זיין אַ לאָך. עלאַ, בייג זיך אַראָפּ, זאָלסט זיך ניט אַ קלאַפּ געבן. ס׳האָט זיך זיי געדוכט, אַז דער בוידעם איז שרעקלעך לאַנג. ענדלעך האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אין היי, און האָבן זיך פּאַמעלעך אַנידערגעזעצט.

— ס׳איז דיר ניט קאַלט, עלאַ, ווילסט אפשר האָבן מיין מאַנטל?

— ניין מאַמע, ס׳איז דאָ ניט קאַלט, אָבער דו האָסט דאָך פריִער געציטערט פאַר קעלט.

— איצט איז מיר וואַרעם.

דער אויטאָ איז אַוועק. דער טויער איז צוריק פאַרמאַכט געוואָרן און דער פויער איז אַריין אין שטוב.

אונטן אין שטאַל האָט זיך אַ פערד אַוועקגעלייגט. די פּאַדקאָוועס האָבן זיך אַ גליטש געטאָן אויפן נאַסן דיל. אַ קייט האָט זיך אָנגעשלאָגן אין

דער קאַרעטע. אַ קלאַ האָט אומרויִק געטופּעט. עמעצער איז געגאַנגען אין הויף. האַלצשיך האָבן געטראָטן אויף די שטיינער פון ברוק. אָט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. אַ מענערשטים האָט שטיל און בעטנדיק גערופן. מען האָט געהערט אַ פּרויס איינגעהאַלטן געלעכטער. דאָס געלעכטער האָט זיך אַ קאַלער־געטאָן ווי קליינע פייערקוילן אין דער נאַכט־פינצטערניש — און ווידער איז שטיל געוואָרן. פון ערגעץ ווייט האָט זיך דערהערט אַ לאַנג אויסגעצויגן וואָיען פון אַ הונט. „דער מלאך המות איז ערגעץ דאָ״, — האָט די מוטער געטראַכט. אָבער זי האָט גאָרנישט געזאָגט.

עלאַ האָט זיך אויסגעצויגן אויפן היי.

— מאַמע, ס׳היי שמעקט אַזוי גוט, און מיר זענען דאָ ניט אַליין. דו הערסט די בהמות אונטן? איינע האָט זיך ערשט אָוועקגעלייגט. שלאָפט שוין אוודאי. כ׳וואָלט אויך געוואָלט אַ ביסל שלאָפן, לייג דו זיך אויך, מאַמע.

די מוטער האָט זיך אָוועקגעלייגט. זיי זענען געלעגן שטיל און יעדער פון זיי האָט געוואָרט, אַז דער אַנדערער זאָל איינשלאָפן און אַליין אויפזיין און היטן. אָבער עלאָס יונגער גוף האָט גובר געווען איר ווילן און זי איז באַלד איינגעשלאָפן. די מוטער האָט געהערט איר שטילן אָטעמען. זי האָט זיך אויפגעזעצט, אַנגעקוקט עלאַן און איר האַרץ האָט זיך אָנגעפילט מיט שטאָלץ.

— דאָס קינד לייכט ווי די זון, האָט זי צו זיך שטיל גערעדט. זי האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל און צוגעדעקט עלאָס פיס.

ווען מען האָט אָנגעהויבן אַרומגיין אין הויף, האָט זיך עלאַ אויפגעכאַפּט. זי האָט געטראָפן דער מאַמען זיצן, די הענט פאַרלייגט אין שויס איינע אויף דער צווייטער, און דער קאָפּ אַראָפּגעהאַנגען אויף אַ זייט. זי האָט זיך געפילט שולדיק, וואָס זי איז איינגעשלאָפן און געלאָזן די מוטער אַליין.

— מאַמע, ביסט ניט געשלאָפן?

— ניין, טאָכטער, כ׳בין ערשט אויפגעשטאַנען.

אָבער עלאַ האָט געקענט איר מאַמען און געוווסט, אַז זי איז אַ גאַנצע נאַכט געזעסן און זי געהיט. זי האָט דערזען אַז אירע פיס זענען צוגעדעקט און די מוטער איז אָן אַ מאַנטל.

— מאַמע, דו האָסט אויסגעטאָן דעם מאַנטל אין אַזאַ קעלט, טו אים שוין אָן! — האָט זי כמעט װי געשריִען.

— ס'איז איצט ניט קאַלט, טאָכטער, ס'הײ איז װאַרעם און פון שטאַל קומט אויך אַרויף אַ װאַרעמקײט.

דורך די שפּאַרעס פון די װענט האָט זיך דורכגעריסן אַ ליכטיקײט און גראָ געמאַכט אַלץ אויפן בוידעם. אין דעם האַלב־טונקל האָט מען געזען אַלטע כאָמעטן, צוימען מיט גלעקלעך זענען געהאַנגען אויף אַ סלופּ, אין װינקל איז געשטאַנען אַ מאַטראַץ, אויף אַן אַלטן פּלושענעם שטול איז געלעגן אַ בײטש.

דער פּויער איז געװען אין שטאַל. ער האָט גערעדט צו די פערד:
— רוק דיך אַ ביסל, כאַפּ ניט אַזוי.

— ער איז שוין אונטן, — האָט די מוטער שטיל געזאָגט.

זײ האָבן געװאַרט, אַז עס זאָל װער אַרויפקומען און זײ אַראָפּנעמען. אָבער עס האָט זיך קײנער ניט געװיזן, און אַלײן האָבן זײ ניט געװאָלט אַראָפּגײן, ניט געװוּסט, צי זײ מעגן. עלאַ האָבן װײ־געטאָן די גלידער פון ליגן. זי האָט זיך געװאָלט אויפשטעלן און אַ ביסל אַרומגײן, אָבער די מוטער האָט װײטער געװאָרנט פאַר באַהאַלטענע לעכער און שפּאַלטן, דורך װעלכע מען קאָן זי נאָך זען פון אונטן.

ס'איז שוין געװען שפּעט, װען דער שאָפער איז געקומען. ער האָט געזאָגט, אַז דער פּויער זאָל אַרויסקומען, זײ זאָלן אים קאָנען אָפּדאַנקען, אָבער ער איז ניט געקומען און זײ האָבן זיך געלאָזן גײן צום װאָגן, שלעפּנ־דיק די שטײפע פאַרפרוירענע פיס.

פרוי האַנסען האָט שוין געגרײט צום טיש און געװאַרט אויף זײ.
— נו, װי איז געגאַנגען? דער פּויער איז ניט געװען אַזוי פרײנדלעך, װאָס?

— אָ, ס'איז גאָר ניט געװען אַזוי שלעכט — האָט די מוטער געענט־פערט.

— ער האָט אפשר טאַקע מורא געהאַט, — האָט אים עלאַ פאַרענטפערט.

נאָך דער קאַפע איז פרוי האַנסען אַרויס אין קיך. עלאַ און די מוטער זענען געזעסן אויף דער סאָפע און מידע געקוקט אויפן פײער אין אויװן. דאָס האַלץ האָט געפלאַקערט, געקנאַקט און פאַרשפּרײט אַ װאַרעם־זיסלעכן

ריח אין שטוב. זייערע אויגן האָבן זיך געקלעפּט, נאָר זיי האָבן ניט געוואָלט איינשלאָפן. זיי האָבן געוואַרט, אַז עס זאָל זיך ווער ווייזן אין הויף, קומען מיט אַ ידיעה וועגן אַ שיפל. אָבער עס האָט זיך דעם גאַנצן טאָג קיינער נישט געוויזן, אַפילו ראָלפן האָט מען אויך נישט געזען און געהערט. פרוי האַנסען איז אָפט מאָל אַריינגעקומען, עפּעס געזאָגט און באַלד צוריק פאַרשוווּנדן. עס האָט אויסגעזען, ווי זי וואַרט אויך אויף עפּעס און איז אומרויִק. איין מאָל נאָך אַזאַ אַריינקומען האָט זיך די מוטער אויפגעהויבן, זיך געשטעלט קעגנאיבער עלאַן און געפרעגט:

— טאָכטער, וואָס וועט זיין, מען הערט גאָר ניט, און מען זעט גאָר ניט?

— מאַמע, האָט עלאַ געזאָגט, מיר קאָנען גאָר ניט טאָן, אַרויסגיין אויפן גאַס קאָנען מיר ניט, און ווען אַפילו, מיר וואָלטן יאָ געקאָנט, האָבן מיר ניט וווהין צו גיין. דו זעסט דאָך, אַז האַנסען איז אַ גאַנצן טאָג ניטאָ, ער לויפט מסתמא אַרום און זוכט עפּעס פאַר אונדז.

— און וואָס וועט זיין, אַז ער וועט ניט געפינען?

— מאַמע, קלער ניט וועגן דעם, ער וועט שוין זיכער עפּעס געפינען.

האַנסען איז אַהיימגעקומען ערשט אַרום אָוונטברויט. ער איז געווען מיד און אָנגעשטרענגט.

— די זאַך איז אַזוי, האָט ער באַלד אָנגעהויבן, היינט ביינאַכט וועט אפשר זיין אַ שיפל. מ׳מוז באַלד ווייטער לויפן, געוויר ווערן. ס׳דאַרף קומען אין האַפנדל, כ׳האָב באַקומען אַ שליסל צו אַ באָדהייזל, וואָס ליגט ניט ווייט פון דאָרטן. ס׳איז אַוודאי אַן אָפּן באָדהייזל, אָבער עס וועט היינט זיכער ניט רעגענען, ס׳בלאָזט. דאָס באָדהייזל ליגט ווייט־ווייט און עס וועט קיינעם נישט איינפאַלן, אַז עס קאָן ווער דאָרטן זיין. מ׳וועט אָבער מוזן צוגיין, לאַרסען איז אַוועקגעפאָרן און מען ווייס ניט ווען ער וועט צוריקקומען.

פרוי האַנסען האָט אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און אויך געמיינט, אַז ס׳וועטער וועט זיך האַלטן, דער ווינט וועט פאַרטרייבן דעם רעגן. זי האָט זיך מיט זיי געקושט און אַריינגעשטופּט עלאַן אַ פּעקעלע אין טאַש, וואָס איז שוין געלעגן אָנגעגרייט אויפן קאָמאָד.

— איצט מוזט איר זיין מוטיק! — האָט זי געזאָגט. — עלאַ, גיב גוט

אַכטונג אויף דײַן מאַמען! ראַלף האָט זיך געפּלאָנטערט בײַ עלאַס פיס, ביז זי האָט אים אַ גלעט־געטאָן און געזאָגט: ראַלף, גוטער הונט, שײנער הונט.

— אַ גוטע רײזע, אַ גוטע רײזע! — האָט פרוי האַנסען שטיל נאָכגע־שריִען, און צו זײן געװונקען ביז זײ זענען אַרויס פון הויף.

— ס'איז קאַלט. — האָט די מוטער געזאָגט און טיפער זיך אײנגע־טוליעט אין מאַנטל. אָבער זי האָט ניט געקאָנט זיך באַהאַלטן פאַרן בײזן צפון־װינט. ער האָט זי שוין געהאַלטן אין זײנע פײכטע, קאַלטע אָרעמס, דורכגענומען די קלײדער און זיך אײנגעגעסן אין לײב. די פישערשטיבלעך זענען געשטאַנען אָנגעלענט אײנס אין צװײטן, װי זײ װאָלטן זיך געװאָלט שיצן קעגן דעם דאַזיקן אומגעבעטענעם גאַסט װאָס קומט פון װײטע קאַלטע לענדער און װעט שוין דאָ אַזױ װילדעװען, ביז די זון װעט זיך װידער באַװײזן אויפן הימל. אין די הײפלעך זענען די פישערנעצן געהאַנ־גען צום טריקענען און דערמאָנט אין דעם גרױסן, קאַלטן, גרױזאַמען ים. נאָר אין די שטיבלעך איז געװען װאַרעם, אַזױ מחיהדיק װאַרעם און ליכ־טיק.

האַנסען איז געגאַנגען פאָרויס, עלאַ מיט איר מאַמען אַ שטיקל פון הינטן. אין די פענצטער האָט זיך אָפט מאָל געװיזן אַ געשטאַלט און נאָכ־געקוקט די צװײ פרעמדע פרויען: װער קאָנען זײ זײן? קײן זומערגעסט זענען זײ ניט. ס'איז שוין לאַנג נאָכן סעזאָן. זײ זענען מסתמא פון די, װאָס װערן איצט אַזױ אַרומגעיאָגט, װאָס האָבן אין ערגעץ קײן אָרט ניט.

זײ זענען אָנגעקומען צום באַדהײזל. האַנסען האָט אויפגעשלאָסן ס'טירל און זײ אַרויפגעלאָזן אויפן בריקל. זײ זענען געבליבן שטײן דער־שראָקן: אַ פעד־שװאַרצער הימל איז שװער געלעגן איבער די װילד אויפ־געררודערטע װאַסערן. די בריק האָט זיך געװיגט. די מוטער האָט זיך אַרום־געקוקט און געװאָלט זיך אָן עפּעס אָנהאַלטן, נאָר די בריק איז געװען אָן אַ פאַרענטש. זי האָט געװוסט, אַז דאָ װו זי שטײט איז דאָס װאַסער ניט טיף, נאָר זי האָט איצט ניט געקאָנט זען דעם גרונט. זי האָט אַרויפ־געלײגט אַ האַנט אויפן האַרצן, װי זי װאָלט זיך געװאָלט באַשיצן קעגן דעם שװאַרצן הימל און קעגן די צאַרנדיקע, אויפגעברױזטע כװאַליעס. זי האָט נאָך קײן מאָל ניט געזען דעם ים אַזױ בײז, אַזױ אויפגערודערט:

ים־ריזן מיט ווילדע שוימיקע מיילער האָבן געשריגן מיט משונהדיקע קולות. ס׳האָט איר געשווינדלט אין קאָפּ, זי האָט מורא געהאַט צו גיין אויף די דריי אָפּענע, שמאָלע ברעטער. ס׳האָט זיך איר אויסגעדוכט, אַז זי פאַלט אַריין אין די ווייסע, אָפענע מיילער פון די ווילדע כוואַליעס.

—קום, מאַמע, לאָמיר גיין! — האָט עלאַ געזאָגט און זי אָנגענומען ביי דער האַנט. די בריק האָט געסקריפּעט, געקרעכצט און געקנאַקט אונטער זייערע פיס. די מוטער האָט זיך געקלאַמערט אָן עלאַן. דער שטורעם האָט געווילדעוועט. פון די שוואַרצע האָריזאָנטן זענען אַרויסגעקומען טויזנטער גראָע, דינע, לאַנגע, שפּרינגענדיקע קעץ און האָבן זיך אויף זיי אַרויפגעוואָרפן מיט אַ מוראדיק פייפן, הודזשען און זשוזשען. זיי האָבן זיך דורכגעריסן דורך די שפּאַלטן פון די ברעטער, געקראָכן אויף די סלופּעס פון בריק, געריסן פון זיי די קליידער, געצויגן די האָר, און זיך אין זיי איינגעגעסן מיט זייערע שפּיציקע, שאַרפע ציין. — מאַמע! האַלט זיך פעסט אָן אין מיר! — האָט עלאַ געשריגן. זייערע שאָטנס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אינעם וואַסער. עס האָט אויסגעזען, ווי צוויי ים־באַשעפענישן וואָלטן אַרויפגעקומען פון די טיפענישן כדי אויפצונעמען דעם קאַמף מיט די ווינטן. — מאַמע, לאָמיר לויפן! — זיי זענען אָפּגעלאָפן אייניקע טריט, זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צום ווינט און ווייטער געלאָפן. און די שאָטנס אויפן וואַסער האָבן זיך מיטגעדרייט און מיטגעלאָפן. עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן אויסגעפירט אַן אויסטערליש פאַנטאַסטישן טאַנץ. — דאָ! — האָט עלאַ געזאָגט. די מוטער איז אַנידערגעפאַלן אַן אויסגעמאַטערטע, אַן אויסגעשעפּטע.

עלאַ האָט איר געהאָלפן זיך זעצן ביים װענטל. פון ערגעץ האָט זיך ווידער דערטראָגן אַ געפּילדער. עס איז געקומען נענטער און נענטער. און אָט איז דער שטורעם שוין דאָ, ער האָט שוין געטרייסלט די ווענט, געריסן דאָס הייזל, און באַלד וועט ער, אין זיין ווילדן געלויף, מיטשלעפן עס ערגעץ ווייט אין ים אַריין. אָט דער שטורעם איז אַריבער, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ ברייטן גערויש אויפן וואַסער.

— ס׳איז גוט, אַז מען איז שוין אויף אַן אָרט, זאָל זיין דאָ אַבי אויף אַן אָרט, — האָט די מוטער געזאָגט.

עלאַ האָט געקוקט אויפֿן הימל, ער איז נאָך געװען פֿאַרכמאַרעט, נאָר גראָד איבער זייערע קעפּ האָט זיך געגליטשט אַן איינזאַמער שטערן.

— מאַמע, דו האָסט אַמאָל געזאָגט, אַז יעדער מענטש האָט זיין שטערן.

— יאָ מיין קינד, אַזוי האָט מען געזאָגט ביי אונדז אינדערהיים, אין מיין שטעטל.

— אויב אַזוי איז דאָס אונדזער שטערן! ער װינקט צו אונדז אַראָפּ, ער װינקט אויף יאָ. האַנסען װעט געפֿינען אַ שיפֿל און מיר װעלן נאָך היינט ביינאַכט זיין אין שװעדן!

— הלװאי מיין קינד, פֿון דיין מויל אין גאָטס אויערן! — האָט די מוטער געזאָגט און אויפֿגעהויבן די אויגן צום הימל.

עלאַ האָט אַרויסגענומען דאָס פּעקעלע פֿון טאַש: — לאָמיר זען, װאָס פֿרוי האַנסען האָט אונדז מיטגעגעבן. סאַרדינען, הערינג, אייער, קעז. עס, מאַמע.

— ניין, טאָכטערל, כ׳װיל ניט, כ׳קאָן ניט, עס דו אַליין.

עלאַ האָט ניט געװאָלט אַליין עסן. זי האָט צוגעהאַלטן ס׳פּעקל, אַז דער װינט זאָל עס ניט אַװעקטראָגן. זי האָט געקלערט װעגן קאַרען. קאַרען איז אַ גוטע, זי האָט געװאָלט העלפֿן, באַהאַלטן זיי, אָבער ס׳איז ניט געװען קלאָר צי אירע עלטערן װעלן איינגיין אויף דעם. זי האָט געדאַרפֿט קלינגען צו קאַרענען אין קאַנטאָר. אָבער דאָס האָט זי שוין ניט געקאָנט, דאָס אַנטלויפֿן איז פֿאָרגעקומען אַזוי פּלוצים, אַז זי האָט שוין קיין צייט ניט געהאַט אויף דעם. זי איז שטענדיק געװען אַ װוילע, קאַרען, איר בעסטע פֿריינדין אין שולע. זייער פֿרומע לערערין, די אַלטע פֿריילין ראַסמוסען, איז געװען צופֿרידן, װאָס קאַרען, אַ קריסטלעך מײדל, האַלט זיך אַזוי גוט מיט איר ייִדישער פֿריינדין. זי איז געװען גליקלעך, װען זי האָט אַמאָל עלאַן געקאָנט דערציילן װעגן יעזוסן, װעגן הייליקן מאַלצייט, װעגן לעצטן מאַלצייט. דאָס איז אויך געװען ביי נאַכט. די שטערן פֿון יענעם װייטן לאַנד, װעגן װעלכן זי האָט קיין מאָל ניט געקלערט, האָבן באַלויכטן דעם לעצטן מאַלצייט.

— מאַמע, ס׳קאָן זיין, אַז דאָס איז דער הייליקער מאַלצייט, — האָט זי פּלוצעם געזאָגט, און צעשראָקן געקוקט אויף דער מוטער. נאָר די מוטער האָט ניט פֿאַרשטאַנען, װאָס זי האָט געזאָגט. אָבער זי האָט שטיל

איבערגעחזרט די ווערטער: הייליקער מאַלצייט, הייליקער מאַלצייט. זי האָט איצט געזען פֿאַר זיך אַ העל באַלויכטענעם זאַל, ביי אַ ווייס געדעקטן טיש זיצט אַ רבי מיט חסידים. מען פּראַוועט אַ סעודה. עס הערשט אַ הייליקע, שטילע פרומקייט אַרום. די חסידים זיצן און שאָקלען מיט די קעפּ, לויבן גאָטס גאָב, זיין שפע. זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און גענומען אַ שטיקל ברויט. עלאַ האָט געזען ווי זי שעפּטשעט מיט די ליפּן און קוקט ערגעץ ווייט־ווייט. זיי האָבן שווייגנדיק געגעסן. ווען זיי האָבן אָפּגעגעסן, האָט עלאַ אָפּגעלאָזן די האַנט, דער ווינט האָט אויפגעהויבן דאָס פּאַפּיר און עס אַוועקגעטראָגן אין אָפענעם ים אַריין.

— דו זעסט, מאַמע, היינט רוימט דער ווינט אַראָפּ פון טיש. — האָט עלאַ געלאַכט.

— מ׳שטיינס־געזאָגט אַ טיש, אויף מיינע שונאים געזאָגט — האָט די מוטער געענטפערט. זי האָט שטיל געבעטן:

— רבונו־של־עולם, גרויס איז דיין גנאָד, אַז מיר זענען ניט אַריינ־געפאַלן צו זיי אין די הענט. כ׳ווייס, אַז איך בין זינדיק, אָבער זי איז אומ־שולדיק און ריין. און אין איר זכות זאָלן מיר ניצול ווערן. זאָל שוין זיין גענוג די שרעק פון די לעצטע מעת־לעתן.

זיי זענען געזעסן און זיך צוגעהערט צום גערויש פון וואַסער, די כוואַליעס האָבן זיך אָנגעשלאָגן אין די סלופּעס פון בריק און זיך פונאַנ־דערגעלאָפן מיט אַ גערודער. עלאַ האָט מיט אַ פינגער געציילט די שטערן, אָבער זיי זענען שוין איצט געווען אַזוי פיל, אַז זי האָט זיי ניט געקאָנט איבערציילן.

— טאַכטער, ס׳איז עפּעס דאָ אַזוי שטיל געוואָרן, כ׳האָב מורא פאַר דער שטילקייט. אַז עס איז שטיל טראַכט מען, און דו ווייסט, אַז עס טראַכט זיך איצט ניט וועגן קיין גוטע זאַכן. ביינאַכט האָט געוואָיעט אַ הונט, האָט די מוטער גערעדט ווי צו זיך.

— לאָז אָפּ, מאַמע, מיט דיינע היינט וואָס וואָיען.

— ס׳איז טאַקע אַ נאַרישקייט... אָבער עס טראַכט זיך.

— הער אויף צו טראַכטן, מאַמע, מיר וועלן דאָ גאָרנישט אויס־טראַכטן. דו זאָגסט, אַז מיר זענען ביי גאָט אין האַנט, טאָ זאָל ער טאָן מיט אונדז וואָס ער וויל.

— יאָ, דו האָסט רעכט מײַן קינד. אַזױ האָט געזאָגט מײַן מאַמע, און אַזױ האָט געזאָגט איר מאַמע, און אַזױ זאָגן אַלע ייִדן.

— פרױ שװאַרץ! פרױ שװאַרץ! — דאָס איז געװען האַנסענס קול. ער האָט אָנגעזאָגט זײַן קומען, זײ זאָלן זיך ניט דערשרעקן. בײדע האָבן זיך אױפגעהױבן און אים אַנטקעגנגעלאָפן.

— דאָס שיפל איז דאָ! — האָט ער געזאָגט. — דער שטורעם האָט זיך אױך אײַנגעשטילט, און אײדער ס׳װעט נאָך ריכטיק טאָגן, װעט איר שױן זײַן אין שװעדן.

אין דרױסן, בײַם טירל, זענען געשטאַנען נאָך מענטשן. אַ מאַן אין אַ לעדערנעם רעקל האָט געװיזן דעם װעג. זײ זענען געגאַנגען צו צװײ אין אַ רײ, טיף אײַנגעבױגן, װי זײ װאָלטן מורא געהאַט, אַז זײ װעלן זיך אַרױסזען פון דער פינצטערניש.

װען זײ זענען שױן געװען בײַם האַפנדל, איז דער מאַן אינעם לעדערנעם רעקל אַװעקגעגאַנגען. האַנסען איז צוגעקומען, געדריקט זײ די הענט און איז אױך אַװעקגעגאַנגען. ס׳איז װער אַרױפגעקומען פון שיפל און געגעבן אַ װוּנק, אַז זײ זאָלן אַרײַנגײן. אַלע זענען גיך אַרײַן, עלאַ און די מוטער זענען געװען די לעצטע. אָבער דער יונגערמאַן, װאָס איז געגאַנגען פאַר זײ, האָט זיך אָפּגעשטעלט און גאַלאַנט געמאַכט פּאַר זײ אַ װעג. און װען ער האָט שױן אױך געהאַלטן בײַם אַראָפּגײן, האָט מען פּלוצים געהערט שרײַען: שטײן בלײַבן! שטײן בלײַבן! דאָס שרײַען איז געװען באַגלײט פון אײניקע שאָסן און אַז דער יונגערמאַן האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, האָט זיך דערהערט נאָך אַ שאָס, און דער יונגערמאַן איז געבליבן ליגן װי אַ שװאַר־צער פלעק אױף די גרױסע שטײנטרעפּ פון האַפנדל. איצט האָבן זײ געזען, אַז זײ זענען אַרומגערינגלט פון די דײַטשן. ס׳איז אױך מיטגעװען אַ ציװילער, װאָס האָט גערעדט דעניש. ער האָט געהײסן אַלעמען צוריק אַרױפ־גײן אױפן ברעג. די דײַטשן האָבן מיט זײערע טאַשן־לאָמפּן אױסגעפונען נאָך צװײ מענער, װאָס זענען געלעגן אױסגעצױגן אױפן דעק פון שיפל. דער ציװילער האָט זײ אױסגעשטעלט פּאַרװײַז. — פּונקט אַזױ װי איר זײַט געגאַנגען פריִער — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמײכל און יעדן געקוקט אין די אױגן אַרײַן. — מאַרשירן! — איז פון ערגעץ געקומען אַ באַפעל.

זײ האָבן גענומען גײן. די מוטער האָט פעסט געהאַלטן עלאַן בײַ דער

האַנט. זיי זענען געגאַנגען מיט אַראָפּגעבויגענע קעפּ. ס׳איז געווען אַ לאַנ־גער וועג. עס האָט זיך זיי געדאַכט, אַז זיי גייען אין אַ לאַנגן פינצטערן טונעל, וואָס וועט זיך קיין מאָל ניט ענדיקן. אין דער נאַכטשטילקייט האָט מען נאָר געהערט דאָס טרעטן פון די שווערע, מיט טשוועקעס באַשלאָגענע סאָלדאַטסקע שטיוול. די מענטשן האָבן שווייגנדיק זיך צוגעהערט צום קלאַנג פון די שטיוול, ווי זיי וואָלטן פאַרכישופט געווען פון זייער באַ־פעלערישן, ריטמישן טראָט. מיט אַ מאָל זענען די טריט שטיל געוואָרן און אַלע זענען שטיין געבליבן.

זיי האָבן זיך געפונען אויף אַ רונדן פּלאַץ מיט צעפּראַלטע טירן. די סאָלדאַטן האָבן זיי אָן ווערטער אַריינגעשטופּט אין די אָפענע טירן. אַלץ אַרום האָט אויסגעזען אַזוי קאָשמאַריש, אַזוי פּחדימדיק: טויערן האָבן זיך געעפנט און פאַרמאַכט, זיי זענען געגאַנגען אויף ברייטע, געוואָלדיק באַ־לויכטענע טרעפּ. אומעטום זענען געשטאַנען שווייגנדיקע מענטשן אין גרין אַנטועכץ. זיי זענען שוין מיד געווען פון גיין אויף די טרעפּ, נאָר זיי האָבן געוואָלט, אַז די טרעפּ זאָלן זיך ציִען און ציִען, זאָלן קיין מאָל ניט אויפ־הערן, ווייל דעמאָלט וועט עס זיך אָנהייבן... וואָס עס וועט זיך אָנהייבן האָבן זיי ניט געוווּסט, נאָר אַז ס׳וועט זיך אָנהייבן זענען זיי געווען זיכער. זיי האָבן זיך פּלוצים דערמאָנט, אַז עס האָט ווער אונטן געזאָגט „געסטאַ־פּאָ״. דאָס מוראדיקע וואָרט האָט געעגבערט אין מוח. איצט זענען די רייען געוואָרן געדיכטער, אַזוי ווי די ערשטע, אויבן, וואָלטן שטיין געבליבן.

— ביטע שיין, היער העריין! — האָבן זיי געהערט אַן איבערגעטריבן העפלעך קול. אַ טיר איז געווען אָפן. זיי האָבן זיך אַריינגעשטופּט ווי אין מויל פון אַ חיה.

עס איז געווען אַ האַלב פינצטערע שטוב. אויפן באַלטן איז געהאנגען אַ קליין לעמפּל און געוואָרפן אַרום זיך אַ שאָטנדיק ליכט. אויף דער וואַנט איז געהאנגען זיין פּאָרטרעט. קיינער האָט ניט געקוקט אַהין, אָבער אַלע האָבן אים געזען... ער האָט זיי געזען. זיינע קליינע אייגעלעך האָבן ביין אַראָפּגעקוקט און דורכגעשטאָכן יעדן איינעם באַזונדער: איצט זייט איר ביי מיר אין די הענט, — איר וועט שוין פון דאַנען קיין לעבעדיקע ניט אַרויס! עס זענען געשטאַנען בענק, נאָר קיינער האָט זיך ניט אַוועקגעזעצט.

בלויז אַן אַלטע פֿרוי האָט זיך אַרויסגערוקט פֿון דער ריי און זיך אַראָפּ־געלאָזן אויף אַ באַנק.

— זעץ זיך אויך, מאַמע, האָט עלאַ שטיל געזאָגט. די מוטער האָט גאָרנישט געענטפֿערט, נאָר פֿעסטער זיך אָנגעהאַלטן ביי עלאַס האַנט.

עס האָט ווער גענומען רעדן. אַלע האָבן זיך אומגעקוקט. דער יונגער־מאַן אין די גרויסע האָרנברילן איז געשטאַנען צווישן זיי און גערעדט, גע־רעדט הויך, אָבער קיינער האָט ניט פֿאַרשטאַנען וואָס ער רעדט. מען האָט אויף אים געקוקט צערודערט און צעשראָקן. זיינע גרויסע אַרויסגעשטאַר־טשעטע אויגן זענען געווען אַזוי אָנגעשפּאַנט, ווי זיי וואָלטן געהאַלטן ביים אַרויסשפּרינגען פֿון די לעכער. און פּונקט אַזוי ווי ער האָט פּלוצים אָנ־געהויבן רעדן אַזוי איז ער מיט אַ מאָל שטיל געוואָרן. אַלע האָבן פֿרייער אָפּגעאָטעמט און געדאַנקט גאָט, וואָס מען הערט אים ניט מער רעדן. נאָר אָט האָט ער ווייטער אָנגעהויבן, אָבער איצט האָט ער נאָר שטיל געמורמלט, ווי ער וואָלט צו זיך אַליין גערעדט. דאָס מורמלען איז אָבער געוואָרן שטאַרקער און שטאַרקער און איז איבערגעגאַנגען אין אַ געוויין, אַ קלאָג אָן ווערטער, וואָס האָט זיך אָפּגעבראָכן און זיך ווייטער אָנגעהויבן. מיט אַ מאָל האָט ער זיך ווידער אויסגעגליכן, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנ־געהייבן לאַכן. דאָס צימער איז פֿול געוואָרן מיט זיין געלעכטער. די מענטשן זענען פֿאַרגליווערט געווען פֿון שרעק. די אַלטע פֿרוי איז צו ערשט גע־קומען צו זיך.

— ווי איז מיר, ווינד איז מיר, ער וועט דאָך אונדז אַלעמען אומ־גליקלעך מאַכן!

אַ מאַן איז צוגעשפּרונגען, צוגעשטופּט אים צו דער וואַנט און פֿאַר־דעקט זיין מויל מיט דער האַנט. אָבער דאָס געלעכטער האָט ניט אויפגע־הערט. עס האָט זיך דורכגעשיט דורך די פֿינגער אויף זיין מויל, זיך צעקאָ־לערט אויף די ווענט, אויפֿן באַלטן און איז, ווי ברענענדיקע שטיינדלעך, אַראָפּגעפֿאַלן אויף אַלעמענס קעפּ.

עס איז אַריינגעקומען אַ געסטאַפּאָ־מאַן. ער האָט אים צוגעשטעלט אַ רעוואָלווער צום שליף. דאָס געלעכטער האָט אויפגעהערט, נאָר דאָס מויל איז געבליבן אָפֿן און די אַרויסגעסטאַרטשעטע אויגן האָבן שטייף גע־קוקט אויף דער לופֿע פֿון רעוואָלווער. ער איז לאַנג אַזוי געשטאַנען אויך

נאָך דעם, ווי דער געסטאַפּאָ־מאַן איז שוין אַוועקגעגאַנגען, ער האָט פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ אויף דער ברוסט, באַהאַלטן דאָס פּנים אין די הענט און געוויינט אַ שטיל ייִאושדיק געוויין.

— אוי, ווי ער וויינט! — האָט געקרעכצט די אַלטע פרוי, — וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? קאָן ניט ווער עפּעס טאָן?

קיינער האָט זיך ניט אָנגערופן. ביסלעכווייז איז דאָס געוויין געוואָרן שטילער ביז עס האָט אין גאַנצן אויפגעהערט און איבערגעלאָזן אַ פאַרצווייפלטע שטילקייט אין צימער. ביז איצט האָט דער יונגערמאַן פאַרנומען אַלעמענס געדאַנקען, זיין געוויין איז געווען דער אויסדרוק פון אַלעמענס נויט, פון אַלעמענס פאַרצווייפלונג. זענען זיי דאָך געפאַנגענע, ערגעץ אויף אַ פינפטן אָדער זעקסטן שטאָק. דאָס הויז איז פול מיט באַוואָפנטע שונאים וואָס קאָנען יעדע מינוט זיי אומברענגען, און קיינער וועט אפילו ניט וויסן ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען.

ביסלעכווייז האָט מען זיך אויסגעזעצט אויף די בענק. עטלעכע האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אָן וואַנט, נאָר דאָס אָרט הינטער זיין בילד איז געבליבן ליידיק. קיינער האָט זיך דאָרט ניט אַוועקגעזעצט.

דער געסטאַפּאָ־מאַן איז אַריין, אויסגעלאָשן ס׳ליכט און אַרויפגעצויגן די גאַרדינען. עס איז שוין געווען גרויסער טאָג. די באַוועגונג אונטן אין גאַס האָט צו זיי דערגרייכט ווי אַ שוואַך גערויש. נאָר דאָס קורצע אָפּגעהאַקטע קלינגען פון די טראַמווייען האָט געגרילצט אין די אויערן.

— זיי וועלן נאָך אפשר איין מאָל דורכפאָרן די גאַס אין אַ פאַרמאַכטן וואָגן — און שוין! עלאַ האָט זיך דערמאָנט אין די טויבן, וואָס האָבן געגעסן פון די קינדערס הענט. עס איז נאָך ניט קיין צוויי טעג, ווי זיי זענען געפאָרן צו די האַנסענס, עס זעט אָבער אויס ווי עס וואָלטן שוין פאַרביי וואָכן. די טעג האָבן ניט קיין אָנהייב און ניט קיין סוף. אַפילו דער חילוק צווישן טאָג און נאַכט איז אָפּגעווישט. זי האָט געקלערט וועגן אַ בעט, ווו מען שלאָפט גוט צוגעדעקט און די טיר איז פאַרמאַכט. די לעצטע נעכט איז אַלץ געווען אָפן, דער בוידעם איז געווען אָפן, הפקר, אויסגעשטעלט פאַר אַלץ און אַלעמען. די מוטער האָט זי אָנגענומען ביי דער האַנט.

— עלאַ, מיר זענען אויפן ראָטהויזפּלאַץ.

— יאָ, מאַמע, כ׳ווייס.

— די מוטער האָט איר נאָך עפּעס געװאָלט זאָגן, אָבער זי איז שטיל געבליבן. דער געסטאַפּאָ־מאַן האָט איצט ניט אַזױ בײז אױסגעזען, געװען אַפּילו פרײַנטלעך. ער האָט געפרעגט עלאַן: „פרײלין שװאַרץ, איז דאָס אײער מאַמע? עלאַ האָט זיך געמאַכט אַ האַרץ און צוריקגעפרעגט, צי מען װעט זײ באַלד אַרױסלאָזן. — נײן, האָט ער גאַנץ געװײנטלעך געענטפערט, — איך נעם אײך מיט קײן דײטשלאַנד. ער האָט עס געזאָגט אין אַזאַ רויִקן און פרײַנדלעכן טאָן, אַז עס האָט געמאַכט אױף אַלעמען אַ גוטן אײַנדרוק, געװירקט אױפמונטערנדיק, געװעקט האָפענונגען. און װען ער איז אַװעק־געגאַנגען האָבן זײ אָנגעהױבן צו רעדן צװישן זיך און זיך באַקענען, מען האָט צוגעזאָגט זיך צו טרעפן אױך נאָך דעם, אױב מען װעט בלײַבן לעבן.

דער געסטאַפּאָ־מאַן איז װידער אַרײַנגעקומען, נאָר ער איז שױן גע־װען אָנגעטאָן אין זײַן לאַנגן שװאַרצן מאַנטל מיט די װײַסע האַקנקרײַצן אױף די אַרבל. ער האָט אױסגעזען גאָר אַנדערש װי פריִער. די באַקן זענען איצט שלאַבערדיק אַראָפּגעהאַנגען, װי דאָס פלאַכע היטל װאָלט אים צוזאַמענגעדריקט ס׳פּנים. עס איז טױט־שטיל געװאָרן אין צימער.

— אױפשטײן! — האָט ער באַפױלן. און װען די אַלטע פרױ האָט זיך אַזױ גיך ניט געקאָנט אױפשטעלן, האָט ער אַ געשרײ געגעבן: אױפשטײן האָבע איך געזאָגט! שנעלער! דאָס איז עפּעס געקומען אַזױ פּלוצים, אַז זײ זענען אין גאַנצן צעטומלט געװאָרן, און ניט געװוּסט װאָס צו טאָן. ער האָט זײ געװיזן די אָפענע טיר, און זײ האָבן זיך אַלע מיט אַ מאָל אַהין געלאָזן. ער האָט כּסדר געשריגן: שנעלער! שנעלער! געהאַלטן עפּעס אין האַנט און דערמיט געפּאַטשט איבער זײערע קעפּ. די אַלטע פרױ האָט הױך גע־קרעכצט. זײ זענען געלאָפן װי געיאָגטע פון טײװל און געװאָלט װאָס גיכער אַנטלױפן פון דעם דאַזיקן װילדן רוצחישן קול. זײ זענען געשטאַנען אונטן, צעשראָקענע און צעמישטע, צוזאַמענגעטריבענע אין אַ װינקל פון האָל. דער געסטאַפּאָ־מאַן איז שױן ניט געװען, נאָר אַ גרופּע סאָלדאַטן איז גע־שטאַנען בײַם אַרײַנגאַנג מיט ביקסן אין די הענט.

דער געסטאַפּאָ־מאַן איז איצט צוריקגעקומען. ער האָט געהײסן די סאָלדאַטן אַרײַנזעצן אַלעמען אין דעם גרױסן פאַרמאַכטן װאָגן, װאָס איז געשטאַנען האַרט בײַם אַרײַנגאַנג. די סאָלדאַטן האָבן זײ אײנציקװײז אַרײַנ־

געלאָזן אין וואָגן, נאָכדעם זענען זיי אַליין אַריינגעגאַנגען און זיך אַוועק־געזעצט פוןביידע זייטן.

מען איז איצט געווען אַזוי נאָענט פון גאַס. געהערט פאַרבייגיין מענ־טשן, געהערט זייערע שטימען, דאָס קול פון אַ קינד האָט זיך דערטראָגן פון ערגעץ. אָבער די דינגע, שוואַרצע ווענטלעך פון וואָגן האָבן ווי הויכע מויערן זיי אָפּגעטיילט פון דער פרייער וועלט.

דער וואָגן האָט פּאַמעלעך זיך גערירט פון אָרט, די מוטער האָט גע־קוקט אויף עלאָן, איר בליק האָט געפרעגט: טאָכטער, ווו זענען מיר, וווהין פירט מען אונדז? — עלאָס געדאַנקען האָבן כסדר געקרייזט אַרום דער פראַגע, וואָס וועט ווערן פון איר מוטער, וואָס וועלן זיי מיט איר טאָן. זי האָט געמאַכט כלערליי פּלענער, אויסגעפונען פאַרשיידענע אַרבעטן, וואָס איר מאַמע וועט קאָנען טאָן, כדי זיי זאָלן זי ניט אומברענגען, אָבער זי האָט ניט געוווּסט, וואָס זיי טוען מיט יידן, בפרט מיט עלטערע יידן. די מוטער האָט עלאָן פעסטער אַרומגענומען, ווי זי וואָלט געזאָגט: זאָרג דיך ניט מיין קינד, כ׳האָב נאָך גענוג כוחות אויסצוהאַלטן, אַבי מען זאָל אונדז נאָר לאָזן צוזאַמען.

דאָס פאָרן האָט זיך דאָס מאָל אַזוי געשלעפּט. עלאַ האָט זיך באַמיט פאָרצושטעלן ווו זיי זענען, אָבער ס׳איז ניט געווען מעגלעך: די גראַטן־פענצטערלעך, אונטערן דאַך, זענען געווען פאַרהאָנגען מיט דיקע טונקל־גרינע פאָרהענגלעך. ביז איצט האָט איר דאָס אַלץ אויסגעזען, ווי עפּעס אַ שפּיל, אמת אַ בייזע שפּיל, וואָס וועט זיך אָבער גוט פאַרענדיקן. איצט, ווען זיי האָבן געהאַלטן ביים אַרויסגעפירט ווערן פון לאַנד, איז די דאָ־זיקע האָפענונג צערונען געוואָרן. עס האָט איר פאַרקלעמט ביים האַרצן, זי האָט זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות ניט צו צעוויינען זיך און צוגע־לייגט דעם קאָפּ צו דער מוטערס אַקסל. די מוטער האָט זיך באַקוועמער אַוועקגעזעצט, אַז עלאָס קאָפּ זאָל ליגן ביי איר אויפן אַקסל, זי זאָל אַזוי זיצן און גלעטן איר האַנט, און דאָס זאָל אַזוי אָנהאַלטן לאַנג, לאַנג. זי האָט ניט מער געהערט דעם טומל פון גאַס, ניט געזען די מענטשן אַרום זיך. זי איז איצט אַליין מיט עלאַן. אַ שטילע פרייד האָט אָנגעפילט איר האַרץ, ווי זי וואָלט אויף עפּעס גוטס געוואַרט. — ס׳איז גאָטס חסד, גאָטס חסד — האָט זי געשעפּטשעט, ער וועט אונדז ניט פאַרלאָזן אין אונדזער נויט,

ער האָט צוגעהערט מיין געבעט. זי האָט געקלערט וועגן איר מאַן, וואָס וועט נאָך צוריקקומען און וועט נאָך... פּלוצים האָט זיך דער וואָגן אַ גע־וואַלדיקן טרייסל געטאָן און זיך אָפּגעשטעלט. עס איז געוואָרן פינצטער אַרום. אַ בראַזג פון צעבראָכענע שטיקלעך גלאָז. זי האָט נאָך געהאַלטן עלאַס האַנט, נאָר עלאַ איז אויפגעשטאַנען. דער סאָלדאַט, וואָס איז געזעסן קעגנאיבער זיי, איז געלעגן אויף דר׳ערד, אַ רויט שנירעלע האָט זיך גע־שלענגלט פון זיין שטערן. די טירן פון וואָגן זענען געווען אויפגעפּראַלט, אין דרויסן זענען אַרומגעלאָפן סאָלדאַטן און געשריגן. זי האָט געהערט דאָס אָנקומען פון אַן אַמבולאַנס.

— אַרויסגיין! — האָט עמעצער אַריינגעשריגן אין וואָגן אַריין. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און געוואָלט גיין, אָבער אין קאָפּ האָט געררוישט, אין די אויגן איז פינצטער געווען.

— אַרויסגיין! — האָט זיך ווידער געהערט שרייען. עלאַ האָט זי געצויגן נאָך זיך. ביים אַראָפּגיין פון די טרעפּלעך האָבן די סאָלדאַטן זיי געוואָלט צעשיידן, זי זאָל אַריינגיין אין אַמבולאַנס און עלאַ זאָל בלייבן אין וואָגן. זי האָט פעסטער געהאַלטן עלאַס האַנט. דער געסטאַפּאָ־מאַן איז צו־געקומען. — נעמט זיי פונאַנדער, צום טייוול! — האָט ער געדונערט.

עלאַ און איר מוטער האָבן פעסטער צוזאַמענגעדריקט די הענט. צוויי סאָלדאַטן זענען אַרויפגעשפּרונגען אויפן וואָגן און געהאַלטן עלאַן, אַנ־דערע צוויי האָבן געשלעפּט די מוטער. זי האָט איר טאָכטערס האַנט נית אָפּגעלאָזן. אויפן טראָטואַר האָבן זיך פאַרזאַמלט מענטשן. זי האָט נאָך געזען, ווי די סאָלדאַטן האָבן צו זיי אויסגעשטעלט די ביקסן.

זי האָט אויפגעוואַכט אין שפּיטאָל. דאָס ערשטע, וואָס זי האָט זיך דערמאָנט, איז געווען עלאַס רופן, מאַמע! מאַמע!

— ווי גייט עס? — די קראַנקן־שוועסטער האָט גלייכגעמאַכט די קאָלדרע. באַלד איז אויך געקומען דער דאָקטער.

— אויסגעשלאָפן זיך? — האָט ער געפרעגט און געשמייכלט צו איר.
— איצט זאָגט — ווי איז אייער נאָמען?

— שוואַרץ, רחל שוואַרץ, — האָט זי שוואַך געענטפערט.

— פון היינט אָן וועט איר הייסן: פרוי יוסטינע יענסען! — האָט ער

געלאַכט. און ער האָט צוגעגעבן: מיר וועלן אייך מוזן אַוועקשיקן קיין ראָסקילדע,* דאָרטן וועלן זיי ניט זוכן.

— ניין, ניין, — האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ. ער האָט זיך צו איר צוגעבויגן: — פרוי שוואַרץ, מיר קאָנען אייך דאָ ניט האַלטן. זיי וויסן שוין, אַז מען באַהאַלט יידן אין די שפּיטעלער, זיי קאָנען נאָך היינט קומען אייך נעמען. דער דענישער נאָמען איז ניט מער קיין זיכערע באַשיצונג. מ׳וועט אייך אַריינלייגן אין אַ רויִקער אָפּטיילונג, און איר וועט אויך דאָרטן לאַנג ניט בלייבן. ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף איר קאָפּ און געטאָפּט. — ס׳טוט וויי?

— יאָ!

ער איז געשטאַנען און זי באַטראַכט. זי האָט געזען ווי זיין פּנים האָט זיך פאַרענדערט און אין זיינע מילווינקלען איז געקומען אַן אויסדרוק פון האַרטקייט, זיינע גראָע אויגן זענען איצט געווען קאַלט און בייז. זי האָט מורא געהאַט, אַז דאָס איז ער אַזוי בייז געוואָרן אויף איר, ווייל זי וויל ניט פאָרן קיין ראָסקילדע, און זי האָט שוין חרטה געהאַט, וואָס זי האָט זיך אַזוי איינגעעקשנט. אָבער ער האָט זיך צו איר ווייטער צוגעבויגן און זי ווידער אָנגענומען ביי דער האַנט:

— נו, אַז איר ווילט ניט, וועלן מיר אייך ניט נייטן, מיר וועלן מוזן געפינען אַן אַנדער אָרט, אַז די פאַרשאָלטענע דייטשן זאָלן אייך ניט קאָנען געפינען.

ווען ער האָט געזאָגט „פאַרשאָלטענע דייטשן“, האָט זיך אַ האַרטקייט ווידער באַוויזן אין זיינע אויגן. זי האָט אים געוואָלט דאַנקען, נאָר ניט גע־קאָנט עס זאָגן. עס האָט אַזוי גערוישט אין קאָפּ, ווי עס וואָלט דאָרטן אַ מאַשין געקלאַפּט.

די קראַנקנשוועסטערס האָבן איר געהאָלפן אָנטאָן זיך. אין הויף האָט שוין געוואַרט אַן אויטאָ. אוי, ווי זי האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן איצט דאָס פאָרן! איטלעך גליד האָט איר וויי־געטאָן, געריסן. ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט. דער אויטאָ האָט זיך אָפּגעשטעלט. זיי זענען געשטאַנען פאַר אַ גרויס הויז. דערנאָך זענען זיי לאַנג געגאַנגען אויף טרעפּ. די גאַנצע צייט,

* אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק־קראַנקע ניט ווייט פון קאָפּענהאַגען.

װאָס זײ זענען געגאַנגען אױף די טרעפּ, האָט זיך דאָס הױז געװיגט, װי עס װאָלט געהאַלטן בײם אײנפאַלן. דער שאָפער האָט זי כמעט װי גע־שלעפּט. אין דער װױנונג זענען שױן געװען צװײ קראַנקן־שװעסטער. זײ האָבן זי אױסגעטאָן און געלײגט אין בעט אַרײן. פאַרן אַװעקגײן האָט אײנע געזאָגט:

— איר זאָלט קײנעם ניט עפענען די טיר, מיר האָבן שליסלען.

די אױגן האָבן זיך איר געקלעפּט. זי האָט אַזױ געװאָלט שלאָפן, אָבער מורא געהאַט אײנצושלאָפן. עס רױשט אין קאָפּ אַזױ שטאַרק, אַזױ װײטיק־דיק שטאַרק... זי װיל זיך עפּעס דערמאָנען, אױ װי זי װאָלט זיך עס גע־װאָלט דערמאָנען, נאָר זי קאָן ניט. די מאַמע װאָלט עס איר געקאָנט זאָגן, איר מאַמע? איז דאָס איר מאַמע? יאָ, דאָס איז זי! זי שטײט בײ איר בעט און זי זאָגט איר: „שלאָף, רחלע, שלאָף". אָט דאָס איז עס טאַקע, יאָ, דאָס איז עס! זי שלאָפט און ס'איז איר אַזױ גוט, ס'האָט אױפגעהערט צו רױשן אין קאָפּ און בײ דער ברוסט טוט אױך ניט מער װײ. נאָר זי שפּירט ניט די פיס. װוּ קאָנען זײ זײן די פיס? און איצט װיל ער אַרײן, די טיר איז פאַרמאַכט און זי קאָן ניט אַראָפּגײן עפענען. זי טאָר ניט! נאָר אָט איז ער אַרײנגעקומען. זע, ס'איז דאָך מיקיטאַ! ער האַלט אַ קינד אױף די הענט. ער װײזט איר דאָס קינד. עס איז עלאַ! ער װיל עס איר געבן, זי װיל זיך אױפהײבן, אָבער זי האָט ניט קײן פיס, און ער שטײט און װײזט איר ס'קינד! זי װיל זיך אַ ריס טאָן, נאָר זי קאָן ניט, עס טוען איר װײ אַלע גלידער, — און מיקיטאַ האָט זיך אױסגעדרײט און אַװעק. מיקיטאַ! — שרײט זי, װאַרט, מיקיטאַ! אָבער ער איז אַרױס און אַ זעץ־געגעבן מיט דער טיר...

זי האָט זיך אײנגעװיקלט אין דער קאָלדרע. די אױגן האָט זי ניט צוגעדעקט, זי זאָל קאָנען זען, װאָס עס טוט זיך דאָ. יאָ, אַזױ װעט זי ליגן און װעט ניט טראַכטן. װאָס דאַרף זי טראַכטן? ס'איז גוט אַזױ צו ליגן, ס'איז אַזױ װאַרעם, זי װיל זיך ניט אָפּדעקן. — אַזױ פילט זי זיך זיכערער. אױ, װי הײס עס איז! ס'איז שװער דעם אָטעם צו כאַפּן, אַ חמימה, אַ גיהנום. דער הימל איז אײן שטיק פײער, ס'זאַמד גליט און האַלב־נאַקעטע באָרװעסע מענטשן גײען אַרום אין גליִענדיקן זאַמד. זײ שלעפּן שטײנער און קלעצער אױף די פּלײצעס, אײנער גײט אַרום און קנאַלט מיט אַ בײטש.

צווישן די מענטשן איז אויך דאָ דער יונגערמאַן מיט די האָרנברילן, עלאַ קומט אויך אָן. זי איז אויך באָרוועס און אָנגעטאָן אין איר ווייס זומער־קלייד. זי שלעפּט אַ משא אויף די פּלייצעס, קוקט שפּאָטיש אויפן מענטש מיט דער בייטש, ער שלאָגט זי מיט דער בייטש איבערן פּנים און יעדער שמיץ לאָזט איבער אַ רויטן צייכן. זי וויל צולויפן צו איר, נאָר מען האַלט זי, מען לאָזט זי ניט.

— פרוי שוואַרץ, פרוי שוואַרץ! — זי האָט אויפגעמאַכט די אויגן. עמעץ איז געשטאַנען און זי געוועקט. פרוי שוואַרץ, מיר מוזן פאָרן צו אַ שיפל.

— אַ שיפל, אַ שיפל — האָט זי נאָכגעזאָגט. זי האָט ווידער פאַר זיך געזען די נעכטיקע נאַכט אין האָפנדל, דער שמייכל פון דעם ציווילן וואָס האָט געריכט דעניש, די סאָלדאַטן וואָס שלעפּן אַרויס די צוויי מענער, דעם טויטן יונגערמאַן אויף די שטיינטרעפּ...

— ניין, ניין, ניין, כ'וויל ניט, כ'וויל ניט.

— פרוי שוואַרץ, איר מוזט אַריבער קיין שוועדן. נעכטן האָט פּאַסירט אַן אומגליקלעכער צופאַל.

— שוועדן, שוועדן — האָט זי געשעפּטשעט. ערשט איצט האָט זי געזען, אַז עס איז שוין טאָג. זי האָט זיך איינגעקוקט אין פּנים פון דעם מענטשן וואָס האָט זי געוועקט. עס איז געווען אַ יונג, בלייך פּנים. זיינע העל־בלאָע אויגן האָבן אויף איר געקוקט מיט רחמנות און באַרעמהאַרציקייט. זי האָט זיך אויפגעהייבן. ער האָט איר געגעבן די קליידער און איר געהאָלפן זיך אָנטאָן.

זיי זענען געפאָרן און געפאָרן. טייל מאָל האָט זיך דער וואָגן אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט. דער יונגערמאַן איז ערגעץ אַוועק, אָבער ער איז באַלד צוריקגעקומען. עס האָט איר ווידער געדרוישט אין קאָפּ. אַ קאַלטער שווייס האָט זי באַגאָסן. זי האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט, נאָר עס איז ניט געווען ווער עס זאָל זי אָננעמען. דער וואָגן איז געפאָרן און די רעדער האָבן זיך געדרייט, געקאָלערט ביי איר אין קאָפּ, אין האַרצן.

— כ'וועל עס ניט אויסהאַלטן, — האָט זי געמורמלט. זי האָט געוואָלט שרייען צום יונגנמאַן ער זאָל אויפהערן צו פאָרן, ער זאָל זיך אָפּ־

שטעלן אַ ווײַלע, נאָר זי האָט געוווּסט, אַז ער מוז פֿאָרן, ער מוז געפֿינען אַ שיפֿל, וואָס זאָל זי ברענגען קײַן שוועדן.

זי האָט זיך ביטער צעוויינט.

—שוועדן, וואָס האָב איך צו טאָן אין שוועדן, וואָס דאַרף איך שוועדן!

ערשט אין אָוונט האָט זיך דער וואָגן אָפּגעשטעלט. זיי זענען געשטאַנען בײַם זעלביקן הויז ווו זי איז געשלאָפֿן די נאַכט. אין דער וווינונג איז עמעצער געווען. ס'בעטגעוואַנט איז געלעגן אויפֿן באַלקאָן צום לופֿטערן. דער יונגערמאַן האָט עס אַריינגעבראַכט און פֿאַרבעט דאָס בעט.

— לײַדער, האָט עס זיך אויך הײַנט ניט אײַנגעגעבן, — האָט ער אויפֿריכטיק געזאָגט. זי האָט מער ניט געקאָנט שטיין אויף די פֿיס און איז אַנידערגעפֿאַלן אויפֿן בעט. ער האָט איר געוואָלט העלפֿן אויסטאָן זיך, נאָר זי האָט געבעטן לאָזן זי אַזוי ליגן. — ס'וועט באַלד איבערגיין, — האָט זי געזאָגט. — ער האָט צוגעזאָגט קומען מאָרגן גאַנץ פֿרי.

זי האָט ניט געוווּסט צי זי איז געשלאָפֿן, צי וואַך געווען, ווען מען האָט געעפֿנט די טיר. אין וואָגן אונטן איז שוין ווער געזעסן. זיי זענען לאַנג געפֿאָרן ביז זיי זענען צוגעקומען צו דער שיף. ס'איז געווען אַ גרויסע שיף מיט אַ סך מענטשן. זי האָט זיך צוגעשלעפּט צו אַ ווינקל פֿון שיף און זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן דעק. פּלוצים איז שטיל געוואָרן. זי האָט זיך געוווּנדערט וואָס די אַלע מענטשן זענען מיט אַמאָל פֿאַרשוווּנדן. אַ קאַלט ווינטעלע האָט געבלאָזן אין פּנים אַריין.

ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי זיצט שוין דאָ לאַנג, לאַנג. זי זעט איצט אַלץ אַרום אַזוי קלאָר, אַזוי ריין. פֿאַרן טויט, פֿאַרן טויט — האָט זי געטראַכט — זעט אַ מענטש אַלצדינג אַזוי קלאָר...

מענטשן האָבן זיך ווידער אָנגעהויבן ווייזן אויפֿן דעק. זיי זענען אַרומגעשפּרונגען, געלאַכט אײַנער צום צווייטן, זיך געוויצלט. שוועדן! שוועדן! — האָט זיי געשריגן, — שוועדן! אַ פֿרוי איז צוגעקומען צו איר. גערעדט און געמאַכט מיט די הענט.

— ייִדענע, וואָס זיצט איר דאָ? שטייט אויף, מיר זענען דאָך שוין אין שוועדן, איצט דאַרפֿט איר דאָך קײַן מורא ניט האָבן!

זי האָט געפּרוּווט זיך אויפֿשטעלן, אָבער די פֿיס זענען געבליבן ליגן

געליימט און די הענט זענען צוריקגעפאַלן. זי האָט אָנגעקוקט די פרוי מיט אַ שטומען רעזיגנירטן בליק.

מען האָט זי אַראָפּגענומען פון שיף. זי איז אָנגעקומען אין אַ קור־אָרט. נאָך עטלעכע וואָכן איז זי צו זיך געקומען, האָט שוין געקאָנט זיך אויסוויינען און דערציילן וועגן איר אומגליק. וואָס עס איז געוואָרן מיט עלאַן, האָט זי ניט געוווּסט. זי האָט נאָר געבעטן גאָט, אַז זי זאָל שוין זיין טויט, זיי זאָלן זי ניט קאָנען פּייניקן.

די פּליטים האָבן דערציילט, אַז אַ דענישער שאָפער האָט געזען, ווי מען פירט ייִדן, איז ער בכיוון אַריינגעפאָרן אין זייער וואָגן. די ווירטין פון פּענסיאָנאַט איז אָפטמאָל געזעסן ביי איר בעט, מיט איר געשמועסט און געטרייסט. איר קליין ייִנגעלע, אָסקאַר, האָט ליב געהאַט אַריינצוקומען צו דער טאַנטע רחלקע, שמועסן און שפּילן זיך מיט איר. דאָס קליינע שוועדעלע האָט זי גערופן ביי איר ייִדישן נאָמען, אַזוי ווי די אַנדערע פּליטים. זיין קליין בלאָנד קעפּעלע איז געלעגן אויף איר קישן און צו איר געשמייכלט.

— איך וועל קומען צו דיר אין קאָפּענהאַגען.

— יאָ, אָסקאַר, מיר וועלן גיין אין טיוואָלי, דו וועסט זען די טיוואָלי־גוואַרדיע און וועסט רייטן אויף אַ קליין פערדעלע.

— די מאַמע זאָל מיטפאָרן!

— אַוודאי וועט די מאַמע מיטפאָרן!

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט ערגעץ אויף אַ סטאַטוע געזען אַזעלכע רונדיקע, פּולינקע ייִנגלעך. זי האָט צו אים אויפגעהויבן דעם קאָפּ.

— אָסקאַר, נעם מיך אַרום ביים האַלדז. — און דאָס קינד האָט פאַר־לייגט זיינע ווייכע, פּוכינקע הענטלעך אַרום איר דאַרן אָדערדיקן האַלדז און אים פעסט אַרומגענומען.

— רחלקע, טאַנטע רחלקע, אָ, טאַנטע רחלקע! — האָט ער שטיפע־ריש געלאַכט.

הײנצל

ער איז שטענדיק, פאַרן אָנקומען פון אַ באַן, געשטאַנען אָנגעלענט אין סלופ, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן ס׳דעכל פון קליינעם באַנהויף, און אויסגעקוקט אויפן צוג, ווי ער וואָלט אָפגעוואַרט דאָס אָנקומען פון אַ זייער נאָענטן מענטשן.

ער איז געווען אַ גרויסער און ברייטער מענטש מיט אָנגעשוואָלענע דיקע גלידער און אַ פולן אָנגעגאָסענעם בויך, ווי ער וואָלט אָט ערשט געהאַט אויסגעטרונקען אַ גאַנץ פאַס ביר. זיין פּנים איז אויך געווען אַזוי גרויס און רונדיק, מיט אַ צעטיילטע פעטע גאָמבע און אַ גריבעלע אין יעדער זייט. ס׳איז אָבער אויף דעם גרויסן פעטן פּנים געלעגן אַזאַ שטילע, רחמנותדיקע איידלקייט, אַז יעדער וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען האָט אים געגריסט. נאָר מען האָט זיך מיט אים נישט גערן אָפגעשטעלט. מען האָט זיך ווי געשראָקן צו זען זיינע פייכטע בלויע וואַסער־אויגן, וואָס האָבן געקוקט מיט אַזאַ צער און אומעט, אַז מען האָט געפילט אַ קעלט אין האַרצן. ס׳איז אויך שווער געווען אויסצוהאַלטן זיין שטיל רחמנותדיק קול, וואָס האָט זיך געבעטן, מען זאָל אים צונעמען אַ טייל פון זיין איינזאַמקייט, לינדערן זיין ווייטיק און אים לייכטער מאַכן צו טראָגן זיין בענקשאַפט.

ווען די באַן איז אָנגעקומען, האָט ער זיך צוזאַמען מיט אַלע, וואָס האָבן וועמען דערוואַרט, אַ לאָז־געטאָן אַקעגן צוג. אָבער ער איז גיך גע־בליבן פון הינטן, זיך אָפגעשטעלט און באַלד לאַנגזאָם צוריקגעגאַנגען צו זיין פלאַץביים סלופ. ווען דער צוג איז אַוועק, האָט ער זיך געלאָזן מיט אַלע אַנדערע אַרויסגיין פון באַנהויף. אָבער אויפן וועג האָט ער זיך

געכאַפּט, אַז ער דאַרף זען, װען עס קומט די נאָענטע באַן. איז ער צוריק־געקומען און זיך אַװעקגעשטעלט שטודירן דעם פּאַר־פּלאַן, הגם ער האָט אים גאַנץ גוט געקענט. די אַלע װאָכן, װאָס ער איז געװען דאָ אין שװעדן, איז ער שױן מעכאַניש געקומען אַפּװאָרטן יעדן צוג, און ער האָט נאָך קײן מאָל נישט פאַרשפּעטיקט.

אין זײן פּענסיאָנאַט האָבן געװױנט נאָר דײטשע ייִדן, אַלע בערך אין זעלבן עלטער װאָס ער. אפשר איז עס געװען אַ צופאַל? און עס קען זײן, אַז דער קאָנטאָר האָט עס אַזױ געמאַכט, אַז זײ זאָלן קענען רעדן זײער אײגן לשון, אױפמישן זכרונות פון זײער אַמאָליק לעבן, זײער אַמאָליקע הײם, װי יעדער פון זײ איז געװען אַ מענטש פאַר זיך, און האָט געהאַט אַ באַ־טײט, פאַר זיך אַלײן און אפשר אױך פאַר אַנדערע.

און װי אַלע מענטשן, װאָס האָבן נאָר אַ פאַרגאַנגענהײט און נישט קײן צוקונפט, האָבן זײ שטאַרק מגזם געװען װעגן דער דאָזיקער פאַר־גאַנגענהײט, זי אױפגעבלאָזן צו דימענסיעס, װאָס האָבן מיט דער װירק־לעכקײט נישט געהאַט צו טאָן. דאָס האָבן זײ געטאָן און צום סוף שױן אַלײן אין גאַנצן געגלײבט דערין. די יאָרן אין דענעמאַרק זענען זײ געװען יעדער פאַר זיך און אַליך געטראָגן אין זיך. אין שװעדן, זענען זײ צוזאַ־מען, און װי זײ װאָלטן געװאָלט װײזן, װער זײ זענען פון אַמאָל, גײען זײ אַרום בײזע, אָנגעברוגזטע אױף זײער איצטיקן מעמד, װי עס װאָלט דאָ װער שולדיק געװען דערין.

און געװױנט געװען צו לעבן אין קײן מחנות זענען זײ אױך נישט. שטענדיק די זעלבע פּנימער, דעם זעלבן קוק אין די אױגן, די זעלבע באַ־װעגונג. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז יעדער אײנער פון זײ קען שױן אַזױ גוט דעם אַנדערן, אַז ער װײסט שױן זײן יעדע מחשבה, זײן יעדן באַגער, דאָס פאַרבאָרגנסטע פון זײן נשמה. יעדער פון זײ האָט געהאַט אַן אײנזאַם אָרט, אָבער ס׳איז נישט געװען אַזױ פיל אײנזאַמע ערטער, און בײם עסן אין די קאָרידאָרן האָט מען זיך געמוזט טרעפן. מען האָט זיך אָנגעשטרענגט צו באַהאַלטן די אױפרעגונג. ס׳האָט געקענט אױסברעכן איבער אַ לעכערלעכע זאַך, אַ קלײניקײט, איבער אַ שטיקל ברױט, װאָס קײנער האָט נישט גע־דאַרפט, איבער אַ לעפל, װאָס עס האָט װער אַװעקגעלײגט פאַרקערט בײם סערװירן, און מען װעט זיך צעשרײען אױף די לעצטע קולות, געברױכן

ווערטער, וואָס מען האָט גאָרנישט געוווּסט, אַז מען האָט זיי, און נאָכדעם אַרומגייין נאָך ברוגזער ווי פריִער, זיך נישט וויסן ווּ אַהינצוטאָן, כאָטש גיי און באַגראָב זיך פאַר חרפּה.

הייניצל האָט געהאַט זיין אָרט אין אַ ווינקל פון עס־חדר. דאָרטן איז געשטאַנען אַן אַלטער גרויסער אָרעם־שטול, ווּ מען האָט געמעגט אָנשפּאַרן די הענט. אונטער דעם אָפּגעבליאַקעוועטן גרינעם פּלוש, איז שוין דאָס געבעטעכץ לאַנג געווען אויסגעריבן, אָבער מען איז נאָך אין אים גוט געזעסן. מען האָט אים מקנא געווען. ער איז אָבער געווען דער ערשטער פון די פּליכטלינגע, וואָס איז אָנגעקומען אין פּענסיאָנאַט און האָט זיך באַלד דאָרט אַוועקגעזעצט. עס איז געווען זיין שטול און זיין אָרט און קיינער האָט נישט געפּרוּווט ביי אים דאָס צונעמען.

אַזוי זיצנדיק אין דעם הויכן שטול, די האַנטפלאַכן אָנגעשפּאַרט אין די אָנלענס און קוקנדיק גלייך אין דער לופט אַריין, האָט ער זיך ווידער־אַלצדינג דערמאָנט. איצט האָט ער אויך צייט געהאַט צו קלערן און צו זוכן פאַרוואָס דאָס איז אַזוי געווען, אָבער קיין ריכטיקן ענטפער האָט ער קיינמאָל נישט געפונען.

צו דעם קליינעם אָרט, ווּ ער האָט געלעבט, זענען די געשעענישן שוואַך דערגאַנגען און דאָך האָט עס זיך אַזוי אויסגעלאָזן. ער באַקלאָגט זיך נישט. אָפטמאָל דאַכט זיך אים, אַז עס איז אַזוי ריכטיק, אַזוי האָט עס געדאַרפט געשען. דעמאָלט האָט ער דערוועגן קיינמאָל נישט געקלערט. ער האָט נישט געפילט קיין חילוק צווישן אים און די אַנדערע אין שטעטל. ער האָט אויסגעזען ווי אַ דייטש און זיך געפילט ווי אַ דייטש. ער איז גע־ווען פריץ הייניצל. ער איז אַזוי באַטיילעך געזעסן אויפן מאַגיסטראַט־שטול. ער האָט זיך נאָך באַטראַכט ווי אַ גרעסערער יחסן פון אַלע אַנדערע. זיין פאַמיליע האָט דאָ געוווינט לענגער פאַר זיי. ער האָט אַלעמען געקענט און געוווּסט ווער זיי זענען, פון ווּ זיי זענען געקומען און ווּ זיי זענען געקומען. זיין פאַמיליע איז געווען די עלטסטע אויפן אָרט, זיינע פאָר־פאָטערס זענען געווען קויפלויטע, דער טייך האָט געבראַכט און אַוועק־געפירט זייערע סחורות. זיי זענען אָנגעזעצן אין דער גאַנצער געגנט. זיי זענען געווען יידן. יאָ, זיי זענען געווען יידן און ער אַליין איז נאָך אויך אַ ייד, אָבער נאָר פאָרמעל. ער האָט נישט קיין שום קענטשאַפט פון דעם

דאָזיקן פֿאָלק. ער װײסט נאָר, אַז זײַן זײדע האָט געהײסן מאָזעס הירש, אָבער זײַן טאַטע האָט שױן געהײסן אַדאָלף הײנצל.

װי אין חלום דערמאָנט ער זיך אַ שריפֿט, װאָס זײַן זײדע האָט אים אַמאָל געװיזן. ס׳איז געװען אַ פֿאַמיליע־כראָניק, געשריבן מיט דראַבנינקע אותיות, רעדעלעך און שטרײַכעלעך. דאָרטן איז אַלץ געשטאַנען װעגן זײַן פֿאַמיליע. ער געדענקט שױן נישט װיפֿל הונדערטער יאָרן דער זײדע האָט געזאָגט, אַז די הירשס האָבן דאָרט געװױנט אױף דעם אָרט.

אַמאָל, האָט דער זײדע דערצײלט, זענען דאָרט נאָך געװען אַנדערע ײדן. אָבער נאָכדעם װי זײ האָבן אַ סך מאָל געמוזט אַנטלױפֿן און דאָס פֿעבל דאָרט איז אױך געװען שלעכט, ס׳האָט געפּלינדערט און געהרגעט, זענען שױן צום סוף צוריקגעקומען נאָר זײ אַלײן. אָבער דאָס מוז שױן האָבן געװען זײער לאַנג. ער, הײנצל, האָט זיך נישט שטאַרק צוגעהערט, װען מ׳האָט דערצײלט דערװעגן, ס׳האָט אים אױסגעזען, װי מעשיות פֿון פֿאַרצײַטן, װאָס האָבן שױן צו אים גאָר קײן שײַכות נישט. ער האָט קעגן די דאָזיקע דערצײלונגען געהאַט אַ װידערגעפֿיל, װי זײ װאָלטן אים פּלוצים דערגראַ־דירט, אים געגעבן אַ מינדערװערט און עס האָט אים יעדעס מאָל גע־קאָסט מי ביז ער האָט עס איבערגעװוּנדעט.

װען דער זײדע איז געשטאָרבן און זײ האָבן געירשנט ס׳הױז, איז אױך די שריפֿט דאָרט געװען, נאָר ס׳האָט איר שױן נישט קײנער אַרױס־גענומען. דער פֿאָטער האָט שױן אױך נישט געקענט לײענען די אותיות. קײנער האָט זײ נישט געקענט לײענען, נאָר זי איז נאָך ערגעץ געלעגן, װי אַ דערמאָנונג, װי אַ דראָונג, האָט זיך אים אָפּטמאָל געדאַכט. אָבער צום סוף האָט ער אָן איר אין גאַנצן פֿאַרגעסן. איצט װאָלט ער זי גראָד גע־װאָלט האָבן. ער װאָלט שױן געפֿונען עמיצן, װאָס װאָלט געקענט לײענען די קלײנע אותיותלעך. זײ װאָלטן אים דערצײלט װער ער איז, פֿון װאַנען ער שטאַמט און עס דאַכט זיך אים, אַז עס װאָלט אים לײַכטער געװען.

ער שטאַמט? פֿון דאָרטן, װי עס פֿליסט דער גרינער פֿלוס. קײן װאַ־סער אין דער װעלט איז נישט אַזױ שײן, װי דער דאָזיקער טײַך. ער האָט זיך פֿאַרבײַ געצױגן פֿאַר זײַערע פֿענצטער. ער האָט אים יעדן טאָג געזען, געפֿילט זײַן פֿרישן, לעבעדיקן אָטעם און פֿאַנטאַזירט װי װײַט ער ציט זיך אַװעק. ער איז אין געדאַנק מיטגעשװוּמען און געזען נײַע ערטער, אַנדערע

מענטשן און שטעט, ס'איז געווען אַזוי פֿאַנטאַסטיש. ער האָט שטענדיק געקלערט, אַז ווען ער וועט אַמאָל רייזן, וועט עס נאָר פֿאַרקומען אויף דעם דאַזיקן טייך. יאָ, זאָגט ער שטיל, איך האָב ליב דעם דאַזיקן טייך, איך בין ריינלענדער, אַזוי ווי מיינע אורעלטערן, וואָס זענען געבוירן געוואָרן און געשטאָרבן ביי זיינע ברעגן.

אָבער זי, מיין מוטער, זי איז געווען פֿון דער פֿרעמד, פֿון דער דער־בייאיקער שטאָט. זיין פֿאָטער האָט נאָך געהאַלטן פֿון דער פֿאַמיליע־טראַדיציע צו נעמען אַ ווייב פֿון דער פֿרעמד. ער האָט שוין פֿון דער טראַדיציע נישט געהאַלטן. שמאָנצעס, האָט ער געזאָגט. און זיך אויסגעזוכט מאַגדאַן. זי איז געווען פֿונעם אָרט, אַלע האָבן געוווסט ווער זי איז און געזען, אַז ער, פֿריץ היינצל, פֿאָרט נישט אַוועק און ברענגט זיך אַ ווייב פֿון ערגעץ. מיטן חתונה האָבן מיט מאַגדאַן האָט ער געגלייבט, איז שוין אַוועקגעפֿאַלן דאָס לעצטע פּיצל באַריערע וואָס האָט צעטיילט אים און די אַנדערע. ווען ער טראַכט איצט דערוועגן, דאַכט זיך אים, אַז דאָס איז געווען די איינציקע סיבה, פֿאַרוואָס ער האָט מיט איר חתונה געהאַט. עס האָט אים נאָר פֿאַרדראָסן, וואָס זי איז גראָד אַ טונקעלע, האָט שוואַרצע האָר. ער איז שטענדיק צופֿרידן געווען, וואָס ער איז אַ בלאָנדער, האָט העלע האָר און בלויע אויגן. אַפֿילו אויף זיין גרויסן מיט ביר אָנגעטרונקענעם בויך, וואָס ער האָט שפּעטער באַקומען איז ער אויך שטאָלץ געווען. ער איז איצט געווען פּונקט אַזוי ווי ווילהעלם, וואָלפֿגאַנג, היינריך, זיינע חברים נאָך פֿון שולע און ווי אַ סך אַנדערע.

ווען ער קלערט וועגן מאַגדאַן, דערמאָנט ער זיך אין זיין מאַמען. ווען זיין ווייב וואָלט געקומען פֿון דער דערבייאיקער שטאָט, אַזוי ווי זיין מאַמע, וואָלט זי איצט געווען מיט אים דאָ, אין שווערן. אָבער דאַן, קלערט ער, וואָלט איך שוין אין גאַנצן נישט עקזיסטירט. זי האָט מיך באַשיצט, מאַגדאַ. מען האָט מיך נאָר אַרויסגעטריבן פֿון מאַגיסטראַט, אָבער פֿון אָרט האָט מען אים נישט פֿאַריאָגט. ער וווּנדערט זיך ווי רויק דאָס איז צוגעגאַנגען און ווי זעלבסטפֿאַרשטענדלעך דאָס איז געווען פֿאַר זיינע קאָלעגן, עפּעס ווי זיי וואָלטן שוין אויף דעם לאַנג געוואַרט. אָבער קיין שנאה האָבן זיי נישט אַרויסגעוויזן. זיי האָבן זיך מיט אים געזעגנט, ווי ער וואָלט געגאַנ־גען ערגעץ אַוועקפֿאָרן. זיי האָבן דערביי געזאָגט אַזעלכע אומדייטלעכע רייד

װעמענס מיין ער האָט נישט אויפגעכאַפּט. נאָר דער שעף האָט קלאָר געזאָגט: „האָבען זי עס גוט, הער הײנצלז!״. עס האָט אים אויסגעזען, אַז ער שמייכלט אונטער, װען ער זאָגט הײנצל.

יאָ, ער האָט געמוזט אַװעקפאָרן. צוליב איר און צוליב דער טאָכטער, האָט ער דאָס געמוזט טאָן. אפשר איז שוין פריִער אויך עפּעס געװען, נאָר ער האָט עס נישט באַמערקט. ערשט װען ער האָט געמוזט דעם פּלאַץ פאַרלאָזן, איז עס אים קלאָר געװען. עפּעס האָט ער זײ שטענדיק געטראָפן צוזאַמען, װי זײ װאָלטן זיך פאַרשװוירן קעגן אים, האָבן װאָס אַמאָל װײניקער צו אים גערעדט, און אַזױ פון װײטנס, װי זײ װאָלטן מורא געהאַט איבערצוטרעטן אַ געװיסע דיסטאַנץ. זײ זענען פּלוצים אַזױ שטאַרק געװאָרן, אַז ער האָט יעדע באַדײטונג אין הויז פאַרלוירן. „װאָס װאָר איך דען, איך װאָר יאָ ניכטס״ — מורמלט ער — „די האַטען אַלץ, די פאַמיליע, די נאַכבאַרן, אַלץ, איך האַטע ניכטס, איך װאָר אַלײנע!״...

איצט זעט אים אויס, אַז ער איז שטענדיק געװען אַלײן. אין שטעטל איז נישט געװען נאָך אַזאַ װי ער. ער װאָלט זיכער יענעם אויסגעמיטן, אָבער טאָמער װאָלטן זײ יאָ גערעדט צװישן זיך, װאָלטן זײ זיך מסתּמא געקענט אַלץ אויסדערצײלן. יאָ, ער האָט געמוזט אַװעק. ער איז געװען איבעריק. ס׳איז אים ענג געװאָרן אין זײן אײגן הויז. ער איז געזעסן בײם טיש און מיטגעגעסן, װי ער װאָלט געװען אַ בעטלער. זײ האָבן נאָך אַמאָל צו אים עפּעס געזאָגט. ליזלס שמײכלדיק שטימעלע איז נאָך געפאַלן אין זײן ריכטונג, נאָר צוגעקומען און זיך געטוליעט צו אים איז זי שוין נישט. „ליזל, מײן טאָכטער״ זאָגט ער האַלב הויך.

דער אַלטער הײמאַן איז צוגעקומען: „װאָס איסט דען מיט אירע טאָכטער?״.

„ניכטס, זי האָט עס גאַנץ גוט״ — ענטפערט ער און קוקט נישט אויפן אַלטן הײמאַן. ער קלערט, אַז זי איז גאָרנישט שולדיק. זי איז נאָך אַ קינד, ערשט זעכצן יאָר. אָבער װי גרויס זי איז שוין. גײט צו טאַנץ. אַלע האָבן זײ מסתּמא װעגן אים גערעדט, דעם ייִדן, װאָס פון אים קומען אַלע אומגליקן, װען מען װעט אים פון לאַנד פאַרטרײבן, װעט אַלץ גוט װערן. און זי גלײבט װאָס אַלע מענטשן זאָגן.

ער זעט זיך זיצן אין שפּײכלער. זינט ער איז אַװעק פון מאַ־

גיסטראַט האָט ער אַ סך צייט פֿאַרברענגט אין שפּייכלער. ער האָט אים שוין וויפֿיל מאָל געוואָלט אָוועקנעמען ס׳זאָל גרעסער זיין אין הויף, נאָר ער האָט אים יעדעס מאָל געלאָזן שטיין. דער שפּייכלער האָט אים דער־מאָנט אין אַלטע צייטן, ווען ער איז געווען פֿול מיט ווייץ און קאָרן, ווען זיין זיידע איז דאָרטן אַרומגעגאַנגען, געהאַנדלט מיט מענטשן. וועגענער און פֿערד זענען געקומען אין הויף אַריין, מען האָט געשלעפּט זעק מיט תבואה, בינטלעך שמעקעדיק היי. ס׳איז געווען, ווי דער ריח פֿון דעם אַלעם וואָלט נאָך דאָרטן געלעגן, געהאנגען אין דער לופֿטן. אָבער פֿאַר זיין פֿאָ־טער איז שוין אַלץ געגאַנגען באַרג־אַראָפּ. ס׳זענען געקומען שלעכטע צייטן. דער שפּייכלער האָט געפּוסטעוועט, די שטאַלן האָט מען איינגעלייגט און פֿאַרברויכט דאָס האָלץ צו הייצן אין אַ בייזןווינטער. ער דערמאָנט זיך, אַז עס איז עפּעס געווען אומרויִק, נאָכן פֿאַבריקן קריג. דער טאַטע איז אַרומגעגאַנגען און געמורמלט און שטיל גערעדט צו דער מאַמען. אָבער עס האָט זיך באַרויִקט און ער האָט אַפֿילו באַקומען אַ שטעלע אין מאַגיס־טראַט, און דאַן האָט מען אין אַלעם ווידער פֿאַרגעסן.

אין שפּייכלער איז געווען טונקל. דאָס ליכט וואָס איז אַריינגעדרונגען דורך די שפּאַרעס פֿון די ווענט האָט נאָר באַלויכטן לאַנגע, געדרייטע שפּינוועבס־נעסטן, וואָס זענען אַרויסגעהאנגען פֿון אונטערן דאַך. ער האָט געקוקט אויף די שפּין־געוועבן און געטראַכט: איין בלאָז און שוין, ס׳איז נישטאָ מער. נאָכדעם האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן קלאָץ, אין ווינקל, שעהן איז ער דאָרט געזעסן.

איינמאָל איז צו אים געקומען זיין זיידע. ער האָט געהאַט אַ לאַנגע ווייסע באָרד. ער האָט פֿאַר אים געהאַלטן די שריפֿט מיט די קליינע אױ־תיולעך און געזאָגט: לייען! און ער האָט געוווּסט, וואָס די קליינע אותיולעך דערציילן. זיי האָבן אים געזאָגט, אַז ער געהערט צו אַ שטאַם, וואָס איז נע־ונד, איז אויסגעשטעלט אויף יעדן שטורעם און ער געהערט צו דעם דאָזיקן שטאַם און ער וועט נישט אויסמיידן, וועט האָבן דעם זעלבן גורל וואָס זיינע ברידער. ער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און שטיל געזאָגט: „איך בין יודע, איך בין יודע“. ער האָט זיך געחידושט ווי לייכט עס איז אים נאָכדעם געוואָרן. ווען ער וואָלט איצט געהאַט מיט וועמען צו רעדן, טראַכט ער, וואָלט אים גאָר גוט געווען.

ער איז אַרויס צום פּלוס. יאַקאָב איז אונטערגעקומען און געוואָלט מיטגיין. אָבער מען האָט אים געדופן און ער איז צוריק אַריין אין הויף.

דער טייך איז אַזוי רויק געפלאָסן אין זיינע גרענעצן, דער הימל איז געווען ריין און בלוי און די זון האָט אַזוי בלענדנדיק געלויכטן, אַז ער האָט געמוזט צומאַכן די אויגן. ער האָט געקלערט וועגן זיין עלטער־זיידעס שיפן, וואָס זענען דאָ אַמאָל געגאַנגען, זענען געווען ווייט, אַפילו אין אַנ־דערע לענדער. ער וואָלט אין ערגעץ נישט אָפּגעשטיגן. ער וואָלט געפאָרן אַהין און צוריק, אַהין און צוריק, פון איין עק טייך ביזן צווייטן.

דער אַלטער מאַגיסטראַט־דינער איז אים אַקעגנגעקומען. ער האָט אים אַפילו נישט געגריסט. דער אָרעמער, הינקנדיקער טייוול. ער האָט זיך געמאַכט ווי ער איז דערשטוינט: „זינד זי נאָך היער?". ער האָט זיך טאַקע אַליין אויך געוווּנדערט, וואָס ער טוט נאָך דאָ. בלייבן קען ער דאָך סיי ווי סיי נישט, אַפילו ווען מען זאָל אים נישט טשעפּען. ער איז דאָ אַ פרעמדער, ווי ער וואָלט ערשט נעכטן געקומען און קיינער קען אים נישט. ס'איז אים נאָך שווער געווען איר און ליזלען דאָס מיטצוטיילן. זיי קענען אויס־זען, ווי זיי וואָלטן שוין לאַנג געווען צוגעגרייט דערויף. זיי וועלן אים אַרויסבאַגלייטן פון הויז, ווי אַ בעטלער, וואָס האָט איבערגענעכטיקט און לאָזט זיך איצט ווידער אויפן וואַנדער־וועג.

ביינאַכט איז אים קלאָר געוואָרן ווי ער וועט עס מאַכן. זי איז גע־שלאָפן אין בעט דערנעבן. אין צימער איז געווען פינצטער. ס'האָט אים אויסגעזען, ווי זי וואָלט געווען ווייט פון אים, ווי אין אַן אַנדערער שטוב. ער האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען קיין שום נאָענטקייט צו איר, ווי זי וואָלט קיינמאָל זיין ווייב נישט געווען, נאָר ווי עס וואָלט אַ פרעמדע פרוי געלעגן, צו וועלכער ער האָט קיין שום באַציִונג נישט. ער האָט גע־קלערט, אַז אַזוי איז עס אפשר שטענדיק געווען, און זי ווייסט עס. זי ווייסט, אַז ער האָט זי גענומען צוליב עפּעס אַנדערש. זי איז באַליידיקט און איצט נעמט זי נקמה. אָבער ער האָט קיינמאָל גאָרנישט באַמערקט. ס'איז זיכער איר פאָטער, דער קצב, וואָס וויל זיך אַריינציִען אין הויז. ער האָט אים קיינמאָל נישט געקענט ליידן, ער האָט זיך געמיאוסט פאַר זיין רויט פּנים, ווי עס וואָלט געווען איינגעטונקט אין בלוט.

ווען אין דרויסן האָט זיך געוויזן די ערשטע בלאַסקייט, איז ער שטיל

אַראָפּגעגאַנגען פון בעט. ביים פאַרלאָזן ס׳צימער האָט זיך אים געדאַכט, אַז אירע אויגן־דעקלעך האָבן זיך אַ האָרעלע אויפגעהויבן און אַ גלאַנציק שאַרף שפּעלטעלע האָט נאָכגעפאָלגט וואָס ער טוט. ער האָט זיך גיך אָנגעטאָן און איז אַרויס אין הויף. יאַקאָב האָט זיך מיט אַרויסגעכאַפּט. ער איז צוגעגאַנגען און אַריינגעקוקט אין שפּייכלער. ס׳איז אים שווער געווען אין האַלדז און ער האָט אָפּגעהוסט. ס׳האָט זיך אים געדאַכט, ווי פון דער טונקלקייט וואָלט אים ווער אָפּגעענטפערט.

די זון האָט ערשט געהאַלטן ביים אַרויסקומען פון וואַסער. אָבער עס איז שוין געווען גאַנץ ליכטיק. ביי וואָלפגאַנגס גערטנדל האָט ער זיך אָפּ־געשטעלט און אַרויפגעקוקט צו ליזלס פענצטער. די פאָרהאַנג איז געווען פאַרצויגן. ער האָט זיך ווייטער געלאָזט גיין. יאַקאָב איז פּלוצים געבליבן שטיין. אַ שטריף פון זיין פּרויס בלוי נאָכטקלייד האָט זיך געזען אין דער טיר. „יאַקאָב״, — האָט ער געזאָגט, — איך גיי אַ ווייטן וועג, דו גיי צוריק אַהיים״. יאַקאָב איז געזעסן אויפן עק און אים נאָכגעקוקט, ביז ער איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון געסל.

ער האָט גלייכגעמאַכט דעם רוקזאַק אויף די פּלייצעס און געגומען שפּאַנען גיך, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז עס זאָל אים נישט ווער זען פון די שכנים. אָבער ער האָט געוווסט, אַז אַלע שלאָפן נאָך, און ווען זיי וועלן אויפשטיין און געוואָר ווערן, אַז ער איז אַוועק, וועלן זיי זיך גאָרנישט וווּנדערן. ער האָט שוין, דאַכט זיך, לאַנג קיינעם פון זיי נישט געזען. זיי האָבן אים אויסגעמיטן און ער זיי אויך. וואָס האָט ער דען געהאַט מיט זיי צו רעדן?

ער איז געגאַנגען לענגאויס דעם פלוס און ס׳איז געווען אַזוי שווער אויפן האַרצן. דאָ ביים ברעג פון דעם וואַסער האָט ער זיך געשפּילט אַלס קינד און אַרומגעגאַנגען שוין אַלס דערוואַקסענער און געקענט יעדעס אָרט, ווי עס וואָלט געווען זיין אייגנס. ער האָט אַריינגעדרייט אין דער ריין־שטראַסע. ווען ער איז אַרויפגעקומען אויף דער הויפּטגאַס האָט ער זיך ביים קרייצוועג אָפּגעשטעלט און געקלערט צי ער זאָל זיך פאַרנעמען צו רעכטס אין דער ריכטונג פון דער גרויסער שטאָט, אָדער גלייך אַרויס אויפן לאַנדוועג. עס איז אים נישט קלאָר געווען וווּהין דער לאַנדוועג וועט אים פירן, אָבער עס איז אים געווען אַלצאיינס. ער האָט געוואָלט גיין,

װאַנדערן, ערגעץ װײַט אַװעקגײן, װוּ ער קען קײנעם נישט און קײנער קען אים נישט. ער װעט גײן און גײן און װעט פֿון זיך אַראָפּװאַרפֿן אַלץ װאָס האָט אים די לעצטע צײַט אַזױ געדריקט.

ס'איז גראַד געװען אַ װאַרעמער פֿרילינג מיט זוניקע טעג און מילדע נעכט. ער האָט אױסגעמיטן שטעט און מענטשן, זיך געהאַלטן בײַ אײנזאַמע לאַנד־װעגן. ער האָט נישט געפֿילט קײן הונגער, נאָר צומאָל האָט ער זיך אַװעקגעזעצט אין אַ ראָװ און געגעסן אַ שטיקל פֿאַרטריקנט ברױט פֿון זײַן רוקזאַק און אַמאָל איז ער אױך דאָרט געבליבן שלאָפֿן. אין קילערע נעכט האָט ער זיך אַרײַנגעגנבעט אין אַ סטאַדאָלע אָדער פֿאַרגעזעצט זײַן װאַנדער־װעג. אַזױ איז געגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג און אַ נאַכט נאָך אַ נאַכט; ער האָט זײ נישט געצײלט. אפֿשר איז עס נאָר געװען טעג און אפֿשר שױן װאָכן זײַט דעם אינדערפֿרי װען ער האָט פֿאַרלאָזן זײַן הײם. ער האָט אױך נישט געקלערט װוּהין דער װעג פֿירט אים. ער װעט אַזױ גײן ביז ער װעט אױסקפּאַלן און באַרעמהאַרציקע מענטשן װעלן פֿאַר אים געפֿינען ערגעץ אַ שטיקל ערד.

אײנמאָל, װען די זון איז שױן געװען װײַט אױף דער אַנדערער זײַט הימל, האָט אים װער אָפּגעשטעלט. ס'איז געװען אַ מאַן אין אַ אוניפֿאָרם. דער מאַן האָט געזאָגט, אַז ער געפֿינט זיך אין דענעמאַרק, און איז אומגעזעצלעך איבערגעטראָטן די גרענעץ.

„אין דענעמאַרק", האָט הײנצל פֿאַר זיך איבערגעחזרט דעם נאָמען. דאַן האָט ער געזאָגט צום מאַן: „ענטשולדיקן זי, איך װױסטע עס נישט!". ער איז שױן געװען אָפּגעװױנט פֿון רעדן און די װערטער זענען נישט ריכטיק אַרױסגעקומען פֿון האַלדז. דער זשאַנדאַרם האָט זיך צוגעבױגן צו הערן, װאָס ער זאָגט. דער זשאַנדאַר האָט געפֿרעגט צי ער האָט פּאַפּירן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַ פּאַס. דעמאָלט, בעתן אָפּשײד אין מאַגיסטראַט, האָט אים דער שעף געגעבן אַ פּאַס. ער האָט אים אַרײַנגעלײגט אין טאַש און האָט אין אים פֿאַרגעסן. אָבער ער איז נאָך דאָרט געלעגן. בעת דער זשאַנדאַרם האָט איבערגעמישט די בלעטלעך, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער לײַענט זײַן געשיכטע, און באַלד װעט ער װיסן אַלץ װאָס עס איז מיט אים געשען. דער זשאַנדאַרם האָט געזאָגט, אַז ער זאָל מיטגײן. זײ זענען געגאַנגען זײער לאַנגזאַם. ער איז עפּעס פּלוצים אַזױ

מיד געוואָרן. „ס׳איז ניט ווייט״, האָט דער זשאַנדאַרם געזאָגט, און אויף אים אַ קוק־געטאָן פון דער זייט.

דאָס צימער אין וועלכן מען האָט אים אַריינגעלאָזן האָט געהאַט גראַ־טעס פאַרן פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען צו אַ פּלויט. ביי דער וואַנט צו לינקס איז געווען אַן אייזן בעטל צוגעבעט מיט אַ גרויער קאָלדרע. ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ טישל, איבער אים אַ גרויסער אָוואַלער שפּיגל. אַן אַרעסטאַנט, מסתמא אַ פראַנט, האָט אים אַמאָל אַריינגעבראַכט און ער איז שוין אַזוי געבליבן הענגען. ס׳איז נאָך געווען גוט ליכטיק. אין שפּיגל איז געשטאַנען אַן אַלטער מאַן, מיט לאַנגע גרויע האָר אויף לויזע אַראָפּהענגנדיקע באַקן. און אַזעלכע מאָדנע גרויסע קליידער האָט ער געטראָגן, ווי אַט־אַט וועט ער זיי פאַרלירן. ער איז לאַנג און אומ־באַוועגלעך געשטאַנען ביים שפּיגל. אַ רגע איז אים איינגעפאַלן, אַז עס איז גאָרנישט ער, אַז ער שטייט און קוקט אויף עפּעס אַ פאַנטאַסטישן פּאָרטרעט פון אַ מאָלער, אַ בייזן לץ, וואָס האָט געוואָלט חוזק מאַכן פונעם מענטשן און וויזן צו וועלכן צושטאַנד ער קען קומען. אָבער באַלד האָט ער צו זיך שטיל געזאָגט: „יאָ, דאָס בין איך, פריץ היינצל, הירש!״.

די טעג אין דער איינזאַמער קאַמער האָבן אים אויסגעזען צו זיין די גליקלעכסטע אין זיין לעבן. ער האָט געפילט ווי ער וואַרפט פון זיך אַראָפּ אַ משא נאָך אַ משא. ער איז געווען מיט זיך אַליין, ער איז געווען פריי. ער האָט זיך געוווּנדערט ווי שטיל אַלץ גייט צו, ווי שטיל דער וועכ־טער ברענגט אים עסן, ווי שטיל ער האָט אים געפרעגט אויב ער דאַרף נישט אַ ראַזיר־מאַשינדל און אויב ער האָט זייף און אויב ער וויל זיך נישט אַ ביסל אָפּבאַרשטן די קליידער. נאָר איינמאָל האָט מען אים גע־פירט אין קאַנטאָר אַריין, און ער האָט געדאַרפט אויספילן אַ פראַגע־בויגן; און צומאָרגנס אינדערפרי האָט מען אים געבראַכט דעם פּאַס און געזאָגט, אַז ער איז פריי און קען גיין וווהין ער וויל.

זיין פאַרמעגן האָט נאָך געגרייכט אויף אַ בילעט נאָך קאָפּענהאַגען. ער האָט געוווּסט, אַז דאָרטן זענען דאָ יידן. ס׳איז שוין געווען שפּעט נאָכ־מיטאָג, ווען ער איז אַרויס פון באַנהויף. אַלץ איז געווען אַזוי פרידלעך אין דער דאָזיקער גרויסער שטאָט. די מענטשן האָבן רויִק און פריינדלעך פאַרבייגעשטראָמט, ווי קיינער וואָלט גאָר קיין זאָרגן נישט געהאַט, ווי אַלץ

װאָלט געװוען אַזױ קלאָר און אײנפאַך. ער האָט זיך געלאָזט מיטרײסן פונעם מענטשן־שטראָם. ער האָט געװאָלט זײַן אײנער פון די דאָזיקע מענטשן. ער האָט ערשט פאַרלאַנגזאָמט זײַנע טריט, װען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז עס װעט באַלד װערן נאַכט און ער האָט נישט װוּ אַרײַנצוגײן. פּלוצים האָט ער זיך אַרײַנגעדרײט אין אַ זײַטיק געסל, װי עס װאָלט אים װער אונטער־געזאָגט, אַז דאָרטן װעט ער גיכער געפינען װאָס ער זוכט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ יעדן געשעפט און איבערגעלײענט דעם נאָמען. אױף אײן טיר איז געשטאַנען: מ. פעלדמאַן. ס׳איז געװוען אַ קלײן טריקאָטאַזש־געשעפטל. ער האָט זיך נאָך אַ װײַלע מײשב געװוען ביז ער האָט באַשלאָסן אַרײַנצוגײן. אַ מיטלװוקסיקער עלטערער מאַן איז אַרױסגעקומען פון דער הינטערשטוב. דער מאַן האָט אױף אים געקוקט און געװאַרט, װאָס ער װעט זאָגן. ער האָט געװאָלט, אַז דער מאַן זאָל אים פרעגן װאָס ער װיל. אָבער דער מאַן האָט גאָרנישט געזאָגט, נאָר געשטאַנען און אױף אים גע־קוקט. ענדלעך האָט ער געזאָגט:

„איך בין ייִדישער פליכטלינג אױס דױטשלאַנד“. אָבער דער מאַן האָט גאָרנישט געענטפערט נאָר װײַטער אױף אים געקוקט. ער האָט אַרױס־גענומען דעם פּאַס, אױפגעמישט ס׳בלעטל און אים געװיזן: פּריץ הײנצל. יודע. „יאָ, איך בין יודע, דאס בין איך, זע נאָר ניכט אױס“ האָט ער צו־געגעבן, װי דער פּאַס אַלײן װאָלט נישט געװוען גענוג איבערצײַגנדיק.

דער מאַן האָט אים געגעבן די האַנט און האָט זיך מיט אים שטאַרק געפרײט:

— כ׳װאָלט קײנמאָל ניט געגלײבט, אַז זי זענען אַ ייִד. איך בין פון װאַרשע! — האָט ער זיך פאַרגעשטעלט — לײגן זי אַראָפּ דעם זאַק, זעצן זי זיך!“. ס׳איז געװוען פרײטיק און דער ייִד האָט אים מיט אַהײמגענומען.

שױן די נעכסטע טעג איז ער אַרומגעגאַנגען מיט אַ ביסל זאַקן אין טאַש צו פאַרקױפן בײַ ייִדן. קײנער האָט אים נישט אָפּגעזאָגט. קײן גרױסעס איז עס נישט געװוען, אָבער ער האָט געהאַט גענוג צו עסן און צו באַצאָלן דאָס דאַך־צימערל, װאָס דער ייִד האָט פאַר אים געפונען.

הײנצלס געדאַנק בלײַבט אַ װײַלע שטײן. ער קוקט אומעטיק און לאַנג אױף זײַן גרױסן בױך און געװאַלדיקן גוף, װאָס פילט אױס דעם גאַנצן שטול. ער קען זיך נישט לײדן. „עס װאָר גוטעס עסן אין קאָפּענהאַגען!“,

— זאָגט ער — ער איז באַלד ווידער אַזוי דיק געווען ווי פריִער און דאָס איז שיער געווען זיין טויט. „אָבער עגאַלי!“ מורמלט ער פאַרצווייפלט. נאָר ער האָט באַלד חרטה. ער איז אומדאַנקבאַר, ער איז אומדאַנקבאַר זיין שיקזאַל, וואָס האָט געוואָלט, אַז ער זאָל לעבן. ער האָט שוין אַ סך מאָל געווינטשן זיך דעם טויט, נאָר ער ווייסט, אַז ער וויל לעבן און עס איז אים באַשערט צו לעבן, אַז נישט וואָלט ער אין יענער פינצטערער נאַכט אומגעקומען. ער דערמאָנט זיך ווי ער איז געשטאַנען ביים האַפן און האָט אָן חרפה געזאָגט ליגנט, אַז ער האָט נישט באַוויזן אַרויסצונעמען קיין געלט פון באַנק, און די ייִדן האָבן אים מיט אַריינגענומען אין שיפל. אין געאייל און אין דער פינצטערניש האָבן זיי נישט געזען ווי דיק ער איז. ערשט ווען זיי זענען אַרויסגעקומען אויפן וואַסער האָבן זיי געזען דעם חורבן. ס'איז געווען אַ קליין שיפל און ער האָט עס אַראָפּגעדריקט טיף אין וואַסער אַריין. קיינער פון די מענטשן האָט גאָרנישט געזאָגט. דער טויט האָט אַרויסגעשריגן פון זייער שוויגן. ער האָט זיך קראַמפּהאַפט אָנגעהאַלטן אין ברעטל אויף וועלכן ער איז געזעסן. ס'האָט אים אויסגעזען, אַז זיי קענען אים יעדע מינוט באַפאַלן און אים וואַרפן אין וואַסער אַריין. דער פישער האָט פּלוצים אָפּגעשטעלט דאָס רודערן: „ווען מיר וועלן זיך נישט באַפרייען פון דעם דאָזיקן מאַן, דאַן וועלן מיר אַלע אומקומען!“. און אַלע טויט־בלאַסע פּנימער האָבן געקוקט אויף אים. ער דערמאָנט זיך, ווי אַלץ איז אין אים געווען אָפּגעשטאָרבן. אָבער ער האָט געטראַכט, אַז זיי האָבן רעכט, זיי מוזן צוערשט שיצן זייער אייגן לעבן. ער דערמאָנט זיך אויך, ווי עס איז אונטערגעקומען אַ גרעסער שיפל און יענע האָבן מסכים געווען אים אַריבערצונעמען. וואָס עס איז נאָכדעם געשען — ווייסט ער ניט. עס איז אים נאָר געבליבן אין זכרון די שרעקלעכע פינצטערניש און די געשרייען פון די מענטשן, ווען ער איז אַריינגעפאַלן אין וואַסער און האָט זיך אָנגעכאַפּט אין די קאַנטן פון שיפל וועלכעס האָט זיך געהאַלטן ביים איבערקערן. „האַק אים אָפּ די הענט! האַק אים אָפּ די הענט!“ — האָבן זיי געשריגן. אָבער ער האָט נישט נאָכגעלאָזן. ער האָט געפילט ווי מען שלעפּט אים און מען קען אים נישט אַרויפשלעפּן. ער איז עפּעס געווען אַזוי מורא־דיק לאַנג און אַזוי שרעקלעך שווער.

ווען ער האָט אויפגעוואַכט איז ער געלעגן אויפן דעק פון שיפל.

בלײכע פּנימער זענען געװען איבער אים אײנגעבױגן. אַ פֿרױ האָט געזאָגט אױף ייִדיש: „שױן, ער איז שױן אױף, געלױבט צו גאָט!“.

זײַן קערפּער איז איצט אַזױ שװער, װי אַלע כּוחות װאָלטן אים פֿאַרלאָזט. זײַנע מידע אױגן קוקן טרױעריק אין דער לופֿט אַרײַן, װי ער װאָלט דאָרטן געזוכט באַשײד, װי אַזױ ער איז אין יענער נאַכט געבליבן לעבן, און פֿאַרװאָס דאָס אַלץ האָט מיט אים פּאַסירט.

מלכהלע

זיי זענען געשטאַנען אויפֿן פּליפּלאַץ, פֿינף בחורים און דריי מיידלעך. ס'איז נאָך געווען פֿרי, אָבער שוין זייער וואַרעם. די זון האָט דורכגעברענט די, פּאָר זיי שוין נישט געווינטע קליידער. זיי האָבן אויסגעזען ווי פֿרעמדע, נאָר־וואָס אָנגעקומענע אין לאַנד אַריין. זיי האָבן זיך אַליין נישט דערקענט.

זיי זענען געשטאַנען און געשוויגן. אַלץ איז שוין געווען דורכדעבאַטירט, אָפּגערעדט. זיי זענען געווען אומעטיק, האָבן שוין געפֿילט אַ ברענענדיקע בענקשאַפֿט צום לאַנד, איידער זיי האָבן עס נאָך פֿאַרלאָזט. און דאַן אַזאַ נסיעה! נאָר דער שטענדיק שטיפֿערישער וועלוול האָט נישט געקענט אויפֿהערן צו לאַכן, ווען ער האָט געקוקט אויף מלכהלעס אַרויפֿגעשאַרצט גע זול.

„דו מלכהלע, דיין קליין אַריש נעזל וועט דיר דאָרטן שטאַרק צונוץ קומען!"

„און דיין פּויליש פּויערים פּנים, וועט דיר אויך נישט קיין שאָדן ברענגען" — האָט זי אים געענטפֿערט. זי איז איצט נישט געווען געשטימט אויסצוהערן זיינע חכמות. און איידער וועלוול האָט נאָך צייט געהאַט צו קומען מיט אַ ניי חכמהלע, איז שוין דער יינגער פּלי־אָפֿיצער געשטאַנען פֿאַר זיי. זיי האָבן זיך גלייכגעשטעלט, ווי זיי וואָלטן געווען סאָלדאַטן. דער אָפֿיצער האָט צוזאַמען געקלאַפּט די קלעצער אויפֿן מיליטערישן שטייגער, דאַן האָט ער אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר פֿון דער ברוסט־טאַש און גענומען אויסרופֿן די נעמען:

„אַבראַמאָװיטש, מאַלקאַ".

„יאָ", האָט מלכהלע געענטפערט.

„אַבראַמזאָן, װאָלף".

„יאָ", האָט װעלװול געענטפערט.

אַזוי האָט ער נאָכקאָנטראָלירט, אויב זיי זענען אַלע דאָ. זיי זענען אַלע געװען. „אין פופצן מינוט הייבן מיר זיך אויף!". ער האָט צוזאַמענגעקלאַפּט די קנאָפּלען און איז אװעק.

זיי האָבן זיך געזאַמלט ביי דער מאַשין. חבר כענקין האָט געדאַרפט קומען און מיטגעבן אַ פּאָר װערטער אויפן װעג. ער איז געגאַנגען אָרדענען די לעצטע פאָרמאַליטעטן, און האָט זיך אַביסל פאַרשפּעטיקט. אָבער אָט קומט ער אַרויס פון דעם גרין־ברוינעם קאַמופלירטן סטאַציע־הויז און דערנענטערט זיך צו זיי מיט האַסטיקע יוגנטלעכע טריט. ער איז געװען אַ ברייטער און שטאַרק געבויטער מאַן. ער איז געגאַנגען אַזוי גלייך, װי ער װאָלט זיין גאַנץ לעבן געװען אַ סאָלדאַט. ער איז געקומען פון ערגעץ אין די טיפע רוסישע גובערניעס. מיט זיין אַביסל פלאַכער נאָז, גרויע אויגן און אַרויסגעסטאַרטשעטע קינבאַקן, האָט ער מער געענדלט אויף אַ רוס װי אויף אַ ייד. זיי האָבן געװען, אַז ער איז אומרויק, פון עפּעס געדריקט, קען נישט איינשטיין, װי ער װאָלט זיך געפונען אויף אַ גליטש. ס'האָט געדויערט אַ היבשע װיילע, איידער ער האָט אָנגעהויבן:

„חברים און חברות!". זיין שטימע איז געװען אָנגעשטרענגט, װי זי װאָלט זיך אַרויסגעריסן פון האַלדז, װי ער װאָלט װייטער נישט געקענט רעדן. ס'איז גאָר נישט געװען דער זעלבער כענקין, האָבן זיי געקלערט. דער כענקין, װאָס האָט געקענט רעדן פאַר גרויסע מאַסן, פאַר טויזנטער, שטייט איצט און קען נישט אַרויסברענגען אַ װאָרט. זיי האָבן אויף אים רחמנות געהאַט. ער האָט זיך אָבער צוזאַמענגענומען און װייטער אָנגעהויבן:

„חברים און חברות! איר האָט אויף זיך גענומען אַ גרויסע אויפגאַבע. אַן אויפגאַבע, װאָס װעט פאַרלאַנגען איבערמענטשלעכן מוט און איבער־מענטשלעכע כוחות; נאָר די גרויסע ליבע צו אייערע פאַרפּייניקטע ברידער האָבן אייך געקענט באַװעגן אויף זיך צו נעמען די דאָזיקע שליחות. מיר, װאָס זענען סאָלדאַטן אין אַ רעגולערער אַרמיי, אונדז איז פיל לייכטער. מיר זענען באַװאָפנטע, פונקט װי דער שונא, און געשיצט, אַזוי װייט װי

מען קען דאָס זיין אין אַ מלחמה. איר וועט דעם שונא באַגעגענען אומ־באַוואָפנט און אומגעשיצט. איר וועט זיך נאָר קענען פאַרלאָזן אויף אייער אינטעליגענץ, אויפן בלינדן צופאַל — אויף אייער מזל! מיר קענען היינט נישט העלפן אונדזערע ברידער מיט עפּעס אַנדערש, ווי מיט דעם, אַז איר זאָלט צו זיי קומען, זיי ברענגען די בשורה פון דער באַלדיקער באַפרייאונג. איר וועט זיי ברענגען אַ גרוס פונעם ישוב, זיי דערציילן, אַז מיר פאַר־שטייען זייער נויט, ליידן מיט זייערע ליידן און קלערן שטענדיק וועגן זיי. נאָך אַזויפיל יאָרן פון שוואַרצער האָפענונגסלאָזיקייט זענען זיי שוין זיכער נידערגעשלאָגן און אומענדלעך פאַרצווייפלט. ברענגט זיי טרייסט און אויפ־מונטערונג. גייט אין די געטאָס און העלפט זיי מיט וואָס איר קענט, אָר־גאַניזירט זיי צום לעבן און צום טויט. די גרעסטע און וויכטיקסטע טיילן פון אונדזער פאָלק האַלטן איצט ביים אומקומען. ווען דאָס מוז שוין זיין דער גורל, זאָל דאָס געשען אויף אַ ווירדיקן אופן אין ווידערשטאַנד, אין קאַמף! ייִדיש לעבן טאָר נישט זיין ביליק! טייערע חברים, להתראות בארצנו, בארץ ישראל!״.

די לעצטע ווערטער האָט ער געזאָגט אַזוי שטיל, אַז זיי האָבן זיי מער פאַרנומען ווי געהערט. יעדן פון זיי האָט זיך געדאַכט, בעת ער האָט גע־רעדט, אַז זיין האַנט ליגט אויף זיין אַקסל און זיינע גוטע אויגן קוקן אויף אים ווי זיי וואָלטן געזאָגט: ליבער חבר, קום בשלום צוריק! — ער איז נאָך אַ ווייל געשטאַנען, דאַן האָט ער געזאָגט: „שלום!״ און איז אַוועק־געגאַנגען און זיך נישט אומגעקוקט. זייערע בליקן האָבן אים נאָכגעפאָלגט ביז ער איז פאַרשוווּנדן אונטער דער פאַרמאַכטער טיר פון סטאַציאָנס־הויז.

„ער איז ווי תמיד, ערלעך און אויפריכטיק. ער זוכט אונדז נישט צו גענאַרן, אונדז איינבילדן...״ האָט מלכהלע געהערט יאָסעלען זאָגן. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז עס איז געווען אַ רמז פון פחד אין זיין קול. ער איז נאָך כמעט געווען אַ ייִנגל, אַ בלאָנד פאַרחלומט ייִנגל. ער רעדט אָבער אַזוי שיין און זינגט אַזוי האַרציק. ער וועט זיי אויפמונטערן מיט זיין רעדן, וואַרעמען מיט זיין געזאַנג. דוד, אַזוי מוז דוד האָבן אויסגעזען, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען אין קאַמף קעגן גליתן, האָט זי געקלערט.

„האָבן מיר דען נישט פון פריִער דאָס געוווּסט?״ האָט לאה, פון כפר־גלעדי געפרעגט. איר שטימע איז געווען האַרט און פאַרוואָרפנדיק. דער

קיבוץ פון װאַנען זי איז געקומען ליגט האַרט בײַ דער גרענעץ, איז כּסדר פאַרװיקלט אין קאַמפן. זי איז געװוינט צו געפאַרן.

„יאָ, יאָ, אוודאי האָבן מיר דאָס געװוּסט, כ'האָב נאָר קאָנסטאַטירט", האָט זיך יאָסעלע פאַרענטפערט.

„חברים, — האָט װעלװל געזאָגט — לאָמיר ליבער טאַנצן אַ האָרע, אײדער זיך שטײַן און קריגן!".

„אָ, נײַן, נישט איצטו" האָט זיך מלכהלע געבעטן. ס'איז שוין אויך נישט געװען קײן צײַט צו טאַנצן. דער יונגער פּילאָט מיט זײַן געהילף זענען שוין געשטאַנען בײַ דער מאַשין. ער האָט געבעטן זײ זאָלן אײַנשטײַגן. און אײדער זײ האָבן זיך נאָך באַװיזן ריכטיק אָװעקצוזעצן, האָט שוין דער מאָטאָר געליאַרעמט. די מאַשין האָט זיך באַלד לײַכט געקאָלערט אויפן גלאַטן גראָז־פעלד, זיך אויפגעהויבן און פאַרשװוּנדן אין דעם דורכזיכטיקן קלאָר־בלויען הימל.

מלכהלע איז געזעסן צװישן װעלװלען און דעם לאַנגן בערל. אויף זײַן מאָגער פּנים איז געלעגן אַ ביטערער שפּאָטישער שמײכל. ער האָט געקלערט װעגן זײַנע אַרומװאַנדערונגען אין דער װעלט, אײדער ער האָט זיך דערשלאָגן צו דעם לאַנד, װאָס איז אים צוגעזאָגט געװאָרן פון גאָט און לײַט, װעמענס ערד ער האָט אָבער נישט געטאָרט באַטרעטן; ער האָט זיך געמוזט אַרײַנשמוגלען און לעבן װי אַ גנב, אַ פאַרברעכער. איצט קומט ער אַרויס לעגאַל, אין אַן ענגלישער פלי־מאַשין! מלכהלע האָט נישט געקענט פאַרשטײן, פאַרװאָס דער תמיד אומעטיקער בערל לאַכט אין גראַד איצט.

זײ זענען געזעסן און געשװיגן. זײערע געדאַנקען זענען געװען פאַרנומען מיטן מאַכן פּלענער, װאָס זײ װעלן טאָן װען זײ װעלן אַהין קומען. זײ האָבן געװוּסט, אַז אַלץ װאָס זײ קלערן איצט, איז נאָר אַ פּראָדוקט פון זײער פאַנטאַזיע און װוּנטשן. די װירקלעכקײט װעט דאָרטן זײַן גאַנץ אַנדערש, װי זײ שטעלן זיך זי פאָר, זײ האָבן אָבער נישט געקענט אויפהערן צו קלערן דערװעגן. זײ האָבן געקענט יעדעס אָרט, יעדן װינקל דאָרטן. אָבער איצט איז זײ גראַד אַלץ געװען אַזױ װײַט, אַזױ פרעמד, אַזױ אומבאַקאַנט, װי זײ װאָלטן געפלויגן צו אַ גאַנץ אומבאַקאַנט לאַנד, װוּ זײ װעלן פאַרבלאָנדזשען און שוין קײנמאָל מער נישט קענען צוריק אַרויס. ס'האָט זײ גערײצט און געשראָקן. אַ מינוט האָבן זײ געװאָלט אַז זײ זאָלן

שוין דאָרט זיין; אַ מינוט אַז די מאַשין זאָל פליִען און פליִען און קיינמאָל נישט אויפהערן. פון אַלעם וואָס כענקין האָט געזאָגט, זענען פאַר מלכהלען אַמקלאָרסטן געשטאַנען די ווערטער: „דער בלינדער צופאַל, אייער מזל!...".

די מאַשין האָט זיך אויפן וועג דריי מאָל אָפּגעשטעלט. ס'האָט מלכה־לען נישט אינטערעסירט, ווו עס איז געווען און ווען עס איז געווען. ס'האָט איר אויסגעזען, אַז זיי פליִען ערגעץ אין עק וועלט, ווו זי וועט נישט מער האָבן קיין באַדאַרף פאַר צייט און אָרט. איידער די מאַשין האָט זיך דאָס דריטע מאָל אויפגעהויבן, האָבן זיי אָנגעטאָן די פאַלשירעמס. יעדער פון זיי האָט באַקומען אַ נומער און האָט געמוזט בלייבן זיצן אויף זיין פּלאַץ. דער, וועמענס נומער ס'וועט זיך אָנצונדן אין פירער־הייזל, זאָל זיך מאַכן גרייט צו שפּרינגען. שוין ביינאַכט וועלן זיי זיין ביי זייער ציל, איבערן לאַנד, ווו עס הערשט דער שונא.

זיי האָבן איצט געפילט אַ שטאַרקן דראַנג צו זיצן צוזאַמען. זיי זענען זיך אין דער לעצטער צייט אַזוי נאָענט געווען. די אויסערגעוויינלעכע אויפ־גאַבע און די געפאַר, וואָס איז מיט איר פאַרבונדן, האָט זיי אַזוי דערנענ־טערט צו זיך, ווי זיי וואָלטן געווען שוועסטער און ברידער, קינדער פון איין טאַטע־מאַמע. זיי האָבן אָבער געמוזט יעדער בלייבן אויף זיין פּלאַץ. דער געהילף־פּילאָט איז געקומען און געגעבן יעדן די לעצטע אינס־טרוקציעס. ער האָט פאַרזיכערט, אַז דער שירעם וועט זיך עפענען. זיי זאָלן זיך נאָר האַלטן אין די אינסטרוקציעס און יעדער זאָל אַכטונג געבן אויפן נומער אין פענצטערל. זיי האָבן אָנגעשפּאַנט געוואַרט, דעם בליק אָנגעשטעלט אויפן פינצטערן שייבל. מלכהלעס אויגן זענען געוואָרן אַזוי אָנגעשטרענגט פונעם כסדרדיקן קוקן אויפן שייבל, אַז זי האָט נישט באַלד געזען די רויטע פייערדיקע נומערן וואָס זענען דאָרט אַרויסגעקומען. און ווען זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו וועלוולען, איז ער שוין נישט געווען, נאָר זיין „שלום!" איז נאָך געהאנגען אין ליאַרעם פון דער מאַשין, און זי האָט נאָך באַוויזן צו זען די פינצטערניש אונטן, איידער די קלאַפּע האָט זיך פאַרמאַכט. זי האָט נישט געוואָלט קלערן דערוועגן. זי האָט ווייטער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו דעם קליינעם פינצטערן שייבל. אַזוי האָבן זיך די נומערן געצונדן און פאַרלאָשן, און יעדעס מאָל, ווען איינער פון די חברים איז פאַרשוונדן, האָט זיין פּלאַץ געסטראַשעט מיט זיין ליידיקייט.

די פינצטערניש אין דער מאַשין האָט נישט געקענט פאַרבאָרגן די דריקנדיקע, דראָענדיקע ליידיקייט.

מלכהלע איז געווען די זעקסטע. און הגם זי האָט דאָס דערוואַרט, האָט איר סיי ווי אויסגעזען, אַז איר נומער איז געקומען אַזוי אומדערוואַרט פלוצים. ס'איז איר הייס געוואָרן איבערן גאַנצן לייב, אַ קאַלטער שווייס איז געלעגן אויף איר שטערן. זי האָט זיך אויפגעשטעלט. דער שירעם זאָל זיך נאָר עפענען — איז דורכגעפלויגן אַ געדאַנק אין איר קאָפּ. דורך דער אָפענער קלאַפּע האָט אַ שוואַרץ תהומיק טיפער פיסק צו איר אַרויפגעקוקט. אירע קני האָבן געציטערט. זי האָט געוואָלט עפּעס אַהין שרייען צו אירע חברים, זיי זענען אָבער געזעסן שווייגנדיקע, אומבאַוועגלעכע און נישט געקוקט אין איר זייט. אַ ווינט־שטויס איז אַרויפגעקומען דורך דער אָפענער קלאַפּע. זי האָט צוגעמאַכט די אויגן און זיך אַראָפּגעוואָרפן אין דער שוואַרצער ליידיקייט. אַ רגע האָט זי געפילט אַז עס קוועלט איר אין האַלדז, נאָכדעם ווי אַ לאַנג זשוזשנדער שטרייף ביי די אויערן און זי פאַלט און פאַלט! אָבער באַלד האָט עס געטאָן אַ שלעפּ אין רוקן, זי האָט אויפגעהערט צו פאַלן, און דער זשוזשענדיקער שטרייף ביי די אויערן האָט זיך אויסגעלאָזן. ס'איז געווען ווי עס וואָלט איר ווער אָנגעהאַלטן אונטער די אָרעמס. זי איז צו זיך געקומען. זי האָט זיך איצט געוויגט אַהין און צוריק און זיך געדרייט אַרום זיך. דורכזיכטיקע כוואַליעס האָבן זיך ווי קאַלטע, דינע געוואַנטן געוויקלט אַרום איר לייב. זי האָט אויפגעעפנט די אויגן, זי איז געהאנגען אין דער פינצטערניש. דער הימל איז געווען איבערגעצויגן. פון צווישן דעם וואָלקן־דעק האָט דאָ און דאָרט אַרויסגעקוקט אַן איינזאַמער שטערן. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז זיין בלוי, בליצנדיק ליכט איז גאָר נאָענט פון איר. זי האָט אַראָפּגעקוקט און געזען, אַז דאָ ווי זי פאַלט, איז די פינצטערניש געדיכטער און אַזוי אומרעגלמעסיק. ס'מוז זיין אַ וואַלד. ווען זי פאַלט דאָ אַראָפּ איז זי פאַרלוירן! דער שירעם האָט זיך אָבער פלוצים גענומען אַוועקציִען אין אַ זייט, און זי האָט באַלד אָנגעשטויסן אויף עפּעס אַ האַרטע זאַך. זי איז געלעגן אויף אַלע פיר אויף דער ערד. ס'האָט איר געשווינדלט אין קאָפּ פונעם שטאַרקן פאַלן. זי איז אָבער באַלד צו זיך געקומען. זי האָט געפּרוווט זיך אויפשטעלן, דער לינקער פוס איז געווען אַזוי שווער ווי ער וואָלט איינגעשלאָפן, זיך שטעלן

אויף אים האָט זי נישט געקענט, די קני האָט שרעקלעך ווײ־געטאָן. אַ, ס'זאָל נאָר נישט זיין עפּעס צעבראָכן! זי מוז זיך אָבער אויפשטעלן! זי האָט צוזאַמענגעדריקט די ציין און אויסגעצויגן דעם פוס. ניין, ס'איז גאָר־נישט צעבראָכן. מ'וועט באַלד איבערגיין. זי וועט זיך נאָר אַ רגע אָפּרוען.

זי איז געלעגן אויף אַ זאַמדפעלד. די פינצטערניש איז איבער איר געהאַנגען ווי אַ שווערער טעפּיך, וואָס האָט יעדע מינוט געקענט אַראָפּ־פאַלן. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזוכט דעם וואַלד. ער איז נישט געווען. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, די פינצטערניש האָט איר אַרומגענומען ווי אַ שוואַרצער זאַק. ווי זי האָט זיך נישט געווענדט, האָט איר אויג אָנ־געטראָפן געדיכטן חושך. — ער מוז דאָך זיין דאָ ערגעץ, כ'האָב אים דאָך ערשט אַזוי דייטלעך געזען, — האָט זי געזאָגט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט. איר בליק האָט אויפגעכאַפּט אַ רייע בלוי־שוואַרצע בערג, וואָס האָבן זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און האָבן זיך אַוועקגעצויגן ערגעץ אין חושך אַריין. יאָ, דאָס איז ער! זי האָט נישט געקענט פאַרשטיין, אַז ער געפינט זיך אַזש דאָרטן, ס'מוז זיין זייער ווייט און מיט אַזאַ קני! זי מוז זיך אָבער נעמען גיין, מיטן צוזאַמענגעלייגטן פאַל־שירעם אויף די אַקסלען.

ס'האָט געשטאָכן אין דער קני ווי מיט שפּילקעס. זי האָט זיך כסדר געמוזט אָפּשטעלן, זי האָט אָבער נישט אַרויסגעלאָזן די בערג פונעם אויג, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז זיי וועלן פון איר אַנטלויפן, ווען זי וועט ניט אָט־באַלד אַהין דערגרייכן. אָפּטמאָל האָט איר טאַקע זיך אויסגעדאַכט, ווי זיי אַנטלויפן פון איר, און זי מוז זיך איילן זיי אָנצויאָגן...

זי האָט איצט געטראָטן אויף ווייכער ערד, אַ פאַרזייט פעלד האָט זי געטראַכט. זי האָט געזוכט אַרויסצוקומען פון פאַרזייטן פעלד, אָבער ווי אַזוי? זי האָט איצט מיטאַמאָל קלאָר געזען דעם וואַלד און האָט גענומען לויפן. די קני האָט שרעקלעך ווײ־געטאָן, זי האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו לויפן. ערשט ווען זי איז אָנגעקומען צום ראַנד פון וואַלד, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, איידער זי איז אַריין צווישן די ביימער.

די פינצטערניש איז געווען נישט דורכצודרינגען, זי האָט נישט גע־קענט זען אירע אייגענע הענט, געטאַפּט פון בוים צו בוים, ס'פּנים האָט זיך אָנגעשלאָגן אין נאַסע בלעטער. זי האָט זיך פאַרטשעפּעט אין צווייגן־געפלעכט. די פיס האָבן פאַרזיכטיק און פּאַמעלעך געטראָטן, נישט אַרייג־

צופֿאַלן אין אַ לאָך אָדער גרוב. זי מוז טיפֿער אַרײַן אין װאַלד, אַז קײנער זאָל איר נישט זען, װען עס װעט אָנהײבן טאָגן. צוביסלעך האָבן זיך אירע אויגן צוגעװוינט צו דער פֿינצטערניש און זי האָט זיך גענומען גיכער באַװעגן, און אָט איז זי שיער אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ גרוב, װען זי װאָלט זיך נישט אָנגעכאַפּט אין אַ בוים. זי האָט אונטערזוכט דאָס גרוב און דאָרטן באַהאַלטן דעם פֿאַלשירעם, אים צוגעדעקט מיט צװײַגן און אָראָפּגעפֿאַלענע בלעטער. זי איז געבליבן זיצן מיטן רוקן צו אַ בוים. זי איז געװען אויסגעמאַטערט און ס׳איז איר הײס געװען. די קאָרע פֿון בוים איז געװען האַרט װי שטײן. ס׳איז אָבער גוט געװען אַזוי צו זיצן, רוען נאָך די אַלע שעהן פֿון שפּאַנונג. אַ קיל װינטעלע האָט געצערטלט איר הײסן פֿײַכטן שטערן. דער ריח פֿונעם גרינעם װאַלד האָט געקיצלט איר נאָז. זי האָט אים גיריק אַרײַנגעצויגן. זי איז געװען צופֿרידן, דאָס שפּרינגען איז געלונגען, און זי זיצט טיף אין װאַלד, קײנער װעט איר דאָ נישט געפֿינען. זי האָט זיך געפֿילט אַזוי לײַכט, װי זי װאָלט שוין געהאַט אַלץ דערגרײכט און זי איז שוין בײַם ציל. איר האַרץ האָט נאָך אָבער שטאַרק געקלאַפּט. זי האָט געקענט צײלן װיפֿל עס שלאָגט. דאָס איז מסתמא, װײַל עס איז אַזוי שטיל, האָט זי געטראַכט. אוי, װי שטיל דאָ איז! נישט דער מינדסטער קלאַנג. קײן זאַך רירט זיך נישט. דער װאַלד שלאָפֿט. יעדער פֿויגל האָט זיך זײַן נעסט, און יעדעס װערעמל זײַן גריבל אין דר׳ערד. אין עמק זענען די נעכט אויך אַזעלכע שטילע. דער שומר גײט אַרום און היט, דער ליכטװאָרפֿער װעט שוין אויפֿכאַפּן יעדן, װאָס װעט זיך פּרוּװן צוגנבֿענען צום דאָרף. נעכטן איז זי נאָך געװען אין עמק. „שלאָף, דו שײנער טאָלי!״ — האָט זיך אַ פּערז געשטופּט אין איר מוח. זי האָט נישט װילנדיק אין געדאַנק געזונגען דעם ניגון, די לאַנגע פֿאַרחלומטע טענער, פֿאַרחלומטע װי די נעכט אין אַרץ.

װוּ קען איצט זײַן משה? די לעצטע װאָך איז ער געװען אין איטאַליע. װאָס פֿאַראַ באַגײסטערטע בריװ ער האָט געשריבן! װעגן די נצחונות פֿון דער אַרמײ, װעגן זײַנע באַגעגענישן מיט די באַפֿרײַטע ייִדן. װען ער קומט אַרײַן אין אַ דעראָבערטער שטאָט, לויפֿט ער אַרום איבער די גאַסן און געסלעך און שרײַט: „יהודים, יהודים!״ און זײ דערקענען אים באַלד. נישט װײַל ער רופֿט „יהודים!״, נאָר אין זײַן קול דערקענען זײ אַז עס

איז אַ ייִד, אַ ברודער, וואָס רופט. זי וועט אויך אויפזוכן ייִדן. זי וועט אָבער נישט קענען רופן און שרייען. אוי, ווען זי וואָלט געקענט הויך שרייען, זיי פֿאַלן אויפן האַלדז און וויינען און וויינען! אָבער דאָס וועט זי נישט קענען. נאָר ווען זי וועט זען אַ ייִד, וועט זי שטיל פֿאַרבייגיין און זאָגן: „ר׳ ייִדי!״ און ער וועט שוין זען, אַז עס איז אַ ייִדישע טאָכטער. זי מוז אָבער צוערשט געפֿינען איר טאַטן און מאַמען, שוועסטער און ברודער. נאָכדעם וועלן זיי שוין געפֿינען אַ וועג ווי צוצוקומען צו די אַנדערע ייִדן. אויב זיי זענען נאָך דאָ — יאָ, זיי זענען נאָך דאָ! און זי וועט זיי זיכער געפֿינען. אויב זי איז אַראָפּגעקומען אויפֿן ריכטיקן אָרט, קען זי שוין באַלד אינדערפֿרי זיין אין שטעטל. ווען זי וואָלט געקענט אַביסל שלאָפֿן, נאָר אַ קליין ביסעלע! אָבער אַליין, אין אַ פֿינצטערן וואַלד! — מלכהלע, וואָס זאָגסטו! — האָט זי זיך פֿאַרגעוואָרפֿן — דו וועסט נאָך זיכער אַ סך מאָל מוזן שלאָפֿן אַליין אין אַ פֿינצטערן וואַלד! הער אויף צו טראַכטן, פֿאַרמאַך די אויגן און שלאָף! — זי האָט צוגעמאַכט די אויגן, איינשלאָפֿן האָט זי אָבער נישט געקענט. זי האָט ווייטער געקלערט וועגן משהס בריוו. „מלכהלע, מיין מלכהלע, כ׳וועל באַלד אַהיימקומען״. די ווערטער האָבן געזונגען אין איר בלוט, אַ גליקלעכער שמייכל האָט אויפֿגעלויכטן אינעם פֿינצטערן וואַלד.

„ווי ווייט איז עס שוין אין דער נאַכט?״. זי האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען צי עס איז אַ פּערק פֿון אַ ליד אָדער עס שטייט ערגעץ אין תנ״ך. אין אָרץ איז שוין איצט אוודאי ליכטיק. אין עמק שטייט מען שוין באַלד אויף צו דער אַרבעט, מען גייט אַרויס אין פֿעלד. אָט, אַזוי באַלד אינדערפֿרי, ווען עס הייבט נאָר אָן צו טאָגן, וויל מען תמיד גערן כאָטש נאָך אַ ביסעלע שלאָפֿן! זי ליגט ביי דער זייט פֿון משהן, הערט זיין רויִקן אָטעם, פֿילט זיין שטאַרקן, באַשיצנדיקן אָרעם אַרום זיך. זי פֿילט זיך דעמאָלט אַזוי גוט, אַזוי זיכער. אַ זיסע, גליקלעכע וואָרעמקייט האָט געשטראָמט אין איר מידן גוף, די אויגנדעקלעך זענען שווער געוואָרן. האָבן זיך איינציקוויז אַראָפּגעלאָזט. — זי איז איינגעשלאָפֿן.

זי איז געשלאָפֿן רויִק און אָן זאָרג. זי איז געלעגן אין משהס אָרעמס. ער האָט איר אַזוי ווייך, אַזוי צערטלעך געוויגט. יאָ, אַזוי האָט זי עס ליב! זי פֿילט נישט, אַז זי ליגט אויף אַ געלעגער, זי פֿילט נאָר משהס אָרעמס,

זײַנע פֿינגער גלעטן איר נאַקעטן רוקן. זי קען נישט שלאָפֿן, װען זי פֿילט נישט אויף זיך די דאָזיקע צערטלעכע פֿינגער. אָבער משה האָט זיך פֿון איר אָװעקגעדרייט. זי זעט אים נישט, נאָר דער אָרעם איז געבליבן, און ער האַלט איר פֿעסט אַרומגענומען. דער אָרעם הייבט זיך איצט אויף און זיי שװעבן העכער און העכער אַרויף... און, איצט איז דער אָרעם אויך פֿאַרשװוּנדן, און זי פֿאַלט און פֿאַלט...! זי װיל זיך אין עפּעס אָנכאַפּן, אָבער אַרום איז גאָר נישט פֿאַראַן. זי קען אויך נישט שרייען, די צונג איז איר צוגעקלעפּט צום גומען. אָבער זי האָט שוין אויפֿגעהערט צו פֿאַלן. זי שטייט אויף דער ערד. ס׳איז איר שטעטל. דאָרטן איז דער מאַרק. אוי, װאָסער המון מיט מענטשן... זיי זענען אַזוי פֿריילעך... זי װעט צוגיין, זען װאָס זיי זענען אַזוי פֿריילעך... אָט זעט זי עס! אויף אַ שטאַנג, װאָס ליגט אויף צװיי סלופּעס באַלאַנסירט אַ מענטש. דער מענטש קען נישט גיין אויף דער שטאַנג. ער װעט אַראָפּפֿאַלן און געהרגעט װערן. ער כאַפּט זיך אָן אין איינעם פֿון די סלופּעס. אָבער דאָרט שטיין מען מיט אייזנס און שטעקנס, און ער מוז װײַטער באַלאַנסירן. אָבער ער קען שוין נישט מער. ער װעט באַלד אַראָפּפֿאַלן! זי שטופּט זיך דורכן המון, זי װיל זען װער דער מענטש איז — יאָ, ס׳איז אַ ייִד! ער איז אָן אַ היטל און דעקט צו מיט דער האַנט דעם קאָפּ. זי שטופּט זיך נענטער צו — ס׳איז איר טאַטע! זײַן פּנים איז פֿאַרבלוטיקט. „טאַטע!״ — שרייט זי — „איך קום, איך קום! האַלט אויס טאַטע, איך בין אַהיימגעקומען דיר צו העלפֿן!״. דער פֿאָטער האָט דערקענט איר קול, אויסגעדרייט צו איר דעם קאָפּ און איז אַראָפּגעפֿאַלן!...

זי איז אויפֿגעקומען. ס׳האָט געגרויט. איבערן װאַלד איז געלעגן אַ דינער נעפּל. פֿייגעלעך, װי אײַנגעטונקט אין זילבער, זענען אומבאַװעגלעך געזעסן אויף די צװײַגן, װי זיי װאָלטן געװען טויטע. די שטילקייט פֿון דער נאַכט איז געלעגן איבערן װאַלד, זי האָט אים נישט געװאָלט אַרויסלאָזן פֿון אירע פֿינצטערע אָרעמס. נאָר פּאַמעלעך, טריט בײַ טריט, האָט זי זיך צוריקגעצויגן צו איר געהיים מיסטישע באַהעלטעניש און דער װאַלד האָט גענומען אויפֿװאַכן, די פֿייגעלעך האָבן זיך אָנגעהויבן צו רירן, שפּרינגען פֿון צװײַג צו צװײַג. די שנעבעלעך האָבן זיך געעפֿנט: „טשיריק, טשיריק״ — האָט עס געיובלט איבער מלכהלעס קאָפּ. זיי האָבן אויפֿגעבלאָזן די פֿע־דערלעך: „טשיריק, טשיריק!״; אַ רויט װעװיערקעלע האָט אויף איר אַראָפּ־

געקוקט מיט די ברוינע פינקלדיקע אייגעלעך, לוסטיק געקלאַפּט מיט אַ פּיסל אויפן צווייגל, דאָס פּענזלדיקע עקל איז שטייף ווי אַ בויגן געשטאַנען אין דער לופט; אַ לאַנגער פויגלטרילער האָט זיך געקייקלט איבערן וואַלד, זיך אָנגעשלאָגן אין די צווייגן, פאַרלוירן ליכטיקע קוגעלעך אין די נאָך שלאָפנדיקע קושאַקעס.

דאָרטן, פון וואַנען דער פויגלטרילער איז געקומען זענען די ביימער־שפּיצן געשטאַנען איז אין פייער. אַ מאַטער שיין האָט אַראָפּדערגרייכט צו מלכהלען. זי האָט זיך אויפגעשטעלט. ס׳האָט איר געשווינדלט אין קאָפּ פונעם מיאוסן חלום, פון דעם פייגל־געזאַנג און דער אויפגייענדיקער זון. זי האָט זיך געשראָקן פאַרן אָנקומענדיקן טאָג. ס׳האָט איר אויסגעזען, אַז עס וואָלט שוין בעסער געווען, ווען די נאַכט וואָלט אייביק אָנגעהאַלטן, און זי וואָלט שוין שטענדיק דאָ געבליבן זיצן אָנגעלענט אין בוים. פון גרוב האָבן ווייסע פלעקן פון פאַלשירעם צו איר אַרויפגעקוקט, און ס׳איז איר מיטאַמאָל אַלצדינג קלאָר געוואָרן. ז׳ האָט אים פאַרדעקט מיט מער בלע־טער און צווייגן.

זי איז שוין געווען אין גאַנצן וואַך. זי האָט זיך אַרומגעקוקט. ס׳איז אין ערגעץ נישט געווען קיין וועג אָדער שטעג, נאָר ביימער און ביימער, געדיכט, איינער ביים צווייטן. זי האָט זיך געזוכט צו דערמאָנען פון וועל־כער זייט זי איז ביינאַכט אַריינגעקומען. אַלץ האָט אָבער איצט אַנדערש אויסגעזען, און ריכטיק אַרומגעקוקט האָט זי זיך דאָך נישט. זי האָט נאָר געהאַט איין געדאַנק, וואָס גיכער, וואָס טיפער אַריינצוקומען אין וואַלד. זי מוז אָבער זען אַרויסצוקומען. זי האָט זיך דערמאָנט דעם חבר כענקינס ווערטער: דער בלינדער צופאַל! און טאַקע, ווען זי איז אַ ביסל געגאַנגען, איז פאַר איר כסדר געוואָרן ליכטיקער, די ביימער שיטערער. יאָ, זי גייט ריכטיק! דער קאָפּ האָט איר אָבער ווײ־געטאָן. זי האָט נאָך כסדר געזען פאַר זיך דעם פאָטערס צעבלוטיקט פּנים, זיין באַלאַנסירן אויף דער שטאַנג, און ווי דער המון האָט זיך געפרייט איבער זיין טויט־אַנגסט. — זאָל דאָס זיין אַ שלעכטער סימן? נאַרישקייטן! וואָס אַ חלום קען צוזאַמענמישן! דער חלום האָט איר אָבער געהאַלטן אין זיין געוואַלד, דער שכל זאָגט איר: נאַ־רישקייטן! אָבער איר האַרץ איז פאַרקלעמט. זי איז בייז געוואָרן אויף זיך

אַליין, װאָס זי באַשעפּטיקט זיך אַזױפיל מיט אַ חלום. ס׳װאָלט געפּאַסט פאַר דער מומע עטל, װאָס מען האָט איר תמיד געמוזט פּותר־חלום זײַן!

ס׳איז אַזױ װי פּלוצים ליכטיק געװאָרן. זי איז געשטאַנען מיט גרױסע אױפגעשפּילעטע אױגן: אַלץ אַרום האָט זי אַזױ גוט געקענט: די שטשעזש־קע, װאָס האָט זיך געשלענגלט אַרום טײַכל, דער ברױן־זאַמדיקער שליאַך, די דרײַ כאַטעס — צװײ קלײנע און די גרױסע אײנמיטן, די גרױסע מיט דער רױטער טיר — קאָרניצקיס הײזל! און דער װאַלד — דער װיגאָשטשער װאַלד! אױ, װיפל מאָל זי איז שױן געװען אין דעם װאַלד, אױף אַלע די דאָזיקע ערטער, אױף אױספלוגן און צום זײדן, לײזער שװיגער! זי האָט אים איצט לעבעדיק געזען פאַר זיך: אַן אַלט קלײן ייִדעלע מיט אַ גרױסער קאַלטענעװאַטער באָרד און אַ הױכער פּלײצע, װי עס װאָלט געלעגן אַ פּעקל אונטערן כאַלאַט. נאָך דער באָבעס טױט איז ער געװען אַזױ אײנזאַם און האָט זיך געפרײט, װען זי איז געקומען אים באַזוכן. „עס, מײַן קינד, עס! ביסט געקומען זען דעם זײדן. פײַן. ער האָט איר געברענגט פרישע קעז־לעך און מילך, גלײַך פון דער קו אַװעק. יאָ, איצט װײסט זי װוּ זי איז. ס׳איז נאָך זיבן־אַכט װיאָרסט צו װיגאָשטש, זי מוז זיך אײַלן, אײדער עס װערט נאָך ריכטיק ליכטיק — און אַ דאָרף־שיקסל מיט אַ לאַנג, גרוי קלײד, הױכע שנור־שיך און אַ רױט־געבלימלט טיכל אױפן קאָפּ, האָט זיך געלאָזן גײן צום שטעטל װיגאָשטש.

זי האָט נאָך נישט געקענט גײן גיך, מלכהלע. אירע פיס זענען נאָך שטײף געװען פונעם קאַלטן װאַלד. אָבער אײנציקװײַז האָבן זײ זיך אױפ־געטײַעט, און זי האָט זיך גענומען באַװעגן שנעלער. די קני האָט נאָך װײ־געטאָן, זי האָט אָבער נישט געהאַט קײן צײַט צו קלערן דערװעגן. אירע געדאַנקען זענען געװען פאַרנומען מיט זיך פאָרשטעלן, װי אַזױ ס׳װעט אױסזען, װען זי װעט פּלוצים, אַזױ אומדערװאַרט, אַרײַנקומען אין שטוב אַרײַן. דער טאַטע װעט זײַן בלאַס װי די װאַנט, װעט נישט קענען אַרױס־ברענגען אַ װאָרט. די מאַמע װעט שטײן און װײנען. און װאָס װעלן זאָגן טוביהלע און יאַנקעלע? זײ זענען נאָך געװען קינדער, װען זי איז אַװעק נאָך ארץ. און זי? זי װעט שטײן און לאַכן: „טאַטעשי, מאַמעשי, כ׳בין גע־קומען אײַך אַװעקנעמען פון דאַנען! כ׳װעל אײַך ברענגען נאָך ארץ־ישׂראל! איר װעט זען משהן; איר װעט זען, װאָס מיר האָבן דאָרטן געמאַכט; איר

וועט זען אונדזערע שטאַלן, אונדזערע קי, זיי זענען שוואַרצע מיט ווייסע פלעקער, מיט גרויסע אײַטערס פול מיט מילך! איר קענט זיך שוין נעמען פּאַקן, מיר פֿאָרן באַלד!״ — אויב זיי זענען נאָך דאָ — איז ווייטער דער מוראדיקער געדאַנק איר געקומען אין קאָפּ אַרײַן. זי האָט אים אַוועקגעיאָגט. ר׳איז אָבער כסדר צוריק געקומען און זיך פֿאַר איר אַוועקגעשטעלט אין זײַן גאַנצער גרויליקייט. „יאָ, זיי זענען נאָך דאָ! האָט זי באַשלאָסן — ס׳האָט זיך זיכער ווער פֿון זיי געראַטעוועט!״. איר פֿאָטער האָט געוווינט אין שטעטל זײַן גאַנץ לעבן; איר זיידע אויך. און ווי זי ווייסט, האָט איר פֿאַמיליע דאָרט געלעבט אַ סך הונדערטער יאָרן. מען האָט זיי גערופֿן „די וויגאָשטשער״. אַלע האָבן געהאַט דרך־ארץ פֿאַר איר זיידן, — ייִדן און גוייִם, — אַלע האָבן געקענט איר טאַטן, געוווּסט ווער ער איז.

פֿויערישע וואָגנס האָבן אָנגעהויבן פֿאַרבײַפֿאָרן. „ס׳מוז זײַן אַ מאַרקטאָג״, האָט זי געקלערט. די פֿויערים זענען שלעפֿעריקע געזעסן אויף די געזעסן, געלאָזן די פֿערד אַליין געפֿינען דעם וועג, און קיינער האָט זיך אויף איר נישט אומגעקוקט. די זון איז איר אַקעגנגעקומען אַ ליכטיקע, אַ שמייכלדיקע. אירע שטראַלן זענען דורכגעדרונגען אירע קליידער, און האָבן אַזוי מחיהדיק געוואַרעמט איר פֿאַרפֿרוירן לײַב. דער קאָפּווייטיק איז געווען פֿאַרשוווּנדן, זי איז איצט געגאַנגען לײַכט און מונטער אויף דעם מאָרגנפֿײַכטן זאַמד־וועג. שוין פֿון גאַנץ ווײַט האָט זי געזען דעם קאָשטשיאָל מיטן גאָלדענעם צלם אויפֿן שפּיץ־טורעם. זיי האָבן געוווינט אינעם געסל דערנעבן. זי האָט געשטעלט גיכע טריט. זי האָט געוואָלט אַלעמען נאָך געפֿינען אינדערהיים.

ס׳איז געווען אַזוי שטיל און אַזוי פֿרידלעך אַרום. די פֿעלדער האָבן זיך געבאָדן אין דער ערשטער מאָרגן־זון. אַ לײַכטע פּאַרע איז אויפֿגעשטיגן פֿון דער אויפֿגעוואַרעמטער, פֿײַכטער ערד און אַרומגעשווומען אין דער קילער מאָרגן־לופֿט. בהמות זענען געשטאַנען אויף דער פּאַשע און געמלהגרהט דאָס דיקע, זאַפֿטיקע גראָז. אַן אָגער האָט אויפֿגעהויבן זײַן שטאָלצן קאָפּ און ארויסגעלאָזן אַ יובלדיקן געהירזש. אַ קו האָט זיך אַרומגעקוקט מיט אירע תמעוואַטע אויגן, ווי זי וואָלט געוואָלט זאָגן אַ דאַנק, וואָס מען האָט איר אַוועקגעשטעלט אין אַזאַ שפּע. אויפֿן בערגל דאָרטן האָבן זיך די פֿליגל פֿון דער אַלטער מיל געדרייט, אַ מאָל גיך, אַ מאָל לאַנגזאַמער, און

אַמאָל זענען זיי גלאַט אַזוי געבליבן שטיין און אַ ביסל זיך אָפּגערוט. אַזוי האָט זי שטענדיק געטאָן, די אַלטע מיל. מלכהלע האָט אַלץ דערקענט, און אַ שטילע בענקשאַפֿט האָט אָנגעפֿילט איר האַרץ. און אויף די פּויערים, וואָס זענען פֿאַרבײַגעפֿאָרן, האָט זי איצט נישט געקענט זען קיין שום בייז. זיי זענען איר איצט ליב געווען. זי האָט זיי געוואָלט צורופֿן אַ „דזשיען דאָבריי!". אין דעם אויגנבליק האָט זי אין גאַנצן געהאַט פֿאַרגעסן, נאָך וואָס זי איז דאָ אַהערגעקומען. ס'האָט איר אויסגעזען, ווי זי גייט אַהיים, ווי אַפֿטמאָל פֿריִער, איידער זי איז אַוועקגעפֿאָרן נאָך ארץ.

אָבער ווען זי איז אַרײַנגעקומען אין שטעטל, אַדורכגעגאַנגען איניקע געסלעך, איז זי שטיין געבליבן. אַלץ האָט אַזוי מוראדיק פֿרעמד אויסגעזען. ס'זענען געווען די זעלבע געסלעך, די זעלבע הייזלעך, אָבער די מענטשן, וואָס זי האָט אָנגעטראָפֿן האָבן געהאַט אַזעלכע אומפֿרײַנטלעכע האַרטע פּנימער, און אַזעלכע בייזע, קאַלטע אויגן. ס'זענען שוין פֿאַר איר פֿאַרבײַגעגאַנגען אַ סך מענטשן, ס'איז אָבער צווישן זיי נישט געווען קיין איין איינציקער ייִד. — בחינם, — האָט זי געטראַכט, — ס'איז בחינם, וואָס איך אײַל מיך אַזוי! כ'וועל שוין סײַ ווי סײַ קיינעם נישט געפֿינען. — בײַ דעם געדאַנק האָט זיך איר האַרץ ווי אָפּגעשטעלט. זי האָט זיך ווײַטער געלאָזן גיין, איז כמעט ווי געלאָפֿן, ווי זי וואָלט געוואָלט אַנטלויפֿן פֿון דעם שרעקלעכן געדאַנק און פֿון דער שנאה וואָס רינגלט איר אַרום. זי האָט זיך ערשט אָפּגעשטעלט, ווען זי איז צוגעקומען צו זייער הויז. ס'איז געווען דאָס זעלביקע הויז, דאָס זעלביקע פֿאָדערהייזל, די זעלביקע גרויע פֿאַרב. נאָר אין די פֿענצטער זענען געשטאַנען בלומען־טעפּלעך, און די גאַרדינען האָט זי נישט געקענט. ס'זענען געווען אַנדערע, פֿרעמדע פֿענצטער! די טיר פֿון פֿאָדערהייזל האָט זיך געעפֿנט, מען איז שוין געווען אויפֿגעשטאַנען דרינען. ס'איז איר קלאָר געוואָרן, אַז זי האָט שוין געמוזט דאָרטן שטיין זייער לאַנג. די טיר פֿון שטוב האָט זיך איצט געעפֿנט און זי האָט זיך דערווײַטערט פֿון הויז.

אַ מאַן איז אַרויסגעקומען, אַ פֿרעמדער מאַן. ער האָט געהאַלטן ס'היטל אין האַנט, עס ערשט אָנגעטאָן, ווען ער איז שוין געווען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג. אַ שײַגעצל אין בלויזן העמדל, האָט זיך געוויזן אין דער טיר פֿון פֿאָדערהייזל. „טאַטושיו!" — האָט ער געשריגן. דער מאַן האָט זיך

אויסגעדרייט, אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ און ווייטער געגאַנגען. מלכהלע האָט געוואָלט נאָכלויפן אים פרעגן, אויב ער ווייסט נישט, ווו עס איז אַהינגעקומען אַבראַמאָוויטש, דער ייִד הירשקע, וואָס האָט דאָ געוווינט, אין דעם הויז. זיין מאָרגנזויער פּנים און די בייזע אַראָפּהענגנדיקע וואָנצן האָבן איר צוריקגעהאַלטן. אַ גאַנץ פרעמדער מענטש, ער איז אַפילו נישט פון אונדזער שטאָט. כ'האָב אים קיינמאָל נישט געזען. וואָס וויל ער דאָ און ווי קומט ער צו וווינען אין אונדזער הויז, אין זיידנס הויז און ווו... זי שטייט שוין ווייטער. ס'קען נאָך ווער אַרויסקומען און פרעגן וואָס זי וויל.

אין דער רגע האָט זי נישט געהאַט קיין צוטרוי צו איר כוח. איר פּנים וואָלט איר פאַרמסרט. זי וואָלט איצט נישט געקענט פאַרטראָגן, ווען עס זאָל ווער רעדן צו איר אָדער עפּעס פרעגן. ווען זי וואָלט זיך געקענט ערגעץ באַהאַלטן און זיך אויסוויינען! ווען זי האָט זיך געמאָלדן האָט זי פאַרשטייט זיך געקלערט, וועגן אַלע געפאַרן פאַר וועלכע זי וועט שטיין. אָבער אַלץ האָט איר אויסגעזען ווי גאָר נישט קעגן דעם איינעם, אַז זי וועט געפינען אירע עלטערן, אירע ברידער. אַוודאי האָט זי געוווסט, אַז די אויסזיכטן זיינע קליינע. אָבער סיי ווי! אפשר איז דאָך נישט אַלץ אַזוי שרעקלעך, אַזוי גרויזאַם, ווי מען האָט געהערט. אָבער איצט, ווען זי שטייט ביי איר טאַטנס הויז און זעט, אַז עס איז באַוווינט פון פרעמדע, וואָס האָבן אַלץ צוגערויבט און אפשר אויך זיי אומגעבערענגט... ס'האָט איר אויסגעזען, ווי עס איז פינצטער אַרום איר, ווי ביינאַכט אין וואַלד. זי האָט זיך געלאָזן אַרויסגיין פון געסל, שלעפּנדיק, איינגעבויגן, ווי זי וואָלט אויף זיך געטראָגן אַ גרויסע משא. זי האָט זיך אומגעקוקט נאָכאַמאָל צו זען די פענצטער: אַ פרוי, אַ פרעמדע פדוי האָט אַוועקגעצויגן די גאַרדינען.

זי איז בייז געוואָרן אויף זיך אַליין, זיך פאָרגעוואָרפן, אַז זי איז נישט דערוואַקסן צו דער סיטואַציע, האָט פאַרגעסן, וואָס ס'איז אָפּגערעדט געוואָרן: זיך נישט לאָזן פירן פון האַרץ, זיך פון קיין זאַך נישט לאָזן איבערוועלטיקן, נאָר דאָס איינע געדענקען: אויפזוכן ייִדן, זיי טרייסטן, זיי אויפמונטערן און זיי דערציילן, אַז זייערע ברידער אין דער וועלטליידן מיט זייערע ליידן, קלערן שטענדיק וועגן זיי, זוכן וועגן ווי אַזוי זיי צוהילף צו קומען. זי דאַרף ברענגען די בשורה וועגן זייער באַלדיקער באַפרייאונג און נישט

אַרומגײין און זוכן קרובים. זי האָט זיך אױסגעגלײכט און איז אַרױס אױפן מאַרק.

ס׳האָבן זיך שױן דאָרטן געפֿונען אַ טײל פּױערשע װאָגנס און מענטשן. זײ זענען אַרומגעגאַנגען פּױלע, װי נײגעריקע צושױער. זי האָט געזוכט אונטער די גױיִשע קלײדער אַ ייִדיש פּנים. אַזאַ איז נישט געװען. זי האָט דאָך געקענט אַלע ייִדן פֿון שטעטל און װאָלט זײ דערקענט אונטער װעלכער הלבשה זײ זאָלן זיך נישט האָבן באַהאַלטן. זי האָט זיך דערמאָנט די מאַרק־טעג פֿון אַמאָל. ס׳האָט געװימלט מיט ייִדן. זײ זענען אַרומגעלאָפֿן װי בינען אין אַ בינשטאָק, פֿון װאָגן צו װאָגן, געטאַפּט די סחורות, געפֿרעגט אױפֿן פּרײַז: „אױטשיעץ, מאַטקאַ, װיעלע״... זיך געדינגען װעגן פּרײַז, צוגעקלאַפּט מיט דער האַנט, באַצאָלט און אַװעקגעשלעפּט אַ זעקל תּבֿואה, אַ פּעלעכל, אַ קױש אײער. בײַ די ייִדישע בודן זענען געשטאַנען פּױערים, אײַנגעעקשנט אַראָפּגעדריקט דעם פּרײַז. און לײזן האָט מען דאָך געװאָלט. געװען צופּיל בײדלעך, צוריק אַהײמשלעפּן די סחורות האָט זיך קײנעם נישט געװאָלט, איז שװערע האַרעװאַניע פּאַרקױפֿט געװאָרן צו שפּאָט־ביליקע פּרײַזן, מיט גראָשנס פּאַרדינסט. אַזױ איז עס געגאַנגען הונדערטער יאָרן, דור נאָך דור. ייִדן האָבן געלעבט אין נױט און אין צרות — אָבער געלעבט... און װער האָט זיך געקענט פֿאָרשטעלן אַ מאַרק אָן ייִדן? איצט איז דאָ נישט פֿאַראַן קײן אײנציקער ייִד, און װער װײסט, אױב ס׳געדענקט נאָך װער, אַז עס זענען אַמאָל דאָ געװען אַזעלכע...

זי האָט זיך דערנעענטערט צום ברונעם. אַ פֿרױ האָט אַרױפֿגעצױגן װאַסער. זי האָט זיך דערמאָנט, װי זי פֿלעגט העלפֿן איר מאַמע. זי האָט אַזױ ליב געהאַט צו זיצן בײַ דער שנור און זען, װי דער עמער קומט העכער און העכער אַרױף, ביז מען האָט אים געקענט אָנכאַפּן מיט דער האַנט. זי האָט געהאַט אַזאַ חשק צו העלפֿן דער פֿרױ, און זי איז נעענטער צוגעגאַנגען. „יאַדװיגאַ!״, האָט זי שיער אַ געשרײ געטאָן. דאָס איז געװען יאַדװיגאַ, װאָס איז צו זײ אַרײַנגעקומען, געהאָלפֿן דער מוטער אין שטוב. איצט קען זי געװאָר װערן, װו אירע עלטערן זענען. זי מוז איר פֿרעגן, זי מוז מיט איר רעדן. יאַדװיגאַ װײס זיכער אַלץ! זי האָט זיך אָבער באַלד מיישב געװען: נײן, זי טאָר נישט, זי מוז זײַן פֿאָרזיכטיק! זי טאָר נישט פֿרעגן אַ גױ, און נאָכדערצו אַזאַ װאָס קען איר. זי האָט זיך מיט כּוחות אײַנגע־

האַלטן נישט צוצולויפן צו יאַדוויגאַן, אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט איר לייב.

יאַדוויגאַ האָט דערווייל אָנגעפילט אירע קאַנען און איז אַוועק. מלכהלע האָט איר נאָכגעקוקט ביז זי איז פאַרשוואונדן אין איינע פון די געסלעך ביים מאַרק. זי האָט באַשלאָסן דערווייל זיך צו האַלטן ביים ברונעם. עמיץ פון די ייִדן מוז דאָך קומען נאָך וואַסער, ווו זיי זאָלן נישט זיין . זיי קענען דאָך נישט אַלע זיין פאַרשוואונדן. זי איז איצט געוועז צופרידן, וואָס זי האָט זיך נישט געגעבן צו דערקענען פאַר יאַדוויגאַן. זי איז געוועז אַ בייזע גויע. זי איז שטענדיק אָרומגעגאַנגען און געבורטשעט. די קינדער האָבן פאַר איר מורא געהאַט. זי פלעגט אָבער זאָגן, אַז זי איז ניט אַזוי שלעכט ווי זי זעט אויס.

איר בליק איז געפאַלן אויפן קאַשטשיאָל מיט דעם געקרייציקטן יע־זוס. זי האָט שוין נישט מער מורא געהאַט צו קוקן אויפן קאָשטשיאָל. זי האָט זיך דערמאָנט, ווי ייִדן האָבן זיך פאַר אים געשראָקן, פאַר זיין געוואַל־טיקער גרייס, מיט די טורעם־שפיצן גלייך אין הימל אַריין. זיי האָבן גע־פילט אַ פּחד פאַר אים. זענען תמיד אַריבער אויפן אַנדערן טראָטואַר. זי האָט איצט גלייך געקוקט אויפן געקרייציקטן יעזוס. דאָס האָט זי פריִער קיינמאָל נישט געטאָן. ס'איז איר איינגעפאַלן, אַז ווען דער פעטער לייב, וואָלט זיך אָנגעטאָן אַזאַ דערנער־קראַנץ אויפן קאָפּ, וואָלט ער אַקוראַט אויסגעזען, ווי דער יעזוס דאָ, אויף דער קאָשטשיאָל־מויער. ער האָט דעם זעלבן ליידנדן בליק, דאָס זעלבע מאָגערע פאַרפייניקטע פּנים.

אין ארץ־ישראל איז דער ווידערווילן, פּונקט ווי אַנדערע ייִדנס, געווען ביי איר פאַרשוואונדן. דאָרטן האָט זי פאַרגעסן דאָס בייז, וואָס מען האָט ייִדן אין זיין נאָמען אָנגעטאָן, ווען זי איז אַזוי געשטאַנען און באַ־טראַכט זיין פּנים, האָט זי אין אים געזען, נאָר אַן אָרעמען, פאַרפייניקטן ייִד. זי האָט שטיל צו אים גערעדט:

„דו, אַזוי ווי מיר אַנדערע, זענען דאָ געווען אין דעם דאָזיקן לאַנד שוין אַזוי פיל הונדערטער יאָרן, און דו ביסט, ווי מיר אַלע אַנדערע, אַ פרעמדער דאָ. דיין געבעט צו ליב צו האָבן פאַרשטייען זיי נישט. דיינע מילדע, באַרעמהאַרציקע ווערטער האָבן צו זייער האַרץ נישט דערגרייכט. דו ביסט בחינם געגאַנגען אויף דער גאָלגאָטאַ. זייער האַס איז שטאַרקער ווי דיין

ליבע. זיי האָבן דיך פּיינט פּונקט אַזוי ווי אונדז. זיי מוזן אָבער האָבן צו וועמען צו שיקן זייערע תּפילות, זייערע פאַלשע תּפילות! אונדז האָבן זיי געפּייניקט אין דיין נאָמען, און דיך און דיין לערע האָבן זיי באַשמוצט און באַשפּאָט. ישו, דיין מיסיע אין דער וועלט איז נישט געלונגען, קער דיך אום אַהיים, קום צוריק, זיי אַ ייִד צווישן ייִדן!".

אַ פּרוי איז געקומען צום ברונעם נעמען וואַסער. זי האָט געטראָגן אַ טיכל אויפן קאָפּ. מלכהלע איז נעענטער צוגעגאַנגען: ביין זי איז נישט קיין ייִדישע. זי איז נאָך דאָרטן לאַנג אַרומגעגאַנגען, געקוקט אויף יעדן, וואָס איז געקומען אויפן מאַרק, אָדער צום ברונעם נעמען וואַסער. קיינער פון זיי איז נישט געווען קיין ייִד.

„וואָס גיי איך דאָ אַרום" — האָט זי אומעטיק געזאָגט. „זיי ליגן ער־געץ באַהאַלטן, זיי וואַגן נישט אַרויסצוקומען. כ'וועל זיי אויפזוכן. זיי קענען דאָך נישט אַלע זיין פאַרשוווּנדן!".

זי האָט אין זכרון אויפגעזוכט פאַרשידענע נעמען און געקלערט צו וועמען זי זאָל צוערשט גיין. פריִער האָבן אין יעדן הויז געוווינט ייִדן, און איצט — איצט איז זי אפשר איינע אַליין אין שטעטל... זי האָט נישט גע־פילט קיין פּחד, נאָר אַ נאַגנדיקע ליידיקייט ביים האַרץ. אַ טיפע איינזאַמ־קייט האָט איר אַרומגענומען, ווי זי וואָלט געשטאַנען אין אַן אומענדלעכן מדבר. יאָ, האָט זי געטראַכט, ס'געפינען זיך דאָ מענטשן, זיי זענען אָבער פרעמדע, שונאים, וואָס ווילן איר שלעכטס טאָן, זי קען נישט רעדן צו זיי, קען זיי גאָר נישט דערציילן. זיי וועלן, זיי וועלן זיך פרייען איבער איר לייד, חוזק מאַכן פון איר געוויין. זי האָט ווייטער געדענקט דעם חלום פון ביינאַכט אין וואַלד. זי האָט געזען פאַר זיך איר טאַטן מיט אַן אַנטבלויזטן קאָפּ און אַ פאַרבלוטיקט פּנים. זי האָט זיך אַרומגעקוקט צו די סלופּעס מיט דער שטאַנג אויב זיי שטייען נאָך דאָרט ערגעץ...

זי וועט אָנהייבן מיט ייִדל קרעטשמער. ער וווינט נישט ווייט פון מאַרק. איר בליק איז געפאַלן אויף זייער געסל, זי האָט גיך אָוועקגעדרייט דעם קאָפּ.

ביי ייִדל קרעטשמער זענען שטענדיק געווען אַ סך מענטשן, באַזונ־דערס אין אַ מאַרק־טאָג. זי האָט זיך דערמאָנט זיין קליינטשיק ווייבעלע, וואָס איז גאָר אַן מורא אומגעגאַנגען מיט די גרויסע, שווערע פּויערים.

האָט זיך ווער פון זיי אָנגעטרונקען און גענומען מאַכן סקאַנדאַלן, האָט זי אים אָנגענומען ביים אַרבל און אים אַרויסגעפירט אויפן גאַס. דער גרויסער פויער האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט דעם דאָזיקן קליינעם ווייבעלע. „זשידוווקאַ, פשאַקרעוו!" האָט ער געמורמלט און זיך געקראַצט אין נאַקן.

אין אַזאַ טאָג האָבן ייִדן געציטערט פאַרבייציוגיין די שענק. זיי האָבן נישט געקענט פאַרשטיין, ווי דער דאָזיקער ייִדל און זיין קליין ווייבעלע קענען דאָ אויסהאַלטן. מען האָט גערעדט, אַז אין אַ שיינעם טאָג וועלן זיך די פויערים צעווילדעווען און וועלן אים דערהרגענען, אויך זיין ווייב און, חלילה, די קינדער. ייִדל און זיין ווייב מוזן אויך עפּעס האָבן געהאַט דעם זעלבן געפיל. ווארעם אין אַ מאַרק־טאָג האָבן זיי די קינדער געהאַלטן פאַרשלאָסן אין שטוב, און איינער פון זיי איז שטענדיק אויסגעקומען ביי דער טיר...

די טירן פון דער שענק זענען געשטאַנען אָפן. ביי דער טאַשעוואַניע איז געזעסן אַ מענטש מיט אַ פּיפּקע אין מויל. אַ פרוי האָט אויסגעווישט גלעזער. קיין קונים זענען נאָך נישט געווען. אויף די שילדן איז געשטאַנען מיט גרויסע שוואַרצע בוכשטאַבן: „אַ פּוילישע שענק". מלכהלע האָט געקלערט: „די דאָזיקע שענק האָט מען נאָך ייִדלען צוגענומען איידער די דייטשן זענען געקומען אין לאַנד אַריין אַריין. דער נאָמען האָט געדאַרפט דערציילן, אַז די שענק איז שוין אַ ריין פּוילישע, דער ייִד איז אַרויסגעשטופּט".

זי איז אַריינגעגאַנגען אין צווייטן געסל, צו פּיוולס אכסניה, זי האָט שוין פון וויטנס געזען, אַז די לאָדנס זענען פאַרמאַכט. די טיר איז געווען פאַרהאַקט מיט ברעטער, די שפּאַרעס זענען געווען פול מיט שפּינוועבס און שטויב.

זי האָט זיך געלאָזן גיין צו גדליה מירלס. ביי אים האָבן זיך געזאַמלט בחורים און מיידלעך. זיי האָבן דיסקוטירט, איינגעוואָרפן און אויפגעשטעלט וועלטן. זיי זענען געווען אָרעמע, אָבער רייך אין חלומות וועגן אַ וועלט, ווו די מענטשן וועלן זיין גליקלעכע, פריילעכע און אויך ייִדן וועלן זיין גליקלעכע אין זייער אייגן לאַנד, נישט יעדער אונטער זיין פייגנבוים און

װײַנשטאָק, נאָר אַלע צוזאַמען אין אַ געמײנשאַפטלעכער געזעלשאַפט, דאָס האָט זײ לײַכטער געמאַכט צו טראָגן זײער שװערן גורל.

גדליה פּלעגט שטענדיק זינגען, און אַלץ מיט אַ גמרא־ניגון. זײַן מאַמע, מירל די הינער־הענדלערין, די אלמנה, האָט אים געװאָלט מאַכן פֿאַר אַ ישיבה־בחור, זענען ייִדן אָרעם געװאָרן און אױפֿגעהערט צו קױפֿן הינער, האָט זיך גדליה אױסגעלערנט מאַכן זאָקן. פֿון דער גמרא איז אים נאָר געבליבן דער ניגון. דער דאָזיקער אומעטיקער ניגון. און דאָס זשומען פֿונעם קלײנעם זאָקנמאַשינדל האָט זיך שטענדיק געהערט אין געסל.

ס׳פֿענצטער איז געװען אָפֿן. אַ שיקסעלע איז געשטאַנען און אַרױס־געקוקט. אַזױ פּלעגט אױך שטײן גדליהס חנהלע. איר רונדיק פּנימל האָט געשטראַלט פֿון פֿרײד, װען זי האָט געזען װעמען פֿון די חברים קומען. פֿון דערװײַטנס האָט מען שױן געהערט איר קלינגענדיק קולכל, װען זי האָט אין שטוב מיטגעטײלט װער עס גײט! מלכהלע האָט געװאָלט פֿאַרבײַ־גײן אָן זיך אָפּצושטעלן. זי האָט אָבער פּלוצים געפֿילט אַזאַ געװאַלטיקן באַדאַרף נאָכאַמאָל צו זען די דאָזיקע שטוב, אַז זי האָט זיך אומגעקערט צום פֿענצטער. דאָס קאָמאָדעלע מיט די זילבערשטרײַפֿן איז געשטאַנען אױפֿן זעלבן אָרט און בײַ דער זעלבער װאַנט, װי אַמאָל. דער גרױסער אָװאַלער שפּיגל איז געהאַנגען אױפֿן זעלביקן אָרט װי אַמאָל. אַ פֿרױ האָט געגראַבלט בײַם אײװעלע. ס׳קינד האָט זיך מיט שרעק צוריקגעצױגן פֿון פֿענצטער. די פֿרױ איז צוגעקומען און געפֿרעגט װאָס עס איז. „די האָט דאָ אַרײַנגעקוקט אין אונדזער שטוב!‟ — האָט דאָס קינד אָנגעװיזן אױף מלכהלען, װאָס איז געבליבן שטײן צו זען, װער עס איז די פֿרױ. די פֿרױ האָט געהאַט מילדע גרױע אױגן, אָבער װען זי האָט דערזען מלכהלען האָט זי אַראָפּגעכאַפּט דאָס קינד פֿון שטול און גיך פֿאַרהאַקט דאָס פֿענצטער. „עפּעס אַ משוגענע!‟ האָט זי געזאָגט, און זיך טיפֿער אַרײַנגעצױגן אין שטוב, שלעפּנדיק דאָס קינד נאָך זיך.

מלכהלע האָט זיך װײַטער געלאָזט גײן. זי האָט געטראַכט װעגן גדליהס אָװאַלן שפּיגל, װאָס הענגט נאָך אױפֿן זעלבן אָרט, אױף דער זעל־ביקער װאַנט. זי האָט פֿאַר זיך געזען די מײדלעך, אַ שפּעטע אָװנט־שעה, װי זײ זענען געשטאַנען בײַם שפּיגל און פֿאַרקעמט זײערע האָר צום אַהײמ־גײן. ברײַנדל, װאָס האָט געקענט אַלעמען נאָכמאַכן, איז געשטאַנען די

לעצטע פון הינטן. זיי האָבן געזען אין שפּיגל איר אָפּלאַכנדיק פּנים. זי האָט כסדר געביטן דעם אויסזען. אַמאָל האָט עס געהאַט כאַנטשעס פאַרחלומט־קייט און אַמאָל דבורהס ערנסט, טראַגישע שטריכן, און אַמאָל איר, מלכה־לעס אַ ביסל אַרויפקוקנדיק נעזל. ברײַנדל האָט אַפילו געקענט נאָכמאַכן, ווי אַזוי אברהם שטייט מיט אַן אָפן מויל אין גאַנצן אַ באַנומענער, ווען ער קוקט אויף כאַנטשען; ער וויל עפּעס זאָגן, נאָר ער קען נישט. ס׳איז געווען אַ גאַנץ טעאַטער! מען האָט זיך געקענט טויט־לאַכן! די דינע כאַנטשע האָט טאָקע אַזוי וווּנדערלעך געטאַנצט, אַזוי לייכט, אַזוי בייגיק. אירע פיס האָבן קוים באַרירט די ערד. ווי אַ פויגל האָט זי אַרומגעשוועבט אין שטוב, אָט־אָט וועט זי זיך אויפהייבן און אַוועקפליען! אַלע האָבן זיי געוואָלט אַוועק, פון דער איינגעקלעמטקייט, פון דער ענגשאַפט, פון דער אייביקער נויט און אייביקער געפאַר. זיי זענען געווען ווי מייז אין אַ לאַפּקע, וואָס קען יעדן אויגנבליק אונטערגעצונדן ווערן. זייער געדאַנק איז שטענדיק געווען פאַר־נומען, ווי אַזוי אַרויסצוקומען פון דאָרטן — אַלע וועגן זענען געווען פאַר־שפּאַרט, אַלע טויערן פאַרהאַקט! זיי האָבן אָבער כסדר געהאָפט, אַז עס וועט זיך ערגעץ ווייזן אַ שפּאַרע... נאָר גדליה האָט שוין געהאַט רעזיגנירט. ער האָט געהאַט אַ ווייב און אַ קינד. דער גמרא־ניגון איז כסדר געוואָרן אומעטיקער. מלכהלען פלעגט זיך דאַכטן, אַז ער וועט אויפהערן צו זינגען — וועט ער זיין טויט. ער וועט זיצן ביים מאַשינדל, דרייען דאָס רעדל, אָבער ער וועט זיין טויט. און דבורה מיט די גרויסע פרעגנדיקע אויגן — זי האָט תמיד גערעדט וועגן ליבע, עפּעס אַ געוואַלטיק גרויסער ליבע און אַ שרעקלעכן טויט. האָט זי אים געפונען? אָדער האָט זי זיך געראַטעוועט? און ברײַנדל? ס׳האָט אויסגעזען, ווי קיין זאַך אין דער וועלט קען נישט אָפּשטעלן איר געלעכטער. און די חברים, ווו זענען זיי איצט? ווו?

זי איז געשטאַנען ביי מרדכי וואַלינערס הויז, דאָס גרעסטע אין שטעטל. ער האָט געהאַט אַ סך טעכטער, זין, איידעמס און אייניקלעך. אַלע האָבן זיי געוווינט דאָ אין דעם דאָזיקן גרויסן הויז. סוחרים זענען געקומען און געגאַנגען, מעקלערס האָבן פאַרהאַנדלט און סתם ייִדן זענען אַריין און אַרויס. איינער איז געקומען נאָך אַ נדבה, איינער נאָך אַ הלוואה, אָדער מען איז אויך גלאַט געקומען זען, ווי עס לעבט אַ ייִד, אַ גביר. ס׳איז דאָרטן געווען אַן אייביק געגיי. זייער זון, מאיר, האָט געהאַט אַ בלאַס, איידל פּנימל, ס׳האָט

שוין ביי אים גענומען שפּראַצן אויף דער אויבערשטער ליפּ. ווען זייער יינגסטע טאָכטער געניאַ, איז אַרויסגעגאַנגען אויפן שפּאַציר מיטן רויטן פּאַראַסאָלעכל און דעם גרויסן שטרוי־הוט אויפן בלאָנדן קעפּל — דער איינציקער הוט אין שטעטל — זענען די מיידלעך געשטאַנען פאַרגאַפטע מיט אַ חלום אין די אויגן...

דאָס הויז איז געווען פאַרלאָזן. מלכהלע האָט אַריינגעקוקט דורך די פענצטער. די שטובן זענען געווען ליידיק, דאָ און דאָרטן איז עפּעס געלעגן אויף דער ערד, אַדער געשטאַנען אָנגעלענט אין וואַנט. די שויבן זענען געווען מיט דיקן שטויב, און זי האָט נישט געקענט זען וואָס עס איז. זי האָט זיך געפילט קראַנק, אַריינקוקנדיק אין דעם פאַרלאָזענעם, צעראַבירטן הויז. זי האָט עפּעס ווי נישט געקענט אַוועקגיין, נישט געקענט תופס זיין, אַז עס זאָל אין דעם הויז באמת קיינער נישט זיין. אין איר פאַנטאַזיע איז אַרויפגעשווומען מרדכי וואָלינער און זיין ווייב. ער איז שוין געווען גרוי. „ער איז גרוי פון ווייך טרינקען", האָבן ייִדן גוטמוטיק געזאָגט. זיי האָבן עס אים פאַרגינען. זיי האָבן פאַר אים נישט בלויז געהאַט דרך־ארץ, ווייל ער איז אַ גביר, נאָר האָבן אים אויך גערן געהאַט. ער האָט עפּעס געהאַט אַ באַזונדערן אופן אומצוגיין מיט מענטשן, האָט געפּרעגט, וואָס מען מאַכט אין דערהיים. דאָס האָט אָן אָרעמען ייִד ווייך געמאַכט ביים האַרץ; און קיינער איז אויך נישט פון אים אַרויסגעקומען מיט ליידיקע הענט. און ווי בכבודיק זיין ווייב האָט אויסגעזען! עפּעס אַן אַדעליקע פאַרנעמקייט איז געלעגן אויף איר פּנים. איר האַלטונג איז געווען פון אַן אַלטן, שטאָלצן יחוס. ס'האָט אויסגעזען ווי אַ גאַנצער פּאַראַד, ווען זי איז שבת מיט אירע טעכטער און שנורן געגאַנגען אין שיל אַריין.

בעת מלכהלע איז געשטאַנען און געקלערט וועגן דעם פאַרלאָזענעם הויז און די פאַרשווונדענע באַוווינער, איז איר פּלוצים אַ מאָדנער שרעק באַפאַלן. ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז דאָס הויז איז נישט אינגאַנצן ליידיק, אַז עס געפינט זיך ווער אינעווייניק, ליגט און לויערט און קען יעדע רגע אַרויסשפּרינגען און איר אָנכאַפּן. זי איז אַריבערגעגאַנגען אויפן אַנדערן טראָטואַר.

די שיל איז געלעגן נישט ווייט פון דאָרטן, אין אַ לאַנג שמאָל געסעלע, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אויף אַ פעלד. זאָל טאַקע קיין איינער דאָרט

נישט זיין? שימעלע! קיין זאַך אין דער וועלט וועט אים נישט אָפּהאַלטן פון גיין דאַוונען. און שמואל־הערש? ער וועט היטן די שיל. ער וועט איינשטעלן זיין לעבן און איר היטן. קיינער וועט אים פון דאָרטן נישט קענען פאַרטרייבן. יאָ, ער איז דאָרטן. ער וועט איר אָקעגנקומען, הויך, אויסגעדאַרט, מיט אַ נישט־צעקאַמטער באָרד און צעריסענע קליידער. ער וועט אויסציִען זיין לאַנגן דינעם האַלדז און וועט איר פאַרחידושט אָנקוקן. „דו ביסט דאָך מלכהלע" — זיין קול וועט זיין אָן אַ קלאַנג — „מען האָט געזאָגט, אַז דו ביסט געפאָרן נאָך ארץ־ישראל".

זי איז געשטאַנען ביים הויף. ס'האָט זיך איר געדאַכט, ווי זי וואָלט אַריינגעקוקט ערגעץ אין עק וועלט. הויכע ווילדע גראָזן האָבן אַרויסגעשטעקט פון צווישן די שפּיציקע, שלעכט־ברוקירטע שטיינער. ס'האָט אויסגעזען, אַז עס האָט שוין לאַנג נישט אַ מענטשלעכער פוס באַטרעטן דאָס דאָזיקע וויסטע אָרט. די לאַנגע נידעריקע געביידע האָט געזונקען אין דער איינער זייט. די פענצטער זענען כמעט געזעסן אויף דער ערד. די שויבן אין שטויב און בלאָטע. זי איז צוגעגאַנגען און געוואָלט פּרוּוון, צו די טיר איז פאַרמאַכט. אָבער אַזוי ווי זי האָט נאָר אָנגערירט די קליאַמקע, איז די טיר אויפגעשפּרונגען, ווי אַ בייזע האַנט וואָלט איר פון אינעווייניק אויפגעשטופּט פאַר איר. זי איז געבליבן שטיין אַ דערשראָקענע. ס'איז אינעווייניק געווען האַלב־פינצטער און אַזוי שטיל, ווי דער טויט אַליין וואָלט דאָרטן געהאַט אויפגעשטעלט זיינע געצעלטן. די בענק זענען אַרום געלעגן, די שטענדערס — צעוואָרפן, דער שולחן האָט געהאנגען אויף איין פוס. דער ארון־קודש איז געשטאַנען אָפן — אַ ליידיקער! אין ארון־קודש איז געווען אין גאַנצן פינצטער, די שוואַרצע זאַרג איז דאָרט געזעסן און האָט שטום, אָן ווערטער, באַוויינט איר ביטערן גורל.

ווי אין חלום האָט זי געזען די שול פאַר כל־נדרי: ייִדן זיצן אויף דער ערד, קאָפּ ביי קאָפּ, באָרד ביי באָרד, טלית ביי טלית. זיי זיצן צוגעדריקט צו אנאַנדער, ווי זיי וואָלטן געווען אין אַ גרויסער סכנה. און ליכט, אומעטום ליכט, גרויסע ברענענדיקע ליכט, אין די געלע פלאַטערדיקע פלעמלעך ציטערן די נשמות פון די טויטע. אַ סווישטשער פון אַ פויגל האָט איר אויפגעוועקט. ער איז געקומען פון אויבן, פון דער ווייבער־שול. דורך אַ צעבראָכענער שויב איז ער אַריין געקומען. ער האָט דאָרטן געהאַט

זיין נעסט. זי האָט פּאַמעלעך צוגעמאַכט די טיר און זיך שטיל אַרויסגעצויגן פון הויף.

די גאַס איז געווען פול מיט ליכט. זי האָט פאַרמאַכט די אויגן. זי האָט נישט געקענט פאַרטראָגן די ליכטיקייט. אין שיל איז דאָך געווען אַזוי פינצ־טער, און אין הויף האָבן אַרומגעשוועבט לאַנגע, קאַלטע שאָטנס. וואָס זאָל זי איצט טאָן, וווהין זאָל זי גיין? אין שטעטל איז קיינער מער נישטאָ. זי וועט אַריבערגיין די בריק, אפשר האָט זיך ווער געראַטעוועט און זיך דאָרטן באַהאַלטן. אפשר דער פעטער לייב, ער האָט דאָרטן געוווינט — צווישן גויים. זיי האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ „מאַנדריי", אַ הייליקן, זענען געקומען אים פרעגן עצות. ער איז תמיד געזעסן און געלערנט, צומאָל אַביסל געאַר־בעט, צו דערהאַלטן ס׳לעבן. זיי האָבן אפשר אויך געזען, אַז ער זעט אויס ווי יעזוס אויף דעם קאָשטשיאַל־טויער און האָבן אים נישט געלאָזט אומ־ברענגען? ער, האָבן זיי דאָך געוווסט, איז אַן אָרימער ייִד, ער האָט דאָך קיינמאָל קיינעם נישט גענאַרט, קיינמאָל נישט נאָכגעקוקט וויפל מען האָט אים געשטופּט אין דער האַנט אַריין פאַר זיין אַרבעט.

איידער זי איז אַרויף אויפן בריקל, איז זי געבליבן שטיין ביים טייך. דאָ, אויף דעם אָרט האָט זי געהאָלפן איר מאַמען וואַשן וועש; דאָ, אויף דעם אָרט, ווען זיי זענען געווען אַליין, האָט די מאַמע געעפנט פאַר איר דאָס האַרץ, דערציילט עפּעס וועגן זיך. מלכהלע האָט געזאָגט: „מאַמע מיינע, מיין אָרעמע מאַמע, ווו ביסטו, ווו זאָל איך דיך זוכן?". זי האָט געהערט איר מוטער זאָגן: „קינד מיינס, מיין טייער קינד, זוך מיך נישט, כ׳בין אין ערגעץ נישט פאַראַן, נאָר אין דיין האַרץ בין איך". זי האָט זיך אָנגעבויגן און געזען איר פּנים אין וואַסער: איינגעפאַלענע באַקן, טיפע ראָנדן אַרום די אויגן. גרויסע, שווערע טרערן זענען אַריינגעפאַלן אין טייך.

„מלכהלע! — האָט אַ שטימע אין איר געמאָנט, — מלכהלע, דו ביסט נישט אַהערגעקומען וויינען, נישט צו דעם האָט מען דיך געוויילט!".

זי האָט זיך אויסגעגלייכט, אויסגעווישט די אויגן און איז אַרויף אויפן בריקל. איצט וועט זי נישט מער וואַרטן, ווען זי וועט נישט געפינען דעם פעטער לייב, וועט זי פרעגן וועמען זי וועט נאָר אָנטרעפן. דעם פעטער לייב האָבן דאָך אַלע געקענט. ער איז דאָך געווען דער איינציקער ייִד, וואָס האָט דאָ געוווינט, איבער דער בריק. זי וועט אָנקלאַפּן און זאָגן, אַז זי איז פון

דאַרף ביעלני, זי איז געקומען באַשטעלן אַ היטל פאַר איר טאַטוש, זי וועט רעדן מיט אַ דאָרפיש לשון.

דעם פעטער לייבס הייזל האָט געהאַט אַ טרעפּל, און איז געווען אַ ביסל העכער, ווי די אַנדערע הייזלעך. איר פאַטער פלעגט זיך אָפּשטעלן אויפן טרעפּל און מיט צוויי פינגער זוכן די מזוזה. איצט, אַז זי איז געשטאַנען אויפן טרעפּל, האָט זי, פּשוט ווי דער פאָטער, געזוכט די מזוזה. זי איז געווען! איר האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט, און אומדערוואַרטע האָפענונג האָט אויפגעלויכטן אין איר נשמה; זי וועט באַלד זען איינעם פון אירע קרובים, אַ נאָענטן, אַ מענטש, אַ ייִדן! זי האָט אָנגעקלאַפּט. אַן אַלטע גויע האָט געעפנט די טיר. זי האָט געהאַט אַ שוואַרץ טיכל אַרום קאָפּ. מלכהלע איז געבליבן שטיין ווי געליימט, נישט געקענט אַרויסברענגען אַ וואָרט. זי האָט אויף זיך געפילט דער אַלטער גויעס גרויע, קאַלטע רויבפויגל־אויגן. „וואָס ווילסטו?" — האָט זי בייז געפרעגט, און נישט אַוועק גענומען דעם בליק פון דעם טשאַלעק, וואָס שטייט און ווייסט נישט וואָס זי וויל. מלכהלע האָט געפרעגט: „וווינט ניט דאָ דער היטלמאַכער, דער ייִד לייבאָ?", כ'וויל באַשטעלן אַ היטל פאַר מיין טאַטן!" האָט זי געזאָגט אויף פויעריש לשון. די גרויע רויבפויגל־אויגן האָבן איר שאַרף אָנגעקוקט: „דו מוזט נישט זיין פון דאַנען!". „ניין, איך בין פון ביעלני, מיין טאַטוש מאַכט זיך שטענדיק דאָ אַ היטל ביים ייִד לייבאָ!". „דיין טאַטוש וועט זיך שוין איצט מוזן מאַכן אַ היטל ביי אַ קאַטאָליק און נישט ביי די פאַרשאָלטענע ייִדן, וואָס האָבן געקרייציקט יעזוסן. איצט האָבן זיי באַקומען זייער שטראָף, ווי פאַרדינט. דער ניעמיעץ האָט עס גוט געמאַכט!".

דאָס בייזע קול האָט געערדט גיך און אין איין אָטעם. ביי די ווערטער: „פאַרשאָלטענע ייִדן" איז עס געווען שאַרף און געענדיקט מיט אַ קוויטש.

מלכהלעס האַרץ האָט זיך צונויפגעצויגן, די פיס האָבן זיך אונטער איר געבראָכן. אַ רגע האָט זי געקלערט אַוועקצוגיין. זי האָט זיך אָבער באַלד איבערגעלייגט: פון דער דאָזיקער אַלטער בייזער גויע קען זי אפשר אַלץ געוואָר ווערן. זי האָט געפרעגט: „און ווען האָבן זיי עס געטאָן?". „דאָס געדענק איך נישט, אָבער ס'איז שוין לאַנג" — האָט די אַלטע גויע שוין געערדט לאַנגזאַמער, ווי זי וואָלט זיך דאָס פאַר זיך אַליין געוואָלט דערמאָנען.

„איז קיינער נישט געבליבן?״ — האָט מלכהלע װײַטער געפרעגט.
די רויבפויגל־אויגן האָבן זיך אײַנגעאַנצן געעפנט און געגלאָצט אויף מלכהלען. דאָס אַלטע קול איז װײַטער געװוען שנײַדיק:
„ניין, ס׳איז קיינער נישטאָ פון זיי מער. דער ניעמיעץ האָט זיי אַלע צוגענומען. וואָס פרעגסטו אַזוי פיל, וואָס איז דאָס דײַן עסק? דומע קו! דײַן טאַטוש וועט געפינען אַן אַנדערן, וואָס וועט אים מאַכן אַ היטל!״.
„ניין, איך מיין, וואָס האָט ער געטאָן מיט זיי? — האָט מלכהלע געוואָלט אַרויסקריגן פון איר.
„געטאָן! געטאָן!״ — האָט דאָס אַלטע צײַנלאָזע מויל נאָכגעשפּעט. דער ניעמעץ ווייסט שוין, וואָס ער האָט צו טאָן, און דו גיי דיר דײַן וועגס און דריי מיר נישט קיין קאָפּ״!...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און מלכהלע איז געגאַנגען פון אָרט צו אָרט, פון שטעטל צו שטעטל, פון הויז צו הויז. זי האָט געקענט די געגנט, איז דאָ אַרומגעפאָרן צו אָרגאַניזירן די יוגנט. זי האָט געקענט נעמען, אַדרעסן פון אַ סך ייִדן. זי האָט אָבער קיינעם נישט געפונען. אין די נעכט איז זי געלעגן אין קאַלטע וועלדער. בײַטאָג האָט זי זיך געשלעפּט אויף די שלאַכנס גליִענדיקן זאַמד. זי האָט געטרונקען פון ברונעמס און טײַכן, אַנגעקלאַפּט אין טירן און געבעטן אַ שטיקל ברויט. מען האָט איר לאַנג אָנגעקוקט, אָבער מען האָט עס איר געגעבן. אַזוי איז זי געקומען צו דער גרויסער שטאָט. זי האָט ערשט געמוזט פאַרבײַגיין די פאָרשטאָט, וואָס איז געווען באַוווינט פון בלויז גוים.
זי איז געוועזן מיד און אומעטיק. זי האָט שוין כמעט געהאַט אויפגעגעבן נאָך צו געפינען אַ ייִד. אין אַלע די לאַנגע טעג, וואָס זי איז אַרומגעגאַנגען און געזוכט, האָט זי קיין איין אײנציקן ייִד נישט אָנגעטראָפן. ווו זענען זיי אַהינגעקומען. אומעטום זענען זיי דאָך דאָ געווען, אויף אַלע גאַסן, אויף אַלע וועגן האָט מען זיי דאָך געטראָפן. און איצט — איצט געפינט זיך קיינער פון זיי אין ערגעץ נישט. אין אָרץ האָט מען געזאָגט, אַז דאָ אין דער שטאָט איז דאָ אַ געטאָ. זי מוז זיך דערשלאָגן אַהין. זי ווייסט נישט ווו זי איז, די געטאָ. זי מוז אָבער זײַן דאָרטן אין די ענגע געסלעך, אויף דער זאַוואַדסקע, מלינאַרסקע, ווו עס האָבן געוווינט די אָרעמע ייִדן. יאָ, זי איז מיד, די פיס טוען איר ווײ, די שיך זענען צעריסן,

די זוילן צעריבן, ווי זי וואָלט געטראָטן אויף די נאַקעטע שטיינער. ס׳איז שוין אָבער נישט ווייט. אָט דאָרטן ביים ראָג וועט זי אַריבערגיין דעם פּלאַץ, און שוין — דאָרטן איז עס! אין געטאָ זענען זיכער פאַראַן אַ סך ייִדן. זי וועט ליידן מיט זיי צוזאַמען, און צוזאַמען מיט זיי אומקומען. מען וועט זיך אַקעגנשטעלן! מען וועט זיך נישט לאָזן אויסשעכטן ווי שאָף! זי האָט זיך איצט געפילט שטאַרקער און געשטעלט גיכערע טריט. אוי, ווען זי וואָלט כאָטש געטראָפן איין איינציקן ייִדן! זי וואָלט אַוועקגעגעבן יאָרן פון איר לעבן, ווען זי וואָלט איצט באַגעגנט אַ ייִדן!

בעת זי איז אַזוי געגאַנגען פאַרטיפט אין אירע געדאַנקען, האָט זי נישט געזען דעם פאַרשוין, וואָס איז איר אַקעגנגעקומען און איר שאַרף אָנגעקוקט. זי האָט אויך נישט באַמערקט, אַז ער האָט זיך אויסגעדרייט און איר נאָכגעגאַנגען. זי האָט אויך נישט געזען, אַז ער האָט צוגערופן אַ סאָלדאַט און אָנגעוויזן אויף איר, אין אים אַריינגערעדט. דער סאָלדאַט האָט נישט אַלץ פאַרשטאַנען, וואָס דער פאַרשוין האָט צו אים געזאָגט, ווייל דער פאַרשוין האָט אַריינגעמישט אַ סך פּוילישע ווערטער, נאָר דאָס, אַז ער רעדט וועגן דעם מיידל, וואָס גייט פאַר זיי. ער האָט אָנגעוויזן אויפן קלייד, וואָס איז נישט אַקוראַט אַזוי ווי עס טראָגן דאָרף־מיידלעך, אַז איר קאָפּ־טיכל האָט נישט די ריכטיקע רויטע פאַרב, ווי אַזעלכע טיכלעך האָבן, און די בלומען זענען אויך נישט קיין ריכטיקע. און ער פאַרשטייט בכלל נישט, ווי עס קומט אַ דאָרפס־מיידל אין שטאָט אַריין, פּלוצים אינמיטן טאָג. אָבער קודם־כל האָט ער דעם סאָלדאַט אויפמערקזאַם געמאַכט אויף אירע שלעפּעדיקע, אומזיכערע טריט. „איך פאַרזיכער אייך, פּאַניע סאָלדאַט, אַז דאָס איז אַ ייִדישער גאַנג, אַז אונטער די דאָרפישע קליידער באַהאַלט זיך אַ ייִדישקע און זי האָט נישט קיין ריין געוויסן. ווייל פאַרוואָס האָט זי מיט־אַמאָל גענומען גיין האַסטיקער. איר קענט זיך פאַרלאָזן אויף אונדז. מיר, פּאָליאַקן, דערקענען אַ ייִדן פריִער פאַר אייך”. אַזוי האָט דער פאַרשוין אָפּגעשלאָסן זיין לאַנגע באַלערנונג. און דער דייטש האָט זיך גערן געלאָזט באַלערנען... זיי האָבן זיך איבערגעוווּנקען ווי אַזוי זיי זאָלן עס מאַכן און מלכהלע האָט געהערט רופן: „הענדע האָך!”. ווען זי האָט אויפגעהויבן די אויגן האָט זי געזען פאַר זיך שטיין צוויי מענטשן, איינער אַ ציווילער, דער אַנדערער אַ סאָלדאַט און אַ פּיסטאָל־רער אָנגעשטעלט צו איר ברוסט. זי

האָט פֿאַמעלעך אויפֿגעהויבן די הענט. „מיטפֿאָלגן!“. זי איז מעכאַניש מיטגעגאַנגען.

אין צירקל איז זי אַראָפּגעפֿירט געװאָרן אין אַ קעלער־קאַמער. ס'האָט ערגעץ געברענט אַ לעמפּל, װאָס האָט נישט דערגרייכט צו די טרעפּן. דער קלוטשניק איז געגאַנגען אונטער איר, געבורטשעט און געשטויסן מיט אַ פֿאַרמאַכטער פּויסט אין רוקן אין װעלכער זייט זי זאָל גיין. ער האָט ערגעץ אויפֿגעמאַכט אַ טיר, איר אַרייַנגעשטופּט, פֿאַרשלאָסן און איז אַװעק אַ ברומענדיקער.

מלכהלע איז געבליבן שטיין ביי דער טיר. אינמיטן קאַמער, אויף דער פּאָדלאָגע, איז געלעגן עפּעס אַ קופּע. װען מלכהלע איז אַרייַנגעקומען האָט זיך די קופּע אָנגעהויבן רירן, זיך אונטערגעהויבן און געבליבן זיצן. צװיי קליינע, בייזע, מטושטשע אייגעלעך האָבן אויף איר געשפּיזט. דער נייער גאַסט האָט זיי נישט געפֿאָלן. „אַ בתולה האָבן זיי מיר דאָ אַרייַנגעלאָזן, אַ בתולה!“. ס'קול איז געװען הייזעריק פֿון שיכרות. זי האָט זיך געװאָלט אויפֿשטעלן, די פֿיס האָבן איר אָבער נישט געדינט און זי איז געבליבן זיצן, און נאָך דעם אין גאַנצן אומגעפֿאַלן. זי האָט גערעדט צו זיך אַליין, געברויכט מיאוסע רייד, דערמאָנט אַן אַנטעק, װאָס האָט איר באַגזלט. „די פּראַנצעװאַטע זאָל ער קריגן!“... דאַן איז זי שטיל געװאָרן, װי זי װאָלט איינגעשלאָפֿן. זי האָט זיך אָבער באַלד װידער אויפֿגעזעצט, געקוקט אויף מלכהלען און געװען שרעקלעך אין כעס, װי מלכהלע װאָלט איר אָט ערשט געטאָן די גרעסטע עװלה. די שיכורע אייגעלעך האָבן געפֿלאַמט פֿון שנאה, פֿון איר אָפֿענעם מויל איז געקומען אַ װילדער שטראָם פֿון זידלערייען און קללות. „ממזר, סוקאַ, קורװאַ, פּשאַקרעװ! אַ קרענק זאָל דיך נעמען; זאָלסט האָבן אַזאַ סוף װי איך!... װאָס ביסטו דאָ אַרייַנגעקומען? זיך אָנגעטרונקען, װאָס? דיין אַנטעקל האָט דיך אויך אַװעקגעװאָרפֿן, װאָס? דו היבטיש בלוט. די כאָלערא זאָל דיך טרעפֿן, קורװאַ!“... זי איז צוזאַמענגעפֿאַלן װי אַ באַרג שמאַטעס און איינגעשלאָפֿן. אַרום אָװנט־צייט האָט מען איר אַרויסגענומען. מלכהלע איז געבליבן אַליין אין קאַמער. זי איז אַרויפֿגעקראָכן אויף דער נאָרע, װאָס האָט זיך געצויגן ביי דער גאַנצער קװערװאַנט, זיך פֿאַרקליבן אין װייטסטן װינקל און זיך אַװעקגעזעצט.

אַ גרױי הייטל האָט איינציקװייז פֿאַרדעקט דאָס פֿאַרקראַטעװעטע שייבל

אין יענע טעג

אין דער הויך פון קאַמער־וואַנט און עס איז געוואָרן פינצטער. נאָר דער שאָטן פון אַ מויער איז געבליבן שטיין אויף דער קעגנאיבערדיקער וואַנט. מלכהלע האָט זיך דערמאָנט, ווען זי איז געווען אַ קליין מיידעלע, אין דערהיים, שבת אָוונט, פאַר הבדלה, האָט זיך אויך אין זייער שטוב, אויף דער וואַנט, אָפּגעצייכנט אַ מויער פון ערגעץ. זי איז געווען ליכטיק און האָט זיך באַוויגן. די מוטער איז געזעסן אויף אַ בענקעלע און געזאָגט: „גאָט פון אברהם". זי איז געזעסן ביי איר זייט און געקוקט אויף דער מויער אויף דער וואַנט. זי האָט זיך אַוועקגערוקט, זיך אויפגעהויבן און צוריק אַראָפּגעפאַלן, געשטאַנען שיף און זיך צוריק גלייכגעשטעלט. „גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב"... די ווערטער זענען געווען אַזוי נאָענט, נאָר ס'איז נישט געווען דער מוטערס קול, נאָר געזאָגט האָט זי עס פונקט אַזוי, מיט דער זעלביקער פרומקייט, דעם זעלביקן בטחון און די זעלביקע זאָרג. און מיטאַמאָל איז איר קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז זי אַליין, וואָס זאָגט „גאָט פון אברהם". און זי האָט פאָרגעזעצט: „אַלמעכטיקער גאָט, גיב מיר כוח, אַז כ'זאָל קענען אויסהאַלטן, וואָס עס שטייט מיר פאָר, כ'זאָל קענען שטיין אַ גלייכע קעגנאיבער מיינע שונאים. כ'בין אַריינגעפאַלן אין זייער געוואַלד. זיי קענען נישט קיין באַרעמהאַרציקייט. זע, רבונו של עולם, אַז מיין אומגעקומענע טאַטע־מאַמע, מיינע ברידער, וואָס זענען אומגעקומען פאַר דיין הייליקן נאָמענס וועגן, זאָלן זיך נישט דאַרפן שעמען מיט מיר. זע, אַז איך זאָל אַלץ קענען ווידערשטיין מיט ווערדיקייט. דו האָסט מיך אויסגעוויילט צו דעם דאָזיקן גורל. איך נעם אים אָן באהבה. וואָרום וואָס איז דען דאָס קעגן די ליידן פון דיינע הייליקע מאַרטירער? כ'האָב זיי געוואָלט ברענגען די בשורה פון זייער באַלדיקער באַפרייאונג, זיי טרייסטן, זיי געבן כוח אויסצוהאַלטן. כ'האָב קיינעם נישט געפונען, נאָר דיין וויסט פאַרלאָזן הויז און דעם ליידיקן ארון־קודש. פאַרבלוטיקטע הענט האָבן פאַראומרייניקט דיינע הייליקטימער. דיין וואָרט האָבן זיי פאַרוואָרפן און פאַרבלאָנדזשעט אויף וויסטע וועגן. זיי וועלן דאָרט אומקומען. דער פעטער לייב פלעגט זאָגן: „ווער עס פאַרלאָזט גאָטס וואָרט איז ווי אַ בלינדער, וואָס האָט פאַרבלאָנדזשעט און קען נישט געפינען דעם וועג אַהיים און ס'איז אויף אים אַ גרויס רחמנות!". זי האָט געהערט דעם פאָטער זאָגן „ויתן לך". זיין קול איז געווען עפּעס אַזוי טרויעריק. די הבדלה האָט

אויפגעפלאַמט: „גוט־װאָך!", „גוט יאָר!", האָט די מאַמע געענטפערט מיט אַ געמאַכטער פריילעכקייט. די הבדלה האָט זיך אויסגעלאָשן און ס'איז װידער טונקל געװאָרן אין שטוב. מלכהלע האָט אויפגעעפנט די אויגן. אין קאַמער איז געװען אין גאַנצן פינצטער.

***

זי איז געשטאַנען ביי אַ לאַנגן טיש, ביי װעלכן עס זענען געזעסן דריי אָפיצערן. הינטער איר זענען געשטאַנען צװיי סאָלדאַטן מיט ביקסן ביי דער זייט.

דער אָפיצער, װאָס איז געזעסן אינמיטן האָט געהאַט קליינע, גרויזאַמע שטעכעדיקע אייגעלעך, װי דער פירער און אויך אַזאַ אונטערגעהאַקט אויבערװאָנצעלע, װי דער פירער. ס'האָט אויסגעזען, אַז ער װיל אים נאָכמאַכן. ביי זיין רעכטער האַנט איז געװען אַ דיקער, אויפגעבלאָזענער פּאַרשוין. זיין קאָפּ איז געװען לעגגלעך און גלאַט, װי אַ מעלאָן. די צװיי שװאַרצע פּינטעלעך אונטערן שטערן האָבן גלייכגילטיק געקוקט אין דער לופט אַריין, נאָר פּון צייט צו צייט האָבן זיי זיך אַ באַװעג־געטאָן, װי מען װאָלט ערגעץ אַ צי־געטאָן אין אַ שנירל. ביי דער לינקער זייט איז געזעסן אַ קליין, עלטער אָפיצערל. ער האָט נישט געקענט איינזיצן. ער האָט זיך כסדר אונטערגעהויבן, װי ער װאָלט מורא געהאַט, אַז מען װעט אים נישט באַמערקן, װען ער װעט זיצן שטיל. ער האָט אָן אַן אויפהער געפּוצט די ברילן. ער האָט זיך שוין נישט געקענט דערװאַרטן, אַז עס זאָל זיך אָנהייבן דער משפּט, ער זאָל קענען דערפילן זיין פליכט פאַרן פירער און פאָטערלאַנד. דער פאָרזיצער איז אָבער כסדר געװען פאַרנומען מיט קוקן אין די פּאַפּירן און אויף מלכהלען. זי איז געשטאַנען רויִק און פאַרטיפט אין געדאַנקען. אין יעדע האַנט האָט זי געהאַלטן אַ שפּיץ פונעם טיכל, װאָס זי האָט געטראָגן אויפן קאָפּ. דער פאָרזיצער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבערן טיש, ער זאָל בעסער קענען זען איר פּנים. איר קאָפּ איז אָבער געװען אַראָפּגעהאַנגען אויף דער ברוסט, אַז עס האָט זיך נאָר געזען איר אַ ביסל אַרויפגעשאַרצט נעזל, דעם הויכן װייסן שטערן און דעם אָפּגעדעקטן האַלדז. דאָס קלייד איז דאָ געװען צעריסן און די קנעפּלעך האָבן געפעלט. זיין בליק האָט לאַנג גערוט אויף דעם אויפגעדעקטן האַלדז. דאַן האָט ער זיך

פלוצים גלייכגעזעצט, ווי ער וואָלט זיך געכאַפּט ביי דער האַנט, צו עפּעס אַ נישט אָנשטענדיקע זאַך, און האָט גיך גענומען לייענען אין די פּאַפּירן. צו זיין אייגענעם דערשטוינען האָט ער אויסגעפונען, אַז ער קוקט שוין ווידער אויף דעם דאָזיקן מערקווירדיקן יודן־מיידל. „זי אינטערעסירט מיך אַלזאָ", האָט ער פאַר זיך אַליין געמוזט מודה זיין „אבער נאָר ווי אַ שטודיע־אָביעקט", האָט ער זיך געזוכט צו באַרויִקן. „די דאָזיקע באַזונדערלעכע ראַסע, קען אויך האָבן אויסנאַמס־טיפּן". זיין בליק איז ווייטער געפאַלן אויפן ווייטן דריי־קאַנט פונעם אָפּגעדעקטן האַלדז. „איבער איר האָב איך איצט די גאַנצע מאַכט!", האָט ער שטיל צו זיך געזאָגט. דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים נישט קיין רו געגעבן. דאָס האָט אים נישט געפעלן. ער וואָלט אָבער סיי־ווי־סיי געוואָלט, אַז זי זאָל אויפהייבן דעם קאָפּ, ער זאָל איר ריכטיק קענען אָנקוקן. זי איז אָבער כסדר געשטאַנען אומבאַוועגלעך און ווי קיין זאַך אַרום איר וואָלט איר לחלוטין נישט אינטערעסירט. „ווייס זי נישט, וואָס דאָ וועט געשען, אָדער איז זיווירקלעך אַזוי מוטיק; דאָס איז לויבנסווערט!", האָט ער שיער הויך געזאָגט און האָט זיך אַרומגעקוקט, אויב די אַנדערע האָבן נישט עפּעס באַמערקט. ענדלעך האָט ער אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס: ער וועט זיך מער נישט לאָזן באַאומרויִקן פון דעם דאָ־זיקן ווייב! ער מוז זיין האַרט. מיט האַרטקייט וועלן מיר אַהיימברענגען דעם זיג! ער האָט זיך שטייף געזעצט אין שטול און אָנגעהויבן דעם פאַרהער.

„דיין נאָמען איז אַלזאָ מאלקא אַבראַמאָוויטש".

„יאָ", האָט מלכהלע שטיל געענטפערט.

„און דיין פאָטער האָט געהייסן הערש", האָט ער אַביסל העכער גע־פרעגט.

„יאָ", האָט מלכהלע געענטפערט אָן אויפצוהייבן דעם קאָפּ.

„און דיין מאַמע האָט געהייסן לעאַ".

„יאָ".

„קענסטו דאָס באַווייזן?".

מלכהלע האָט געשוויגן.

„קענסטו דאָס באַווייזן?!".

„דאָס קען איך נישט. איר האָט אַלעמען דערמאָרדעט, וואָס וואָלטן דאָס געקענט באַשטעטיקן. איר האָט אַלע אומגעברענגט, ס'זאָל נישט זיין

קיינער, וואָס זאָל קענען דערציילן וועגן אייער פאַרברעכן, אייער גרויזאַמ־קייט, ווען איר וועט דאַרפן שטיין צום משפט פאַר דער וועלט און וועט דאַרפן באַצ...!״.

„גענוג!״, האָט דער פאָרזיצער אויסגערופן, „אַלצאיינס, מיר נעמען סיי־ווי נישט יידן פאַר קיין עדות. דו דערצייל אונדז בעסער ווי אַזוי דו ביסט דאָ אַהערגעקומען?״.

מלכהלע האָט געשוויגן.

איר שווייגן האָט דעם פאָרזיצער אויפגערעגט. ער האָט געשריגן, גע־האַקט אין טיש אַריין, געדראָט און איז געוועז צופרידן, אַז ער האָט זיך צוריק געפונען און איז אַזוי ווי ער דאַרף זיין. מלכהלע האָט אָבער כסדר געשוויגן און כסדר אַזוי ווי עס וואָלט איר דאָ גאָר נישט אָנגעגאַנגען.

„זי וועט שוין גאָר נישט זאָגן, אַז וואַגנער האָט איר געהאַט אַ מאַנאַט און האָט פון איר גאַרנישט אַרויסגעקריגן״, האָט דאָס קליינע אָפיצערל גע־זאָגט. דער פאָרזיצער האָט איבערגעחזרט זיינע רייד, און נאָך אַ ווײַלע זיך ווייטער געווענדט צו מלכהלען, אָבער שוין אין אַ רויִקן טאָן:

„פרוילין אַבראַמאָוויטש, ווען איר דערציילט אונדז דעם גאַנצן אמת, וועלן מיר אייך שענקען ס׳לעבן״.

מלכהלע האָט געשוויגן.

„נאַ״, האָט ער געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט אַ ביסל געוואַרט. „דו ווילסט אַלזאָ נישט ענטפערן. גוט, ענטפער נישט. ס׳וועט דיך אָבער טייער קאָסטן. און זאָלן מיר דיר ווירקלעך גלייבן, אַז דו ביסט אַהער געקומען נאָר צו טרייסטן דיינע יידן?״.

„איך בין געקומען צו טרייסטן מיינע ברידער״, האָט זי שטיל, ווי פאַר זיך אַליין געזאָגט.

„און וואָס האָסטו געוואָלט דאָ אין שטאָט?״.

זי האָט ווייטער גערעדט ווי צו זיך אַליין:

„כ׳האָב זיי אַרומגעזוכט און אין ערגעץ נישט געפונען. מ׳האָט געזאָגט, אַז דאָ אין שטאָט געפינט זיך אַ געטאָ״...

„געטאָ״, האָט דער פאָרזיצער נאָכגעזאָגט, „דאָ געפינט זיך נישט קיין געטאָ, ס׳איז נאָך פאַריאָרן ליקווידירט געוואָרן״.

„וויר ווערדען דאָך דיזען לויטען ניכט אימער צו פרעסן געבן!", האָט אַריינגעשאָסן דאָס אָפּיצערל.

„ביסטו געווען אַליין?", האָט ווייטער געפרעגט דער פּאָרזיצער.

מלכהלע האָט געענטפערט ווי אין חלום:

„אַליין, איך בין אַליין, איינע אַליין".

„מיר זענען אַ האָר נישט קלוגער געוואָרן!", האָט דאָס אָפּיצערל זיך אַריינגעמישט. „צוועקלאָז!", האָט עס אַרויסגעברומט פונעם אויפגעבלאָזענעם.

„איצט פרעג איך דיך צום לעצטן מאָל:

„ווי אַזוי ביסטו אַהערגעקומען? האָסטו געהאַט מיטהעלפער? רעדו!".

מלכהלע האָט געשוויגן.

„יאַ, ס'טסט צוועקלאָז!", האָט דער פּאָרזיצער מסכים געווען.

„גאַנץ צוועקלאָז, גאַנץ צוועקלאָז!", האָט דאָס קליינע אָפּיצערל גיך אונטערגעכאַפּט.

דער פּאָרזיצער האָט זיך צוגעבויגן צום אויפגעבלאָזענעם און צו אים עפּעס געזאָגט. דער אויפגעבלאָזענער האָט אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ דאַן האָט ער זיך צוגעבויגן צום קליינעם אָפּיצערל, וואָס האָט שוין געשאָקלט מיטן קעפּל, איידער מ'האָט אים נאָך געפרעגט. זיי האָבן זיך אַלע דריי אויפגעשטעלט. דער פּאָרזיצער האָט זיך געווענדט צו מלכהלען און געזאָגט מיט אַ הויך קול:

„מאַלקאַ אַבראַמאָוויטש, דו ביסט פאַר שפּיאָנאַזש פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך שיסן!".

ס'איז געווען שטיל אין זאַל. די ריכטער זענען שטיין געבליבן, ווי זיי וואָלטן געוואַרט, אַז מלכהלע זאָל עפּעס זאָגן אָדער וויינען. זי איז אָבער געשטאַנען פונקט אַזוי רויק ווי פריער, מיט אַ שפּיץ פון קאַפּטיכל אין יעדער האַנט. די דריי מענער זענען געווען אַנטוישט און באַליידיקט. באַזונדערס האָט דעם פּאָרזיצער איריטירט דאָס קאַפּטיכל, אַזוי ווי דאָס וואָלט נישט צוגעלאָזן, אַז עס זאָל עפּעס אין איר אַריינדרינגען. און איצט, ווען ער איז געשטאַנען און נישט געוווסט, וואָס ער זאָל אָנהייבן צו טאָן, האָט אים אויסגעזען, אַז דאָס איינציקע וואָס קען ראַטעווען די סיטואַציע וועט זיין, אַז ער וועט איר צונעמען. „נעמט איר אַוועק דאָס קאַפּטיכל!" האָט ער

אַ געשריי געטאָן צו דער וואַך. איינער פון די סאָלדאַטן האָט איר פון אונטן אַראָפּגעצויגן דאָס טיכל. זי האָט אויפגעוואַכט, פאַרדעקט די ברוסט מיט די הענט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז מען גייט איר אויסטאָן די קליידער. איר שלאַנקער מיידל־גוף האָט זיך אויסגעגלייכט, איז געוואָרן שטייפער, העכער, אירע בלאָנדע האָר זענען ווי אַ גילדערנער קראַנץ געלעגן אויף איר אויפגעהויבענעם שטאָלצן קאָפּ. זי האָט אויף זיי שטייף געקוקט מיט אַ טרוימענדיקן בליק פון אַ פּאָר גרויסע טונקל־בלויע, האַלב־פאַרשלייערטע פייכטלעכע אויגן. די אָפּיצערן זענען געשטאַנען ווי צוגעשמידט צו די דאָזיקע ווונדערלעכע אויגן, וואָס האָבן אויף זיי געקוקט און זיי נישט געזען, און אויף דעם איינגעפאַלענעם, בלאַסן, אָבער באַשלאָסענעם קאַמף־באַרייטן פּנים. ס׳איז כסדר געווען שטיל. די דריי מענער זענען געשטאַנען ווי פאַרכישופטע. צום סוף האָט זיך דער פאַרזיצער פאַמעלעך אָוועקגעזעצט. די אַנדערע האָבן דאָס נאָכגעטאָן. ער איז געזעסן און געדרייט דעם שפּיץ פון דער בליי צווישן די ציין און אויף איר געקוקט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן. מלכהלע האָט געזען, אַז דער בליק אין זיינע פאַרזשמורעטע אויגן איז עפּעס אַזוי מאָדנע פריינדלעך און זיין מויל קנייטשט זיך צו אַ שמייכל. אַ שוידער איז איר אַריבער איבערן לייב, זי האָט געפילט אַן עקל ביים האַרץ. ער האָט אַזוי אויף איר לאַנג געקוקט. נאָכדעם האָט ער אַרויסגענומען די בליי פון מויל און מיט דעם זעלבן בליק אין אויג און דעם זעלבן שמייכל אַרום מויל, האָט ער זיך צו איר געווענדט:

„דו ביסט אפשר גאָר קיין ייד נישט?״.

מלכהלע האָט גיך געענטפערט:

„איך בין אַ ייד, מיין טאַטע איז געווען אַ ייד, מיין זיידע איז געווען אַ ייד, מיין גאַנצע משפחה זענען געווען יידן!״.

„געווען״, האָט ער געלאַכט.

„זיי זענען געשטאָרבן ווי יידן״.

„אפשר ביסטו אַ האַלבער ייד?״, האָט ער כסדר געשמייכלט.

„ניין, כ׳בין אַ גאַנצער ייד!״.

„נו, זאָל זיין אַזוי, מעגסט אָבער סיי ווי סיי בעטן אום גענאַדע!״.

ס׳האָט געדויערט אַ ווילע, אָבער דאַן האָט זי קלאָר און דייטלעך געזאָגט:

אין יענע טעג

„איך בעט נישט קיין גענאַדע ביי מערדער!".

דעם פּאַרזיצערס שמייכל איז פאַרגליווערט געבליבן שטיין אַרום זיין מויל, אַנטוישונג און שטוינונג איז געלעגן אין די קליינע אייגעלעך, וואָס האָבן כסדר אויף איר געקוקט. זי איז געשטאַנען אַ גלייכע און אַ שטאָלצע. שנאה, שפּאָט, און פאַראַכט איז געלעגן אויף איר אויסגעדאַרט פּנים. די די איינגעפאַלענע באַקן האָבן געברענט. גבורה און נצחון איז געלעגן איבער איר גאַנצע געשטאַלט.

דער פּאַרזיצער איז שוין געווען צו זיך געקומען נאָך דער דאָזיקער מוראדיקער איבעראַשונג. די קליינע גרויע אייגעלעך זענען שוין ווייטער געווען האַרטע און גרויזאַמע. ער האָט שוין ווייטער געענדלט צום פּירער.

„דו ווירסט ערשאָסן ווערן!", וואָס האָט ער געדונערט.

„דאָס שרעקט מיך נישט!".

„וועסט גראָבן דיין אייגן קבר!".

„ליבער דאָס!".

ער האָט זיך אויפגעשטעלט און גיך פאַרלאָזט דעם זאַל, מיט די צוויי בייזיצער האָרט הינטער זיך.

***

ס'איז געווען אַ קאַלטער, פאַרוואָלקנטער פרימאָרגן, ס'האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן טאָגן, ווען אַ שוואַרצער, פאַרמאַכטער וואָגן איז אָנגעקומען אויף אַ זייטיק אָרט אונטער דער שטאָט. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ ראַנד פון וואַלד, אין שאָטן פון אַ בערגל. די טירלעך האָבן זיך געעפנט און אַ יעפרייטער מיט צוויי סאָלדאַטן זענען אַרויסגעשפּרונגען. דער יעפרייטער האָט זיך אויס־געדרייט און אַריינגעשריגן אין וואָגן:

„העי, דו, מאַך עס אַ ביסל גיכער!".

מלכהלע האָט זיך באַוויזן אין דער טיר. זי האָט געהאַלטן אַ שפּאַדל אין דער האַנט און נאָכדעם ווי זיי זענען אָפּגעגאַנגען אייניקע טריט, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און דער יעפרייטער האָט געוויזן מיט דער ביקס: „דאָ!".

מלכהלע האָט גענומען גראָבן. זי האָט שווער און מעכאַניש געגראָבן ס'האָט אויסגעזען, ווי זי איז ווייט־ווייט אַוועק פון דעם אָרט, ווו זי שטייט. די סאָלדאַטן האָבן אָנגעצינדן ציגאַרעטן און געשטאַנען אין געקוקט ווי זי אַרבעט.

„העי, דו, מאַך עס אַ ביסל לעבעדיקער!‟, האָט אַהין געשריגן דער יע־פרייטער.

מלכהלע האָט גאָרנישט געענטפערט, נאָר װײַטער געגראָבן. און װען די סאָלדאַטן זענען פאַרטיק געװאָרן מיט די ציגאַרעטן, איז נאָך נישט געװען קיין סימן פון קיין גרוב.

„זי מאַכט דאָס עקסטרא אַזוי, מיר װעלן דאָ געפרוירן װערן‟, האָט געזאָגט דער יעפרייטער. „האַנס, אַלבערט, לייגט צו אַ האַנט!‟. זיי האָבן אַרויסגענומען שפּאַדלעס פון װאָגן און אָנגעהויבן גראָבן. מלכהלע איז אין גאַנצן געשטאַנען שטיל. זיי האָבן איר נישט געשטערט. זי איז געװען אין עמק. געשטאַנען אויפן דאַך פון הויז. פון דאָרטן האָט זי געקענט זען דעם גאַנצן טאָל. פּאָר אירע אויגן איז מײַלן־װײַט געלעגן ייִדישע ערד, גרינע לאָנקעס און גאָלדענע קאָרנפעלדער. אַ װינטעלע האָט לײַכט געװיגט די זאַנגען. די לופט איז געװען רויט װי בראַנדז און האָט זיס פאַרשלעפערט דעם געדאַנק. מען האָט זיך געװאָלט אַװעקלייגן אויף דער װאַרעמער דופטנדיקער ערד. אויף די פעלדער זענען די קי געלעגן אין אַ זאַטן נאָכמיטאָג־דרימל, און פאַמעלעך געשאָקלט מיט זייערע באַדאַכטע קעפּ. אומעטום איז געװען שטיל, שלום און מנוחה. די שטילקייט האָט געזונגען אַן אומענדלעך ליבּ־געזאַנג דעם באַשאַפער און זײַן װערק...

„פערטיק!‟.

זי האָט דאָס נישט געהערט. זי האָט נישט געפילט, אַז זיי האָבן איר צוגענומען דעם שפּאַדל. זי האָט געזען משהן. ער איז געװען װײַט אין פעלד. אין בראָנדזיקן ליכט, איז ער געװען נאָך דינער, נאָך העכער, און װי ער װאָלט געשטאַנען אין פלאַמען. „מלכהלע, מײַן מלכהלע, איך װעל באַלד...‟.

„פייער!‟.

זי איז אַרײַנגעפאַלן מיטן קאָפּ אין גרוב, װי זי װאָלט אַליין אַרײַנגעשפּרונגען. אירע האָר האָבן אַ פלאַטער־געטאָן אין װינט. זיי האָבן גיך אַרויסגעשיט ערד און גלײַכגעטראָטן דאָס קבר, זיך אַרײַנגעזעצט אין װאָגן און באַלד פאַרשװונדן אויפן שליאַך. אַ גאַפע איז געקומען צו פליען, אַ פּאָר מאָל אַרומגעקרײַזט אַרום קבר, זיך אַראָפּגעלאָזן, געהאַקט אַביסל מיטן שנאָבל, זיך אויפגעהויבן, און איז אַװעק אין דער ריכטונג פונעם שװאַרצן װאָגן, און עס איז װײַטער שטיל געװען אַרום — — —

אַ פרוי דערציילט

די באַן האָט זיך פלוצים אָפּגעשטעלט. וואָס קען דאָס זיין? גאָרנישט! אַזוי גייען זיי איצט, די באַנען. מען מוז האָבן געדולד און וואַרטן.

די פּאַסאַזשירן זיצן אָפּגעלאָזענע און אַפּאַטישע. זיי האָבן צייט! אַז זיי פירן נישט קיין קריג, האָבן זיי צייט. מאַנכע נעמען אַרויס פּעקלעך פון די טאַשן און נעמען זיך עסן, אַנדערע לענען זיך אָן אין דער וואַנט און גרייטן זיך צו שלאָפן. אין וואַגאָן איז פינצטערלעך. די לעמפּלעך אין באַלטן זענען שוין לאַנג נישט אָפּגעווישט געוואָרן פון שטויב. די פרוי דאָרטן ביים פענצטער זעט אויס צו זיין אַ ייִדישע. נאָר ס׳קען זיין כ׳האָב אַ טעות. שוואַרצע געלאָקטע האָר האָבן אַנדערע אויך, און קיין אַנדערע ספּעציעלע סימנים האָט זי אייגנטלעך נישט. נאָר איר אומרויִקייט און די צוויי זאָרג־קנייטשן ביים מויל, זאָגן מיר, אַז זי איז אַ ייִדישע. יאָ, און אפשר טאַקע ס׳גאַנצע פנים. כ׳קען זיך דערפון נישט אָפּרייסן. עפּעס אַזאַ איבער־ערדישע שיינקייט ליגט אויף דעם דאָזיקן פנים, באַזונדערס ווען זי זיצט רויִק. נאָר דאָס געשעט זעלטן. צומערסט פלאַטערט איר בליק ציללאָז אַרום, אַמאָל אין קופּע און אַמאָל אין פענצטער, אין דער נאַכט אַריין. אָבער ווען זי קוקט זיך אַרום אין קופּע זעט זי אויך קיינעם נישט, ווי זי וואָלט איבער אַלעמען אַריבערגעקוקט. איך זוך צו פאַנגען איר בליק, אָבער ער לאָזט זיך נישט, צוליב די שנעלע באַוועגונגען פון אירע אויגן און די האַלב־פינצטערניש אין וואַגאָן.

ווען די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט האָט זי זיך אויפגעהויבן און גע־נומען אַרויסגיין. זי האָט זיך לייכט און באַוועגלעך דורכגעשלענגלט צווישן

די אויסגעשטרעקטע פּיס פֿון די פּאַסאַזשירן אָן אַ קוק צו טאָן אויף װע־מען. זי איז געגאַנגען גראָד, עס איז געװען האַלטונג און עלעגאַנץ אין איר געשטאַלט און אין יעדער פֿון אירע באַװעגונגען. ביי דער טיר האָט זי זיך אַ סעקונדע אָפּגעשטעלט, אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אַ קוק־געטאָן אויף מיר. איצט האָב איך געזען אירע אויגן; אויגן פֿון אַ גאַזעלע, העל־ברוינער סאַמעט! זיי האָבן געגלעט, זיך געבעטן און געפּרעגט. זי איז גע־שטאַנען אונטערן לעמפּל. דאָס ליכט האָט אַרויסגעפּינען דינע גרויע שטרייפֿן אין די שװאַרצע האָר. װען זי האָט װידער אָנגעהויבן צו גיין האָב איך זיך אויך אויפֿגעשטעלט. איך האָב נאָר געװאָלט זען, װי זי גייט דאָס אַליין אַזוי שפּעט אין דער נאַכט. אַזוי האָב איך צו מיר געזאָגט. אָבער ס׳איז נישט געװען אמת. כ׳האָב געמוזט באַלד מודה זיין, אַז דאָס איז איר איבער ערדיש פּנים, װאָס האָט מיך אויפֿגעשטעלט און אַז איך װעל נאָכגיין די דאָזיקע סאַמעטענע אויגן װוהין זיי װעלן נאָר װעלן.

ס׳האָט אויסגעזען, װי זי װאָלט שוין געקענט דעם װעג. אירע פּיס האָבן זיך זיכער און ריטמיש באַװויגן אויפֿן שמאָלן סטעזשקעלע. עס איז געלעגן גלייך אין דער לבנה און װי זי װאָלט נאָר דאָס אַליין באַלויכטן. איר געשטאַלט האָט זיך אויסגעמישט מיטן לבנה־ליכט, און עס האָט מיר מאַנכע מאָל אויסגעזען, אַז איך װעל באַלד איבן זען איר פּנים און עס װעלן באַלד אויף מיר אַראָפּקוקן אירע טרויעריקע גאַזעל־אויגן אין די צװיי זאָרג־קנייטשןביים מויל.

מיר זענען באַלד געװען ביי דער סטאַנציע. דאָס האָט אַמאָל געמוזט זיין אַ גאַנץ היבשער באַנהויף. מען האָט דאָס געקאָנט זען פֿון די מאַסן שטיקלעך ציגל, האַלב־פֿאַרברענטע ברעטער און בעלקעס און קופּעס צע־בראָכן גלאָז, װאָס איז אַרום געלעגן. פֿון דעם אַלעם איז, װייזט אויס, נאָר געבליבן דער קליינער װאַרטע־זאַל, מיט אַ בילעט־לאָך ביי דער טיר, װאָס האָט זיך נישט געלאָזט פֿאַרמאַכן. ס׳איז געװען פֿינצטער און ס׳איז דאָרט קיינער נישט געװען. אויף די װענט זענען געהאנגען מאַפּעס און פֿאַר־פּלענער, אָבער זיי זענען שוין געװען אַלטע, אַראָפּגעריסן אין די קאַנטן. אין לבנה־ליכט האָבן די אותיות אויסגעזען גרעסער און װי זיי װאָלטן גע־לעגן איינע אויף דער צװייטער. זי האָט מיך איצט דירעקט אָנגעקוקט. איך האָב זיך פֿאַרשעמט און זיך געװאָלט צוריקציִען. אָבער אויף דער זייט

פון פנים, וואָס איז געווען געווענדט צום לבנה־ליכט, האָב איך געזען איר פאַרגעבנדן, איינלאַדנדן שמייכל; איך האָב נישט געקאָנט אַנדערש ווי צו גיין.

„איך קען שוין דאָ דעם וועג“, האָט זי גאָר אָן שום איינלייטונג געזאָגט. „כ׳בין שוין דאָ אַמאָל געווען, אפשר שוין צוויי מאָל און אפשר שוין גאַנצע דריי מאָל. דאָס הייסט נאָך דעם, לאָמיר זאָגן, ווי אַלץ איז שוין ווידער גוט געווען. איר זייט אַ ייִדי? דאָס האָב איך געזען. איך אויך. ווען איך וואָלט נישט געווען קיין ייִד, וואָלט איך קיינמאָל דאָ נישט אַהערגעקומען. איר זייט שוין אויך אפשר אַמאָל דאָ געווען? ניין? נו, איר זייט איינער פון די גליקלעכע דענישע ייִדן! אָבער איצט ווייסט איר שוין מסתמא וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. יאָ, נאַטירלעך ווייסט איר עס, ווער ווייסט עס דען איצט נישט? זיצט, כ׳בעט איך זעצן! די באַנק איז אַפילו נישט גאַנץ ריין, אָבער מיר וועלן מיד ווערן אַזוי צו שטיין. איך האָב אין קופּע נישט געקענט בלייבן. ווי לאַנג די באַן גייט בין איך געצוווּנגען דאָרט צו זיין. אָבער איך זע זיי נישט. כ׳זע נישט ווער עס קומט אַריין און ווער עס גייט אַרויס. כ׳קוק זיי נישט אָן, כ׳ווייס נישט ווי זיי זעען אויס. כ׳זע נישט קיין חילוק פון איינעם ביזן צווייטן. זיי זעען גאַנץ געוויינלעך אויס! יאָ, געוויס, אוודאי זעען זיי גאַנץ געוויינלעך אויס. יאָ, אַזוי געוויינלעך האָבן זיי אויך אַלץ געטאָן. אַזוי געוויינלעך ווי זיי זיצן דאָרטן און דרעמלען, אַזוי געוויינלעך ווי זיי עסן זייערע „שטולן“, אַזוי געוויינלעך האָבן זיי אויך יענע אַלע זאַכן געטאָן. עס וווּנדערט אייך אוודאי וואָס איך טו דאָ. אַז מיר וועלן נאָך דאָ אַביסל זיצן, וועל איך עס אייך נאָך מיסתמא דערציילן. די באַן וועט נאָך אַזוי שנעל נישט גיין. ס׳איז נאָך דאָ גענוג צייט. איך וועל דאָ בלייבן. איך האָב דאָ אַ ציל, כ׳ווייס נאָך נישט ווי אַזוי איך וועל אים דערגרייכן און אויב כ׳וועל אים בכלל דערגרייכן. אָבער אין דעם בין איך אַליין שולדיק: אַ מאַמע דאַרף קודם־כל בלייבן ביי אירע קינדער. כ׳האָב זיך ניט געטאָרט לאָזן רעגיסטרירן! יאָ, דאָס זאָג איך איצט, אָבער דעמאָלט, ווען זיי האָבן צוגענומען מיין פאָטער, האָב איך אַנדערש געטראַכט, האָט מיר אַלץ אַנדערש אויסגעזען. דעמאָלט האָב איך נישט געגלייבט, אַז איך וועל קענען ווייטער לעבן. אין איין נאַכט איז עס געשען. אין דער פרי, ווען כ׳בין אַהיינגעקומען איז ער שוין נישט געווען. די שטובן זענען געווען אויסגעליידיקט, נאַקעטע ווענט. נאָר אין סאַלאָן איז נאָך געשטאַנען דער פליגל.

ס׳איז געוועז אַזאַ גרויסער פליגל. ס׳קען זיין אַז זיי האָבן אים נישט גע־קאָנט באַלד נעמען, אָדער אפשר האָבן זיי זיך נישט געקאָנט אייניקן ווער ס׳זאָל אים האָבן. וואָס אַזאַ פליגל קען דערציילן! אַלץ קען ער דערציילן. פונעם קלענסטן ביזן גרעסטן. אויך דאָס וואָס מען קען אין וואָרט נישט זאָגן, קען ער דערציילן. ער איז געוועזן אָפן און דער רונדיקער פליוש־שטול איז געשטאַנען דערנעבן. די פיס זענען מיר שוואַך געוועזן און איך האָב זיך אַוועקגעזעצט. פון פיר יאָר אָן בין איך אויף אים יעדן טאָג געזעסן. די טאַנ־געזעסן האָבן אויף מיר געקוקט. מיינע פינגער האָבן זיי לייכט באַרירט, ווי זיי וואָלטן געוואָלט זיי טרייסטן. אָבער די טענער האָבן אַזוי פרעמד, אַזוי אומהיימלעך געקלונגען אין דער ליידיקער שטוב, אַז עס איז מיך באַפאַלן אַ פּחד. און ווי מיינע פינגער וואָלטן געוואָלט פאַרטרייבן דעם פּחד, האָבן זיי ווילד גענומען לויפן איבער די טאַנגענטן. כ׳האָב עפּעס פלוצים באַקו־מען אַזעלכע כוחות! דער קלאַוויר האָט געברענט, כוואַליעס פון פייער האָבן זיך פון אים געגאָסן, זיי האָבן זיך צעשפּרייט אויף די ווענט און אָנגעצונדן דעם באַלטן — די שטוב איז געשטאַנען אין פלאַמען און זי וועט באַלד איינפאַלן, ס׳וועט פון איר ווערן אַ חורבה, אַ באַרג אַש וועט נאָר איבערבלייבן. און פלוצים האָט דאָס שפּילן אויפגעהערט, ווי דאָס חיות וואָלט מיר אַרויס פון די פינגער און זיי קענען נישט מער. ווי אויסגעלאָ־שענע אויגן האָבן די טאַנגענטן צו מיר אַרויפגעקוקט. מיין אָרימער פליגל! אַזוי האָט מען אויף אים נאָך קיינמאָל נישט געשפּילט! אין מיין סאַלאָן האָט מען געשפּילט הײדן, מאָצאַרט, לייכט, עלעגאַנט; בעטהאָווען איז גע־ווען צו שווער, שאָפּען — צו ווייכמוטיק, צו מעלאַנכאָליש.

זינט מיין מאַמע איז געשטאָרבן האָט מיין פאָטער מיך טאָפּלט ליב געהאַט. דאָס לעבן פון אַ ייִדן איז געווען שווער און ער האָט מיך געוואָלט האַלטן ווייט דערפון. ער איז געווען, איך מעג עס רויק זאָגן, אַ געביל־דעטער מענטש. אין זיינע ייִנגע יאָרן האָט ער אויך געשריבן לידער, געווען אַן ענטוזיאַסט פון מוזיק, האָט ליב געהאַט ליטעראַטור, ספּעציעל די אונ־גאַרישע. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אונגאַר; פּעטעפי און וואָראָז מאַרטי זענען געווען זיינע באַליבטע דיכטער. די לעצטע יאָרן, מיט דער קרענק־לעכער ייִדן־שנאה, זענען פאַר אים געווען ביטערע יאָרן. נאָר מיט מיר האָט ער קיינמאָל ניט גערעדט דערוועגן. פאַר מיר האָט ער געוואָלט צוריק־

דרייען דאָס ראָד פון דער געשיכטע אויף אַ יאָרהונדערט, — איך האָב פון גאָרנישט געדאַרפט וויסן. איך האָב געדאַרפט זיין באַהאַלטן אין אונדזערע רייכע, גרויסע שטובן און נישט הערן און נישט זען וואָס עס קומט פאָר הינטער מיין פענצטער. אין מיין סאַלאָן האָבן אונטער די טענער פון באַרוישנדע ווינער וואַלצן, געטאַנצט זיינע, טיף־דעקאָלטירטע דאַמען מיט גאַלאַנטע, פייערדיקע קאַוואַלערן, מאַדזשאַרן — ריינע מאַדזשאַרן! צווישן זיי איז אויך געווען מאַדזשאַס. מיין פאָטער האָט זיך נישט לאַנג באַדענקט און געגעבן זיין הסכמה. „דאָס וויכטיקסטע פון אַלעם, טאָכטער, איז דאָך דיין גליק!" — האָט ער געזאָגט, און געהאַלטן מיין האַנט אין זיינע וואַרעמע, צערטלעכע הענט. „ער זעט אויס צו זיין אַ פיינער יונגערמאַן, נישט אָנגעשטעקט מיט די היינטיקע ראַסן־טעאָריעס!" — האָט ער ווייטער געזאָגט. איך בין געווען שרעקלעך באַליידיקט, וואָס מיין פאָטער האָט געקלערט וועגן די היינטיקן ראַסן־טעאָריעס, אין פאַרבינדונג מיט מאַדזשאַסן. ער אַליין איז אויך געווען אומגליקלעך, וואָס עס איז אים עפּעס איינגעפאַלן אַזאַ ניט־סימפּאַטישער געדאַנק, אין שייכות מיט זיין טאָכטערס צוקונפטיקן מאַן. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין אַנטשולדיקן און איך האָב אים קוים מוחל געווען. איך בין געווען פאַרליבט אין דעם דאָזיקן ריטערלעכן, שיינעם אונגאַר. אונטערן שוץ פון זיינע שטאַרקע פליגל, וועל איך זיין געזיכערט. צוערשט מיין פאָטער און איצט וועט מיך מאַדזשאַס פאַרהיטן פון אַלעם בייזן אין דער וועלט.

אָבער ווען די דייטשן זענען געקומען אין לאַנד אַריין איז מיט אים פאָרגעקומען אַ פאַרענדערונג. עס קען זיין, אַז עס איז שוין פריִער אויך עפּעס געווען, נאָר איך האָב עס אין מיין פאַרליבטקייט ניט געזען. כ׳בין געווען צופיל פאַרנומען מיט מיין גליק, אַז איך זאָל עס באַמערקן. נאָר איצט איז עס מיר פלוצים געוואָרן אויפפאַלענדיק, אַז ער באַציט זיך צו מיר אַנדערש ווי אַמאָל, ער רעדט עפּעס צו מיר אַזוי ווייניק, זיינע צערטלעכקייט זענען אַזעלכע לייכטע און אַזעלכע שוועבנדיקע, און צום סוף האָבן זיי אינגאַנצן אויפגעהערט. ער האָט מיך ווי אויסגעמיטן און ווי ער וואָלט עפּעס פאַר מיר פאַרבאָרגן. און דאָ איז צוגעקומען, אַז זיי האָבן צוגענומען מיין פאָטער.

איך בין נישט געווען דערביי, אָבער איך ווייס ווי אַזוי עס איז צו־

געגאַנגען. איך האָב אים געזען אַװעקפירן און אַלעס. איך װײס, אַז ער האָט גאָר נישט געזאָגט. ער האָט שטיל אױסגעפּירט זײַערע באַפעלן און איז די גאַנצע צײַט געװען פאַרטראַכט און געטראַכט האָט ער װעגן מיר, זײַן טאָכטער, זײַן אײנציק קינד — און איך האָב זיך געלאָזט רעגיסטרירן אויף מײַן אײגענעם נאָמען: רעגינאַ גאָלדבערגער!

עס זענען געװען שװערע טעג. כ׳בין אַרומגעגאַנגען װי אין אַ תוהו־ובוהו, װי כ׳װאָלט נישט געהאַט קײן חושים. מאַמע! האָבן די קינדער געמאָנט. כ׳האָב זײ געהערט רעדן און נישט געװוּסט װאָס זײ זאָגן, כ׳האָב געקוקט אױף זײ און זײ נישט געזען. מײַן פאָטערס גרויער קאָפּ איז מיר שטענדיק געשטאַנען פאַר די אױגן און װען זײ זענען געקומען מיך נעמען, בין איך גרײט געװען מיטצוגײן.

עס איז געװען אין אַן אינדערפרי. מאַדזשאַס איז גראָד די נאַכט נישט געװען אין דערהײם. אפשר איז ער שױן אײניקע טעג נישט געװען, כ׳װײס נישט, כ׳האָב װעגן אים נישט געקלערט, כ׳האָב װעגן גאָרנישט געקלערט. די דײַטשן זענען געװען העפלעך, זיך געשטעלט אין מיליטערישע פּאָזעס פאַר מיר, װי איך װאָלט געװען זײער אָפיציר. כ׳מעג זיך געזעגענען מיט די קינדער, האָבן זײ געזאָגט. זײ זענען נאָך געשלאָפן. אַלינקאַ איז געלעגן װי אַ שטילע טויב. אירע שװאַרצע האָר זענען געװען צעװאָרפן איבערן װײַסן קישן. זי האָט אױסגעזען װי אַ גרויסע. בעלאַ האָט זיך געװעקט. איך האָב שטיל פאַרמאַכט די טיר, ער זאָל מיך נישט זען.

אױפן פּלאַץ, װוּ מען האָט מיך געבראַכט זענען שױן געװען טױזנטער מענטשן, פון אַלע זײַטן האָט מען זײ געבראַכט. איך האָב קײנעם נישט געקענט, איך האָב זיך קײנמאָל נישט געחברט מיט קײן ייִדן.

ס׳איז עפּעס פּונקט געװען אַזאַ הײסער טאָג, אַזוי װי די זון װאָלט אױפגעשטאַנען פריִער װי שטענדיק, און זי האָט עפּעס באַלד אַזוי מורא־דיק און אומברחמנותדיק געברענט! קינדער האָבן געװײנט און מאַמעס האָבן זײ שטיל באַרויִקט. אַלע האָבן אַרױפגעקוקט צו די פאַרהאַנגענע פענצטער פון געשטאַפּאָ־הױז. ס׳האָט אױסגעזען װי ס׳װאָלט אױבן קײנער נישט געװען. ס׳איז מיר שװער געװען אין קאָפּ, כ׳בין נאָך קײנמאָל נישט געשטאַנען אונטער אַזאַ שרעקלעכער זון. ס׳איז געװען װי מיר װאָלטן גע־שטאַנען אין אַ פײַער און האָלטן בײַ פאַרברענט װערן. אָט זענען אַלע שױן

פאַרקוילט, נאָר זיי שטייען נאָך און קוקן אַרויף צו די געשטאַפּאָ־פענצטער, אַז זיי זאָלן אַנטשיידן זייער ענדלעכן גורל. פּלוצים איז אַרום מיר געוואָרן אַ טומל: „קימפּעטאָרינס! קימפּעטאָרינס!”, האָט מען געהערט זאָגן פון אַלע זייטן. איך האָב נישט באַמערקט, אַז אויף דער ערד זענען געזעסן פרויען מיט פּיצעלעך עופהלעך אויף די הענט. מאַנכע קעפּעלעך זענען געווען פאַר־דעקט מיט דער מוטערס בלוזע אָדער קלייד, אַנדערע מוטערס זענען געווען צו שוואַך עפּעס צו אונטערנעמען צו באַשיצן זייערע שעפּעלעך פאַר די זון. דער אונגאַרישער זשאַנדאַרם איז צוגעקומען. מען האָט אים געוויזן אויף די קימפּעטאָרינס און אים געזאָגט, אַז זיי קענען נישט דאָ בלייבן זיצן אונטער דער ברענענדיקער זון, און אַז זיי זענען נאָך צו שוואַך, אַז מען זאָל זיי קענען אַוועקשיקן. ער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט עס איינאָרדענען, און זיך געלאָזן גיין צום געשטאַפּאָ־הויז. אַלעמענס בליקן האָבן אים דאַנק באַר נאָכגעפּאָלגט. און עס האָט נישט לאַנג געדויערט איז ער אַראָפּגעקומען מיט דער גוטער בשורה, אַז די קימפּעטאָרינס וועלן מעגן וואַרטן אויף אַ צווייטן טראַנספּאָרט, זיי זאָלן נאָר אַרויפגיין אויבן וועט אַלץ דערליידיקט ווערן.

די פרויען האָבן זיך אויפגעשטעלט, זיי האָבן זיך קוים געקענט האַלטן אויף די פיס. זיי האָבן צוזאַמענגענומען זייערע בינטלעך, צוגעדריקט די עופהלעך פעסטער צו דער ברוסט און האָבן זיך אַוועקגעוואַקלט, מיטן זשאַנדאַרם אין דער שפּיץ, צום הויז. דער אָנבליק פון די אַוועקגייענדיקע פרויען מיט די קינדער האָט אַלעמען אויפגעלעבט: זענען זיי דערוויל ניצול געוואָרן. דער רב, וועלכן איך האָב נאָר איינמאָל צופעליק געהאַט געזען, איז געשטאַנען און צופרידן געגלעט זיין לאַנגע, שוואַרצע באָרד; און עס איז ווידער שטיל געוואָרן אויפן פּלאַץ. נאָר לאַנג האָט די שטילקייט נישט אָנגעהאַלטן. עס האָבן זיך פּלוצים געהערט שרעקלעכע געוואַלדן. די פרויען זענען אויבן געשטאַנען ביי אַן אָפן פענצטער, ווילד אַרומגעזוכט מיט די אויגן און געשריען:

„רבי! וואָס זאָל מען טאָן, זיי ווילן מיר זאָלן דערהרגענען אונדזערע קינדער?!”. דער רב איז צעטומלט געוואָרן, וואָס האָט ער זיי געקענט ענט־פערן? ער איז געלאָפן פון איין אָרט אויפן צווייטן און זיך געזוכט צו באַ־האַלטן. נאָר איצט זענען די פרויען אַוועקגעריסן געוואָרן פון זייערע ער־

טער, און אַ זאַק איז געקומען צו פליען דורכן פענצטער. ער איז געשלײַדערט געװאָרן מיט אַזאַ קראַפט, אַז ער האָט זיך אײניקע מאָל איבערגעדרײט אין דער לופטן, דאַן איז ער אַראָפּגעפאַלן און איז געבליבן ליגן װי אַ שװערע לײמיקע מאַסע אויף דער ערד. אינעם ערשטן אויגנבליק האָב איך נישט געװוסט, װאָס עס איז פאָרגעקומען, אָבער דאָ איז מײן אויג געפאַלן אויפן זאַק, און איך האָב געזען, אַז עס רירט זיך עפּעס אינעװײניק און איך האָב געהערט אַ שװאַך, פּישטשעדיק געװײן.

אַן ס״ס־מאַן איז צוגעקומען און אויפגעהויבן דעם זאַק. דאָס אָרט, װוּ ער איז געלעגן איז רויט געװאָרן. פון דער אַנדערער זײט האָט זיך דערנענטערט אַן אַנדערער ס״ס־מאַן. ער האָט אַרויסגענומען זײן רעװאָלװער. איצט האָט דער ערשטער ס״ס־מאַן גענומען דעם זאַק און אים אַ װאָרף געגעבן אין דער הויך און דער אַנדערער האָט געשאָסן אין אים פון רעװאָלװער. דאָס האָט זיך װידערהאָלט אײניקע מאָל, ביז עס איז שטיל געװאָרן אין זאַק. אַזוי שטיל איז געװען אַרום, װי אַלץ װאָלט זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט. די מענטשן זענען געשטאַנען װי פאַרשטײנערט. ס׳האָט אויסגעזען, װי די זון װאָלט פּלוצים אונטערגעגאַנגען און ס׳איז פינצטער געװאָרן אין גאַנצן חלל. און אין דער פינצטערניש שטײען טויזנטער פאַרשטײנערטע מענטשן, װי אײביקע מאָנומענטן אויף אַ גרויסן, גרויסן אומגליק! זײט דאַן קען איך נישט פאַרטראָגן קײן שטילקײט. זאָלן מענטשן ליבער אויסדריקן זײער פּײן, זאָלן זײ שרײען אָדער זיך בעטן, אָדער שעלטן, אָדער רעדן הכנעהדיקע רײד, זיך װאַרפן אין װילדן צאָרן, אָדער אוממעכטיק, אויפגעבנד װײנען, — אַבי נישט שװײגן!

כ׳האָב שפּעטער נאָך געזען אַ סך אַנדערע זאַכן, נאָר דאָס איז מיר נישט אויסגעװישט געװאָרן פון זכרון. כ׳זע עס, װי ס׳װאָלט געװען נעכטן. אָפילו די בערג פון טויטע, צװישן װעלכע כ׳בין אַרומגעגאַנגען, האָבן ניט אָפּגעמעקט דעם בלוטיקן זאַק מיט די װײנענדיקע עופהלעך. אַ סך מאָל האָב איך געװאָלט אַרויפלויפן אויף אַזאַ באַרג טויטע און זיך אַװעקשטעלן און שרײען! שרײען און שרײען! שרײען בײטאָג און שרײען און שרײען בײנאַכט, אַן אויפהער שרײען, אַזוי, אַז קײנער זאָל מער קײן רו, קײן מנוחה נישט געפינען! איך האָב געשריגן? אַנטשולדיקונג!

מיר זענען געפירט געװאָרן צו דער באַן. די גאַנצע שטאָט איז געװען

אויף די פיס. אַלע האָבן געוואָלט זען ווי מען פירט אַוועק די ייִדן. דער טראַפיק האָט זיך אָפּגעשטעלט. די בעלי־עגלות זענען געזעסן פאַרלייגט די הענט און געוואַרט ביז מען וועט אונדז פאַרבייפירן. די טראָטואַרן זע־נען געווען געפּראָפּט מיט מענטשן, זיי האָבן אויסגעצויגן די העלדזער, זיי זאָלן קענען בעסער זען. אַזוי, אונטער די נייגעריקע און שפּעטנדיקע בליקן האָט מען אונדז אַרויסגעפירט פון שטאָט. פלוצים האָט ווער פון אונדז אָנ־געהויבן צו זינגען, דאָס געזאַנג האָבן אונטערגעכאַפּט אַנדערע און באַלד האָט דער גאַנצער טראַנספּאָרט געזונגען. עס איז געווען אַ העברעיִש גע־זאַנג. איך האָב עס נישט געקענט. אויף די טראָטואַרן האָט מען זיך גע־שטופּט און געלאַכט. איך האָב געקוקט אין זייערע פּנימער, די פּנימער וואָס איך האָב אַזוי גוט געקענט, איך האָב זיי נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזוי צופרידן, אַזוי באַשמחהט. כ׳וואָלט אַוועקגעגעבן מיין לעבן, ווען מען וואָלט מיר פריִער געזאָגט, אַז זיי וועלן אַזוי אויסזען, ווען מען וועט אונדז פירן צו דער תליה; אַזוי זענען מיר געקומען צו דער באַן. מען האָט אונדז אַריינגעלאָזן אין פאַרמאַכטע וואַגאָנען און ווען מען האָט פאַרשלאָסן די טיר, איז אינעווייניק געווען כמעט פינצטער. מיר זענען געשטאַנען צונויפגע־דרענגט, אָנגעשפּאַרט איינער אין אַנדערן. אין אָנפאַנג האָב איך נאָך גע־פילט דעם שווייס, וואָס איז מיר גערונען איבערן פּנים און אַ ברענען אין מיין אויסגעטרוקנט לייב. אָבער דאַן בין איך אַריינגעפאַלן אין אַזאַ שלאָפ־קייט, ווי מיין מוח וואָלט אָנגעהויבן זיך אויפלייזן, און איך האָב גאָר נישט געפילט, נאָר שוואַך פאַרנומען, וואָס עס איז פאַרגעקומען אַרום מיר. כ׳האָב אַלץ געזען, ווי דורך אַ שלייער. איז דער שלייער העל — האָב איך גע־ווּסט, אַז עס איז טאָג; איז ער געווען שוואַרץ — האָב איך געוווּסט, אַז עס איז נאַכט. און ווי פון ווייטנס האָב איך געהערט גיין די באַן אויף די רעלסן, אַ לויז שטיקל אייזן האָט ערגעץ פאַרטשעפּעט און אָפּגעלאָזן. נאָכ־דעם, ווי דער באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, געדענק איך, אַז איך בין געגאַנ־גען צווישן מאַסן מענטשן, וואָס האָבן זיך באַוויגן אין אַ הויך־ברייט טויער אַריין. זיי האָבן זיך באַוויגן אַזוי שטיל, ווי זיי וואָלטן נישט געווען ממשותדיקע וועזנס, און ס׳איז געווען אַזוי שטיל, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען אָן טריט. איך געדענק אויך איינעם מיט אַ שרעקלעך גרויזאַם מויל. ער איז אַריין צווישן די מענטשן און געווילט און צעטיילט, וועמען האָט

ער געשטופּט אַהין און וועמען אַהער. מיך האָט ער אַרייַנגעשטופּט צווישן אַ גרופּע פרויען. דאַן זענען די, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער אַנדערער זייט פּלוצים אַוועק און ס׳איז געוואָרן דאָרטן העלער, דאָס אָרט איז גע־וואָרן ליידיק, אַזוי שרעקלעך ליידיק!

וואָס עס איז ווייטער געווען האָב איך נישט קיין דערינערונג. ערשט ביינאַכט בין איך ווי צו מיר געקומען. כ׳בין געלעגן צווישן צווײ פרויען. „איר האָט געחלומט״, — האָט די איינע געזאָגט. זי איז געווען אין מיין עלטער. זי האָט געקוקט אויף אַ פאָטאָגראַפיע, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט. איך מוז האָבן געהאַלטן ביי חלשן, ווייל זי האָט מיר געגעבן אַ פלעשל וואַסער. איך האָב עס אין גאַנצן אין מיר אַרייַנגעגאָסן. נאָכדעם האָט זי מיר דערלאַנגט אַ שטיקל ברויט. איך האָב זיך דערויף אַרויפגע־וואָרפן און געריסן דערפון גאַנצע שטיקער און אַראָפּגעשלונגען. דאַן בין איך אַזוי שרעקלעך מיד געוואָרן. די שטיקער ברויט זענען געלעגן און געדריקט און געשטיקט. געגריזשעט אין ליידיקן מאָגן. איך האָב זיך אויפ־געזעצט. די פרוי האָט געשמייכלט. זי האָט באַהאַלטן די פאָטאָגראַפיע אין בוזים און זיך אַוועקגעלייגט. די אַנדערע איז נאָך געווען אַ יונגיטשקע. זי איז געלעגן אומבאַוועגלעך, מיט אָפענע אויגן און אין ערגעץ נישט געקוקט.

אין צימער איז געווען בלויז נאַרעס, איינע איבער דער צווייטער, פון דער ערד ביזן באַלטן — נאַרעס. זיי זענען פול געווען מיט מענטשן, שוויי־גנדיקע מענטשן. נאָר מאַנכע מאָל האָט מען געהערט עמיצן עפּעס זאָגן. די רייד זענען אַזוי קלאָר געשטאַנען אין דער פינצטערער שטוב, ווי זיי וואָלטן געווען געשריבן מיט פייערדיקע אותיות: „ווי איז מיר און ווינד איז מיר!״. ס׳האָט אויך ווער דערמאָנט אַ קינד. די פרוי האָט אַרויסגע־נומען דאָס בילד פון בוזים און ווידער דערויף געקוקט, עס געהאַלטן פון ווייטן און עס צוגענומען נאָענט צו די אויגן. דאַן האָט זי זיך אויסגעדרייט און עס מיר געגעבן. איך האָב זיך אַרויסגעבויגן פון דער נאַרע און ביים שיין אין פענצטער, וואָס איז געקומען ערגעץ פון אַ הויף, האָב איך גע־קענט זען, אַז עס איז געווען אַ יינגעלע פון אַ יאָר פיר־פינף. ער איז גע־ווען פאַרקעמט מיט אַ שרינט, האָט אויף עפּעס געקוקט און געלאַכט. זי האָט זיך צו מיר צוגעבויגן: „איז ער נישט אַ שיינער? אים האָבן זיי דער־

הרגעטו!״. דאָס לעצטע האָט זי מיר איינגערוימט אין אויער, ווי עס וואָלט געווען אַ סוד, וואָס נאָר מיר ביידע מעגן וויסן. איך האָב איר צוריק געגעבן ס׳בילד. זי האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט.

ערשט איצט האָב איך זיך דערמאָנט אין מיינע צוויי קינדער. איך האָב זיי ווידער געזען ליגן אין זייערע בעטלעך. אַלינקאַס שוואַרץ קעפּל אויפן ווייסן קישן. זי האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסע. בעלאַס געזונט פּנימל, ער בלאָזט מיטן ברייטן נעזל, ער וועקט זיך, ער וועט באַלד אויפמאַכן זיינע ליכטיקע אויגן און רופן: „מאַמע!״. זיי שלאָפן אוודאי איצט אויך אַזוי, זיי זאָלן זיך דאָ געפינען ערגעץ אין דער נאָענט.

און איך מוז אייך זאָגן, אַז איך האָב שפּעטער וועגן זיי קיין סך נישט געטראַכט. איצט וווּנדער איך זיך דערויף, אָבער אין לאַגער האָט מען נישט קיין צייט געהאַט זיך צו וווּנדערן, אָדער צו טראַכטן. דאָרטן איז מען שטענדיק געווען פאַרנומען מיט זיך אַליין, מיטן אייגענעם ביסל לעבן. די נשמה איז געווען טויט. מען האָט געלעבט מיטן אינסטינקט און פּונקט ווי דער אור־מענטש אין אייביקן פּחד, אין אייביקער שרעק. יעדן אינדערפרי איז מען געבוירן געוואָרן אויפסניי, און נישט געוווּסט צי מען וועט דערלעבן צו זען אונטערגיין די זון. דער טויט האָט שטענדיק און פון אומעטום געלויערט. מען האָט זיך אים געווינטשן און פאַר אים מורא געהאַט. ערגעץ טיף אינעווייניק האָט געברענט אַ ליכטל. מען האָט געוווּסט, אַז עס גענאַרט, אָבער מען האָט עס געשיצט און געהיטן און מורא געהאַט אַז דאָס פלעמל זאָל זיך נישט אויסלעשן. נישט די בערג פון טויטע, נישט דער שרעק אין די אויגן פון די לעבעדיקע און אַפילו נישט דאָס, וואָס מען וואָלט אָפּטמאָל עס באַטראַכט פאַר אַ חסד אומצוקומען, צעטראָטן ווערן פון אַן ס״ס־מאַנס גראָבן שטיוול, האָט אויך נישט געקענט אויסלעשן דאָס פלעמל. מענטשן האָבן זיך געביטן, כסדר געביטן. ווען די זענען אַוועק, זענען געקומען נייע, ווען די נייע זענען אַוועק, זענען ווידער געקומען נייע, אַזוי טאָג־איין, טאָג־אויס, אַזוי וואָך נאָך וואָך, מאָנאַט נאָך מאָנאַט — אָן אַן אויפהער און אָן אַן ענדע! ס׳האָט אויסגעזען, אַז עס וועט שוין אַזוי גיין אייביק. יעדעס מאָל האָב איך גערעכנט, אַז איצט מוז עס שוין זיין מיין ריי, איצט מוז מען מיך שוין נעמען. ווייל ווי לאַנג איז עס דער שיעור צו זיין מזלדיק, צו קענען אויסמיידן זיין גורל? אָבער אַזוי ווי דער מלאך המות

וואָלט מיך אויסגעמיטן, ווי איך וואָלט געשטאַנען אין אַ זייט און ער זעט מיך נישט. ווארעם זיי איז דאָך נישט געווען קיין חילוק וועמען, אַבי זיי קענען אָנפילן די איוונס.

כ׳בין אָנגעקומען אין דער וועשעריי, געוואַשן זייער וועש. מיין פלאַץ איז געווען ביים פענצטער. דאָס איז נישט געווען קיין גוטער פלאַץ. כ׳האָב נישט געקענט אויסמיידן צו זען אַלץ, וואָס איז פאַרגעקומען אין דרויסן. ווען כ׳וואָלט עס נישט אַליין געזען, וואָלט איך געזאָגט, אַז עס איז נאָר אַ פינצטערער קאָשמאַר, אַ צוזאַמענטרעף פון ווילדע חלומות. ניין, אין חלום קען מען דאָס אויך נישט זען און דאָס קען קיינער נישט אויסטראַכטן, און וואָר קען עס אָוודאי נישט זיין! אָבער עס איז געווען. יאָ, ס׳איז געווען. מיין פענצטער איז אַרויסגעגאַנגען אויפן וועג צו די גאַז־קאַמערן און כ׳בין כמעט ביסלעכווייז געוווינט געוואָרן דערצו. אַז עס זענען פאַרבייגעגאַנגען טויזנטער מענטשן יעדן טאָג! מענטשן האַלב־נאַקעטע, מענטשן אין שמאַטעס. ווי אַ ברודיקער טייך זענען זיי פאַרבייגעפלאָסן. זיי זענען שוין געווען איבער דער גרענעץ פון לייד און פרייד. זיי האָבן שוין נישט געהאַט מער קיין כוח צו גאָרנישט. ס׳זענען געווען דאַרע ביינער, איבערגעצויגן מיט אַ גרויער הויט. זיי האָבן געענדלט צו אייגאַנדער און זייערע אויגן האָבן שוין גאָר נישט געזאָגט. זיי האָבן אויסגעזען ווי געשטאָרבענע, וואָס זענען צוליב עפּעס אויפגעשטאַנען פון די קברים, כדי איצט צו גיין צום לעצטן אונטערגאַנג.

איינמאָל איז דורכגעגאַנגען אונדזער רב. דאָס הייסט, ער איז נישט געגאַנגען, נאָר די אַרבעטער האָבן אים געשלעפּט אונטער די אָרעמס. איך האָב אים נישט דערקענט, נישט דערפאַר, וואָס ער איז געווען אין דעם צושטאַנד, נאָר ווייל דאָרטן האָט קיינער קיינעם נישט דערקענט. אַ מאַמע וואָלט נישט דערקענט איר קינד; אַ פרוי איר מאַן. די אַרבעטער האָבן מיט צייכנס דערציילט, אַז דאָס איז ער. כ׳האָב געוווסט וואָס עס איז מיט אים געשען. נאַטירלעך צוליב גאָר נישט. ביים דאַוונען איז עס געשען. אוודאי האָט אונדזער רב ניט אויפגעהערט צו דאַוונען, ווייל ער איז געווען אין אַ לאַגער. און איינמאָל ביים אויסרוקן זיך פון שמונה עשרה, האָט ער געגעבן, איר ווייסט, אַ מאַך מיטן מויל, וואָס ענדלט צו אַ שפּיי, איז פונקט דעמאָלט פאַרבייגעגאַנגען דער קאַפּאָ. ער האָט אים געלאָזן רופן. דער רב

האָט געוווּסט, וואָס אַזאַ רופן באַטייט, אַז קיינער קומט פון דאָרט נישט צוריק. ער איז אַרומגעגאַנגען און זיך מיט אַלעמען געזעגנט און איז צום סוף געשטאַנען פאַר זיין זעכצן־יאָריקן זון. זיי האָבן זיך שטום אָנגעקוקט. דעם ייִנגלס אויגן זענען פול געווען מיט טרערן. דער פאָטער האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און געזאָגט:

„אברהם, שטאַרק זיך! ס'איז נישט בכבודיק צו וויינען. אַזוי, אַז ווי עס וועט זיין דער ווילן פון זיין ליבן נאָמען, אַזוי וועט געשען. ער קען טאָן אַלץ און מעג טאָן אַלץ, און מיר האָבן אים נישט קיין דעה צו זאָגן. און דיר, מיין זון, קען איך נאָר זאָגן דאָס איינע: אַז גאָט וועט וועלן אַז דו וועסט בלייבן לעבן, זאָלסטו געדענקען, אַז דו ביסט אַ ייִד!".

דאַן איז ער אַריינגעגאַנגען צום קאַפּאָ.

ער האָט באַשלאָסן גאָרנישט צו זאָגן. ער האָט געוווּסט, אַז וואָס ער זאָל נישט זאָגן וועט נישט טויגן. דער קאַפּאָ איז געזעסן מיטן רוקן צו דער טיר און עס האָט לאַנג געדויערט ביז ער האָט זיך אויסגעדרייט.

„דו האָסט געשפּיגן אויף דער ערד, רעדו!".

„הער קאַפּאָ, כ'האָב אַ ווייב מיט קינדער; כ'ווייס נישט ווו זיי זענען איצט. אָבער איך האָף, אַז זיי לעבן, און איך וויל נאָך זיין אַ טאַטע צו מיינע קינדער".

דער הער קאַפּאָ האָט גאָר נישט געענטפערט, נאָר איז צוגעגאַנגען צו דער וואַנט און אַראָפּגענומען איינעם פון זיינע טויט־שלעגער. אָבער דער רב איז נישט געווען טויט. מען האָט אים געשלעפּט אין שפּיטאָל אַריין און ווען ער האָט דעם נעכסטן טאָג אויפגעוואַכט, איז דער ייִדישער דאָקטער געשטאַנען ביי זיין בעט. „רבי", האָט ער אים געזאָגט, „איך ווייס, אַז איר קענט נישט אויפשטיין, אָבער איר מוזט. ווען איר וועט נישט גיין צו דער אַרבעט, ווייסט איר וואָס עס וועט געשען?". האָבן אים די אַרבעטער מיטגעשלעפּט. אַ גאַנצן מאָנאַט האָט געדויערט ביז ער האָט געקענט אַליין שטיין אויף די פיס.

דאַן איז געקומען ראש־השנה און ער האָט שופר געבלאָזן. ער האָט אויך פאַר די קינדער שופר געבלאָזן. זיי זענען די לעצטע מאָנאַטן געווען אין אַ באַזונדערער אָפּטיילונג, און אַפילו אַמאָל באַקומען אַן עקסטראַ ראַציע. קיינער האָט נישט געוווּסט פאַרוואָס. צו ראש־השנה האָט מען זיך

דערװוּסט. דאָס איז אויך פֿאָרגעקומען אויפֿן פּלאַץ הינטער מײַן פֿענצטער. שוין באַלד אינדערפֿרי האָב איך געזען, אַז עס װעט הײַנט פֿאָרקומען עפּעס אויסערגעװײנלעכס, כ׳האָב עס געזען אויף זײערע פּנימער. דער װאָס האָט אונדז צעטײלט בײַם אָנקומען אין לאַגער איז אויך דאָרט געװען. כ׳האָב אים דערקענט לויט זײַן ברײטן מויל. זײַנע גרויסע צײן האָבן עפּעס אַזױ הנאהדיק געשמײכלט אַזאַ שלעכטן, אָן צו דערגרונטעװען זיך שלעכטן שמײכל. און נאָכדעם, װי זײ האָבן געהאַט אַרײַנגעשטעקט אַ סלופּ אין דער ערד, איז ער אַרײַנגעקומען בײַ מיר באָרגן אַ מאָס. ער האָט זיך געאײלט, װי אײנער װאָס האָט מורא צו פֿאַרשפּעטיקן דעם באַל. זײ האָבן געמאָסטן און געמאַכט אַ צײכן אין סלופּ און נאָכגעמאָסטן, אויב עס איז אַקוראַט. דאַן האָט מען געבראַנגט די קינדער. הונדערטער קינדער, — ייִנגלעך. די קינדער האָבן נישט געװוּסט, צו װאָס מען האָט זײ דאָ געבראַנגט. אָבער װען דער אויבער ס״ס מיטן דײַטשן דאָקטער זענען געקומען, און מען האָט גענומען צושטעלן צום סלופּ און מעסטן, האָבן זײ שוין פֿאַרשטאַנען, װאָס עס גײט דאָ פֿאָר. מאַנכע האָבן זיך באַמיט צו זײַן גרעסער, אָבער די פּויסט פֿון דײַטשן דאָקטער האָט זײ צוריק אַראָפּגעדריקט: „יודע, שװינדלער!“. נאָר אײניקע האָבן געהאַט די מאָס. די האָט מען אַװעקגעשיקט אויף אַרבעט. די אַנדערע האָט מען אַרײַנגעלאָזן אין אַ באַזונדערן בלאָק. קײן עסן האָבן זײ שוין נישט באַקומען, און קײנער האָט נישט געטאָרט צו זײ אַרײַנגײן. דעם נעכסטן טאָג איז עס געװען, װען דער רב האָט שופֿר געבלאָזן. דאָס איז פֿאָרגעקומען אין דער מיטאָג־צײַט, װען די קאַפּאָס עסן מיטאָג. דעמאָלט שטײען ייִדן אונטער זײערע פֿענצטער און זינגען. זײ האָבן נישט געקאָנט פֿאַרשטײן, װאָסערע גדולה ס׳איז הײַנט אויף די ייִדן, װאָס זײ זינגען הײַנט אַזױ הויך. דערװײַל איז דער רב אַרומגעגאַנגען צװישן די בלאָקן און געבלאָזן שופֿר. װען ער האָט זיך דערנעענטערט צום בלאָק, װוּ די קינדער זענען געװען, האָבן זײ עס דערהערט און אַרויסגעשריגן: „רבי, בלאָזט פֿאַר אונדז אויך שופֿר, עס רײַכערט זיך שוין אין קוימען, בלאָזט פֿאַר אונדז צום לעצטן מאָל!“. דער רב האָט געװוּסט, אַז ס׳קען קאָסטן זײַן לעבן, אָבער ער איז אַרײַנגעגאַנגען.

זײ זענען געשטאַנען אַרום אים און ער האָט פֿאַר זײ שופֿר געבלאָזן. נאָכדעם האָט ער געזאָגט פֿאַר זײ אַ קאַפּיטל תהילים, זײ האָבן עס געקענט

און מיטגעזאָגט. דאַן האָט ער פאַרגעזאָגט שטיקלעך פון דער תורה און שטיקלעך פון גמרא. זיי האָבן זיך צוגעהערט און צוגעשאָקלט מיט די קעפּלעך. אַ יינגעלע, אַ רבס אַ זון, וואָס ער האָט געקענט, האָט זיך צוגערוקט און שטיל געפרעגט: „רבי, איר קענט מיך נישט ראַטעווען? איך בין אַליין איבערגעבליבן פון מיין גאַנצער משפחה!". דער רב האָט אים אָנגעקוקט און דאָס יינגעלע האָט געזען, אַז ער קען נישט.

דער יידישער וועכטער איז געקומען צו לויפן און געזאָגט, אַז עס דערנעענטערן זיך ס״ס, ער מוז שוין אַוועקגיין! די קינדער האָבן אים נאָכגעשריגן:

„רבי, אין זכות פון דעם וואָס איר האָט פאַר אונדז שופר געבלאָזן, זאָלט איר נאָך דערלעבן צו הערן שופר של משיח!".

אין די טעג האָב איך אַ סך מאָל געהערט די דאָזיקע ווערטער. דאָרטן, אין לאַגער, איז פאַר מיר אויפגעגאַנגען זייער מיין, דאָרטן האָב איך פאַרשטאַנען זייער זין.

***

עס מוז שוין באַלד זיין אין דערפרי. אַלע אין דערפרי קומט זי צו מיר. כ'זע זי פונקט אַזוי ווי דעמאָלט. ס'קען זיין, אַז זי וועט שוין אַזוי צו מיר קומען דאָס גאַנצע לעבן. זאָל זי. יאָ, שוועסטער מיינע, קום, קום צו מיר, קום צו מיר שטענדיק. איך וועל דיך אָננעמען ביי דער האַנט און מיר וועלן אַרומגיין איבער דער וועלט. מיר וועלן גאָר נישט זאָגן, גאָר נישט רעדן, נאָר אַזוי אַרומגיין. קיינער וויל נישט הערן און קיינער וועט נישט פאַרשטיין. מיר וועלן אַזוי אַרום גיין אייביק. אייביק ווי דער הימל, אייביק ווי דער ים, און אייביק ווי אונדזער לייד. מיר קענען נישט שטאַרבן. מיר זענען שוין אַזוי פיל מאָל געשטאָרבן און האָבן דעם טויט נישט געפונען; און צום לעבן קענען מיר זיך נישט אומקערן. מיר וועלן אין ערגעץ קיין רו נישט געפינען. מיר מוזן שטענדיק גיין, גיין אָן אַ ציל און אָן אַ סוף. די שטערן וועלן אונדז וייזן דעם וועג. זיי האָבן אַלץ געזען, זיי זענען עדות. אין אַ פינצטערער נאַכט זאָלן זיי אונדז אַוועקפירן פון דאַנען. נישט אין הימל און נישט אויף דער ערד, נאָר ערגעץ אויף אַ דריט אָרט. דו, מיין שוועסטער, זאָלסט זיין ווי אין די לעצטע סעקונדן פון דיין לעבן, און זאָל מען זען די שאַנדע פון אונדזער ערד. אפשר וועט אונדז דאַן לייכטער

ווערן, און מיר וועלן דו געפינען. אוי, כ׳האָב זיך שוין פֿאַררעדט, אַנט־שולדיקט!

זי איז געווען פֿון אונדזער שטאָט. אַ דאָקטערן איז זי געווען. זי האָט געהאַט אַ רייכן פֿאָטער און נישט געדאַרפֿט פּראַקטיצירן. אָבער זי איז נישט געווען אַזוי ווי איך, זי האָט זיך נישט באַהאַלטן אין איר פֿאָטערס רייכן הויז, אַז זי זאָל נישט הערן דעם לייד, דאָס געוויין פֿון די מענטשן. זי איז צו זיי אַרויסגעגאַנגען. איר אויפֿנאַם־צימער איז שטענדיק געווען פֿול מיט פּרויען, ייִדישע און נישט־ייִדישע. זיי האָבן איר נישט בלויז דערציילט וועגן זייערע קראַנקייטן, נאָר אויך וועגן זייער לעבן, אויסגעגאָסן פֿאַר איר זייער ביטער האַרץ. זי האָט אַלעמען געדולדיק אויסגעהערט, געטרייסט און אויפֿגעמונטערט און געהאָלפֿן מיט אַלעמען, וואָס זי האָט געקענט. אַלע האָבן איר געקענט. אין די אָרעמע היימען האָט מען מיט ליבע און ערפֿורכט איר נאָמען דערמאָנט. זי וואָלט זיך זיכער געקענט ראַטעווען, אירע קריסטלעכע פּאַציענטקעס וואָלטן איר זיכער באַהאַלטן. נאָר זי האָט נישט געזוכט ביי קיינעם קיין הילף, זי איז מיטגעגאַנגען מיטן ערשטן טראַנספּאָרט. אויך אין לאַגער זענען די פּרויען צו איר געקומען. אָבער דאָרט איז זי געווען פּונקט אַזוי הילפֿלאָז, פּונקט אַזוי אָרים ווי זיי. מער ווי אַ טייל פֿון איר פּאָרציע האָט זי זיי נישט געקענט געבן. אָבער דאָס איז פֿאַר איר נישט גענוג געווען. זי האָט כּסדר געזוכט מיטלען ווי אַזוי פֿון ערגעץ מער עסן צו באַקומען. און איך ווייס נישט ווי אַזוי זי איז געקומען אויפֿן געדאַנק, אַז איך טויג זיך אויס צו גנבענען קאַרטאָפֿל. איך האָב דעמאָלט געאַרבעט אין קיך. זי האָט פֿאַרגעשלאָגן מיר צו העלפֿן און זען וואָס מיר קענען דאָרט באַקומען. מיר האָבן געדאַרפֿט דאָרט זיין איי־דער די אַנדערע קומען. זי האָט געזאָלט קומען מיך אויפֿוועקן. כ׳בין גראָד די נאַכט נישט געשלאָפֿן, כ׳האָב געפֿיבערט, געמיינט אַז כ׳האָב טיפֿוס, ס׳זענען געווען קראַנקע אין צימער און כ׳האָב איר געזען אַריינקומען. זי איז געשטאַנען אין טיר און זיך אַרומגעקוקט מיט שטאַרע אויגן און געפֿרעגט: „ווו איז רעגינאַ? ווו איז רעגינאַ?״. זי איז נאָך געגאַנגען אין די נאַכט־קליידער. דאָס יעקל איז געווען אָפֿן און ס׳האָט זיך געזען איר נאַקעט לייב, זי איז געווען באָרוועס, נאָר אויף איין פֿוס איז האַלב געווען אַרויפֿ־געצויגן אַ שטרימפּ, דעם אַנדערן שטרימפּ האָט זי געהאַלטן אין האַנט.

זי איז געגאַנגען פון נאַרע צו נאַרע און געפרעגט: „ווו איז רעגינאַ? ווו איז רעגינאַ”. ווען זי האָט זיך דערנעענטערט צו מיין נאַרע, בין איך אַראָפּ־געשפרונגען און בין אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל פון שטוב. זי איז צו מיר צוגעקומען און אויף מיר געקוקט מיטן ווייסל פון די אויגן און געפרעגט: „ווו איז רעגינאַ?”. אין מיין שרעק בין איך אַרויסגעלאָפן אין דרויסן און זיך ערגעץ געוואָלט באַהאַלטן. אָבער זי איז מיר איבעראַל נאָכגעגאַנגען. אַזוי זענען מיר צוגעקומען צום לאטרין גרוב, און זי איז דאָרטן אַריינגעפאַלן. זי איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף, פון די האַלב־פאַר־מאַכטע אויגן האָבן אַרויסגעקוקט שטיקלעך אויסגעלאָשענע אויגן־אַפּלעז, די אויגן האָר זענען נאָס געווען ווי פון אַ צעדריקטער טרער. זי האָט נאָך געהאַלטן דעם זאַק אין האַנט, נאָר די פינגער זענען געווען אָפן, ווי זי וואָלט אים אין דער לעצטער סעקונדע נאָכגעלאָזן. און איר ווייסט? ס'איז גאָרנישט געווען דאָס זעלבע פּנים, וואָס ערשט איין מינוט פריער. עס איז עפּעס געווען אַזאַ רויק, שטיל פּנים, יאָ, ס'האָט אַפילו געהאַט אַן אויס־דרוק פון רחמנות, פון מיטלייד. עס איז ווידער געווען דאָס פּנים פון די דאָקטערן פון אונדזער שטאָט. און איך זאָג אייך, ס'איז געווען אַ שיין פּנים!

**
*

און דאָס איז אויך געווען אַן אינדערפרי. זיי האָבן אונדז שוין גע־האַט אַרומגעשלעפּט טעג. די רוסן האָבן שוין געהאַמערט ביי די טויערן פון זייער לאַנד. האָט מען אונדז געפירט טיפער אין לאַנד אַריין. אונדזער צאָל האָט זיך כסדר פאַרקלענערט. די וואָס האָבן נישט געקאָנט מער גיין, האָט מען דערשאָסן; אַנדערע זענען אַוועקגעפאַלן און געשטאָרבן פון זיך אַליין. ס'איז זיכער אויך ווער אַנטלאָפן. איך בין אויך אַנטלאָפן, ד״ה, כ'האָב מער נישט געהאַט קיין כוח צו גיין, האָב איך זיך אויף אַ קרייץ־וועג פאַר־קערעוועט אין אַ זייט און געוואַרט אַז זיי זאָלן מיך שיסן. אָבער ס'איז גאָר נישט געשען און איך האָב זיך ערשט אָפּגעשטעלט, ווען איך האָב שוין נישט געהערט מער דעם טראַנספּאָרט.

עס האָט געגרויט אויף טאָג. איך בין געשטאַנען אויף אַ פעלד. עס איז געווען באַדעקט מיט אַ שוואַרצן שניי, אָדער אַזוי האָט ער מיר אויס־געזען אין ערשטן באַגינען. עס האָט ערגעץ געמוזט זיין אַ טייך, — שריי־ענדע וואַסער־פייגל זענען אַרומגעפליגן איבער מיין קאָפּ. זיי זענען אָבער

באַלד אַוועק און איך בין געבליבן אַליין. אַליין! כ'האָב נישט געוווּסט, וואָס איך זאָל איצט טאָן. בין איך געשטאַנען און געוויינט. דאָס ערשטע מאָל אין לאַנגע צייטן. עס איז גוט געווען צו זיין אַליין און צו וויינען. ווי לאַנג כ'בין אַזוי געשטאַנען, ווייס איך נישט. כ'ווייס נאָר, אַז עס איז מיר לייכ־טער געוואָרן אויפן האַרצן און עס איז מיר אייניקוויילעך קלאָר געוואָרן, וואָס איך דאַרף טאָן: כ'דאַרף גיין! אין וועלכער זייט? כ'האָב צוגעמאַכט די אויגן און גענומען גיין. כ'בין געווען פריי, געגאַנגען אַליין אָן וועכטער, אָן אויפזיכט פון ווער אין קיין שום מורא. כ'ווייס נישט אויב כ'האָב איר באַוווּסטזיניק אַוועקגעטריבן, אָדער כ'האָב נישט קיין כוח געהאַט וועגן דעם צו קלערן. און מיין מזל איז מיר איצט ווייטער בייגעשטאַנען. כ'האָב אָנגעטראָפן אויף אַ פּלומפּל מיט אַ קאָריטע צו פּאָיען פערד. עס האָט אויס־געזען, ווי מען איז דאָ ערשט געווען און אייליק דאָס אָרט פאַרלאָזן. שעצקע־רעשטלעך זענען אַרום געלעגן אויפן שניי, אַ זאַק איז געלעגן אויף דער ערד און אַ טאָרבע האָבער איז געהאנגען אויף דער קאָריטע. דער זאַק מיט דער טאָרבע האָבן מיך געראַטעוועט. דער זאַק האָט געהאַט די זעלבע קאָליר וואָס יענער זאַק, אָבער איך האָב אים גענומען. גענומען און אים צעריסן אין פּאַסן און אַרומגעוויקלט מיינע פיס. די טאָרבע האָב איך אָנגעטאָן אויף די פּלייצעס און אַזוי זיך געלאָזן אין וועג אַריין. איצט האָב איך געהאַט אַ שייכות צו אַ פערד. כ'האָב געגעסן פערדישע אכילה און געהאַט פערדיש אַפּעטיט! פערדיש אַפּעטיט! וואָס איז זיך דאָ פאַראַן וואָס צו שעמען? כ'האָב אַ סך מאָל מקנא געווען די דאָזיקע חיה. זי קען אַזוי רויק שטיין און עסן פון איר טאָרבע און קיינער טוט איר גאָר נישט און קיינער האָט נישט אין זינען איר שלעכטס צו טאָן. די טאָרבע האָט מיר אויך געהאָלפן, כ'זאָל קענען אויסמיידן מענטשן, נישט פאַרבייגיין זייערע הייזער, נישט אַריינקוקן אין זייערע שטובן, און נישט זען זייערע פּנימער. יאָ, געוויס איז מיין לייב געשוואָלן געווען פון הונגער, די פיס — ווי צוויי סלופּעס, אָבער דער האָבער האָט מיר סיי ווי סיי געגעבן כוח, אַז כ'זאָל קענען גיין, גיין. זיך אָפּגערוט אין אַ גרוב אָדער אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל אין וואַלד און ווייטער געגאַנגען. טאָג און נאַכט געגאַנגען! שטענדיק גע־גאַנגען! אָפטמאָל האָב איך ניט געפילט די פיס, אָבער כ'האָב זיי געזען זיך באַוועגן, כסדר זיך באַוועגן, זיי באַוועגן זיך פאָרויס, אָן אויפהער, אָן ענדע!

אין יענע טעג

אַזוי בין איך צוגעקומען צו אונגאַרן. ס׳איז שוין געווען פולער פרילינג, — אונגאַרישער פרילינג! געלע ווייץ־פעלדער האָבן מיר אַקעגן געלויכטן. די גערטנער זענען געשטאַנען אין אַלע פאַרבן. כ׳בין פאַרבייגעגאַנגען רייכע, פולע טייכן, דורכגעגאַנגען טיפע, טונקעלע וועלדער. זייער דופט האָט מיך צעטומלט און באַרוישט! נאָר זעט איר, דאָס אַלץ איז געווען גאָרנישט אַקעגן דעם, ווי עס האָט אויסגעזען דער וועג צו מיין שטאָט. דאָס מוז מען זען, עס שווינדלט מיר נאָך היינט פאַר די אויגן: קאַשטאַנען, ווייסע קאַשטאַנען, גאַנצע אַלעען פון ווייסע קאַשטאַנען! ס׳איז געווען אַ כישוף, אַ פאַרבלענדעניש, ווי אין אַ חלום. די קינדער זענען מיר אַקעגנגעלאָפן: „מאַמע, מאַמע!“. מיט איין שפרונג איז בעלאַ געווען אויף מיר, זיי האָבן זיך צו מיר צוגעטוליעט און מיך געגלעט, כ׳האָב נישט געקענט אויסרעדן אַ וואָרט, נאָר געוויינט און זיי באַגאָסן מיט טרערן. אָבער פלוצים האָט זיך אַלינקאַ אַוועקגערוקט, און בעלאַ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און שטייט שוין אויך פון וויטנס. קליינע קינדער! מיין מוח האָט גענומען אַרבעטן, ווי אַזוי כ׳זאָל מאַכן, אַז זיי זאָלן נישט זען זייער מאַמען אין אַזאַ צושטאַנד. כ׳בין אין געדאַנק דורכגעגאַנגען אַלע מיינע נישט־ייִדישע פריינט און באַקאַנטע, זיך אָפּגעשטעלט ביי דעם און געקלערט וועגן יענעם. נאָר דאָ האָב איך ווידער געזען פאַר מיר דעם המון אויף די טראָטואַרן, ביי אונדזער אַרויספירן פון שטאָט. ווי לעבעדיק זענען זייערע פנימער ווידער געשטאַנען פאַר מיינע אויגן: גלייכגילטיקע, שאָדן־פרייִדיקע, שפּאָטישע! כ׳האָב ניט ליב מ׳זאָל אויף מיר רחמנות האָבן. אָבער ווען אַ הינטל איז קראַנק געוואָרן אויפן גאַס, פלעגט דאָך יעדער צוקומען און אַרויסווייזן אַזוי פיל מיטלייד, אַזוי פיל רחמנות און אַלע זענען דאָך אימשטאַנד געווען צו העלפן.

איך בין געשטאַנען פאַר מיין הויז. ס׳איז געווען אַ שיין הויז. די פאַסאַדע איז געווען אָרנאַמענטירט מיט פאַרשידענע סטאַטוען, וואָס האָבן פאָרגעשטעלט די פיר צייטן פון יאָר, די פרוכטבאַרקייט און דאָס גליק פונעם צוזאַמענלעבן פון מאַן און פרוי. איך האָב זיך געשראָקן אַרויפצוגיין, אָבער אַוועקגיין האָב איך אויך נישט געקענט. און אַזוי, אָן צו וויסן וואָס איך טו, האָב איך געזען אַז איך שטיי ביי מיין טיר. נאָכן צווייטן מאָל איבערלייענען ס׳פלעטל האָב איך געזען, אַז עס איז נישט מער מיין

נאָמען. אָבער איך האָב אָנגעקלונגען. ס׳האָט לאַנג געדויערט ביז מען האָט געענפֿערט. ס׳איז געװען אַ יונגע פֿרוי. ס׳האָט אױסגעזען, װי כ׳האָב איר אַרױסגעשלעפּט פֿון בעט. זי איז געװען איינגעװיקלט אין אַ בלויען זײַדענעם שלאָפֿראָק, מיט גרויסע רויטע בלומען. אַז זי האָט מיך דערזען, האָט זי צוריקגעצויגן די טיר און אַרויסגערעדט דורך אַ שפּאַרע. זי האָט נישט געװוּסט װי דער מאַן, װאָס האָט דאָ געװוינט, געפֿינט זיך. זי האָט נאָר געװוּסט, אַז ער איז געװען אין דינסט פֿון די דײַטשן און איז אַװעק מיט זײַ צוזאַמען און האָט מיטגענומען די קינדער.

כ׳בין געשטאַנען װי באַטויבט און װער װייסט װי לאַנג כ׳װאָלט נאָך אַזוי געשטאַנען בײַ דער פֿאַרמאַכטער טיר, װען ס׳װאָלט זיך מיר נישט אױסגעדאַכט, אַז איך הער װעמען אױף די טרעפּן. און װען כ׳האָב זיך אױסגעדרייט צו זען, װער עס קומט, האָב איך דורכן פֿענצטער דערזען אונדזער לאַנגן הויף. כ׳האָב זיך דערמאָנט אין דער ליק, װוּ קיינער קומט נישט. כ׳בין אומבאַמערקט דורכגעגאַנגען דעם הויף. ס׳האָט מיר אױסגעזען, װי כ׳װאָלט אױף גאָר נישט געטרעטן, װי כ׳װאָלט געשװעבט אין דער לופֿטן.

דער ליק איז געװען שטיל און טונקל. אַ קאַלטער װינט האָט זיך פֿון צײַט צו צײַט דורכגעריסן און מיר געקילט דאָס פּנים.

עס האָט שוין געמוזט זײַן שפּעט אין אָװנט, װען דער ייִדישער קאַמיטעט האָט מיך געפֿונען. כ׳געדענק די שאָטנס פֿון צװיי מענער און אױפֿן הימל זענען געװען שטערן. אַ סך שטערן!

נאָך דריי מאָנאַטן בין איך אױסגעשריבן געװאָרן פֿון שפּיטאָל. מען זאָגט, אַז איך קען צוריק באַקומען מײַן דירה. אָבער, צו װאָס דאַרף איך אַ דירה? אײַער צוג איז געקומען. איך װעל דאָ זיצן ביז ס׳װעט װערן טאָג. דאַן װעל איך אַרױסגיין און זוכן. דאָס מאָל װעל איך גיין פֿון גאַס צו גאַס, פֿון הויז צו הויז, פֿון שטוב צו שטוב, כ׳װעל אָנקלאַפּן און יעדן פֿרעגן אױף מײַנע קינדער. כ׳מוז זײַ געפֿונען!

**
*

איך האָב מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ זיך אַרױסגעצויגן פֿון װאַרט־זאַל. זי האָט מיר שמייכלענדיק נאָכגעװוּנקען:

„אַ גוטע רייזע! אַ גוטע רייזע!״.

די רייד פון אַ משוגענעם ייד

אַ שטודיר־צימער. ביכער ליגן צעוואָרפן איבערן דיל, מאַנכע זענען צעריסן. ער שטייט און קוקט אויף זיי און שאָקלט מיטן קאָפּ. זיין קול איז הייזעריק, ווי ער וואָלט שוין אַזוי געשטאַנען טעג און געדעדט.

— מ'באַדאַרף אייך נישט מער, קיינער דאַרף אייך נישט מער. אייער חכמה איז נאַרישקייט, אייער אמת איז שקר. אייער ווייסן איז אומזין, אייערע אַנטפּלעקונגען — פאַלש און ליגן. איך האָב געגלייבט אין אייך. ציטערדיק איך אין מיינע הענט געהאַלטן, איך געלייענט מיט פאַרכאַפּטן אָטעם. אייך, די וועגווייזער פאַר אים, פאַרן מענטשן, פאַרן מענטשן... איר דערציילט וועגן זיין שיינקייט, גרויסקייט, דערהויבנקייט, ס'איז ליגן, שקר! אַלץ איז איצט ליגן, גנאַרעריי, אויסגעטראַכט פון טייוול, זיין חוזק געלעכטער קלינגט מיר אין די אויערן, שמעטערט מיין מוח. איר ביכער, איר קענט דערציילן, וואָס עס איז געווען און וואָס עס וועט זיין. איך זאָג אייך, אַז עס איז גאָר נישט געווען און עס וועט גאָר נישט זיין. עס איז שוין נאָך אַלעם, אַלץ איז אומגעקומען, אויפגעגאַנגען אין רויך, פאַרצערט געוואָרן פון פייער און נישטאָ מער...

ער הייבט אויף אַ בוך.

— תנ״ך. דער תנ״ך. דאָס הייליקסטע פון אַלע ביכער. דיין וואָרט הערט ער, דער מענטש, ביים קומען אויף דער וועלט, דיין וואָרט נעמט ער מיט אין קבר. אַלץ וואָס עס שטייט אין דיר איז הייליק און וואָר. קדוש, קדוש, קדוש. פאַרוואָס איז די עקדה נישט געשען? עס איז נישט גענוג געווען דער איינער קרבן? דיין גרויסקייט פאַרלאַנגט אַ סך קרבנות, מיל־

יאָנען, מיליאָנען קרבנות! דײן װילן איז געשען, פון אײן עק װעלט ביז דעם צװײטן װײסט מען, אַז דײן װילן איז געשען!

ער לײענט:

„און בענטשן װעל איך דיך בענטשן, און מערן װעל איך דײן זוימען װי די שטערן אין הימל, און װי זאַמד בײם ברעג פון ים; און אַלע פעלקער פון דער ערד װעלן זיך בענטשן מיט דײן זוימען דערפאַר װאָס דו האָסט צוגעהערט מײן קול". הם, די פעלקער װעלן זיך מיט מיר בענטשן, כ'װעל זײן װי די שטערן אין הימל און װי זאַמד בײם ברעג פון ים.

ער צעלאַכט זיך און לאָזט אַרויספאַלן דעם תנ"ך פון האַנט. שטײט אַ װײלע שטיל, נאָכדעם הײבט ער פאַמעלעך אויף דעם קאָפּ צו אַ בילד אויף דער װאַנט, באַװעגט זיך דערצו מיט שװערע טריט.

— פאָטער, טאַטע מײנער. דו האָסט זיך געגרױסט, אַז מיר זענען אַן עם־קדוש, אױסדערװײלט צװישן די פעלקער, אים צו דינען, װעלן מיר זײן װי די שטערן אין הימל, װי זאַמד בײם ברעג פון ים. טאַטע, מיר זענען נישט קײן שטערן, אַפילו װי קײן זאַמד נישט. זײ האָבן מקנא געװען דאָס זאַמד אונטער זײערע פיס, װען מען האָט זײ געפירט צום אומקום. זאַמד האָט נישט קײן האַרץ; זאַמד האָט נישט קײן נשמה. צו װאָס, צו װאָס דאַרף אַ ייִד אַ האַרץ? צו װאָס דאַרף אַ ייִד אַ נשמה? — אַזאַ ביטערע גזירה, אַזאַ שרעקלעכע שטראָף!

— טאַטע, פאָטער מײנער, כ'װיל פאַר דיר אױסרעדן מײן האַרץ, דיר דערצײלן, װי עס איז געװען. טאַטע, װען איך קלער דערװעגן זעט מיר אױס, װי די גאַנצע װעלט איז פינצטער, די זון האָט זיך אױסגעלאָשן און פאַרשװוּנדן זענען די לבנה און די שטערן. אָבער די זון האָט זיך נישט אױסגעלאָשן, אַלץ איז װי פריִער. נאָר בײ מיר אין האַרץ איז פינצטער; כ'בין װי אַ בלינדער אין מיטן העלן טאָג; דאָס חיות האָט מײנע אבֿרים פאַרלאָזן, װי עס װאָלט געװען מײן לעצטע רגע. אָבער איך מוז רעדן, כ'קען אַלײן נישט טראָגן דעם יאָך, כ'װער דערדריקט אונטער זײן לאַסט. דיר, טאַטע, איז גוט, דו ביסט אַװעק אײדער דאָס איז געשען און מיך, פאַרשאָלטענעם, האָסטו איבערגעלאָזן, צו הילפלאָזיקײט, שאַנד, פּײן און יסורים, האָסטו מיך איבערגעלאָזן. איך װײס, אַז איך בין געבױרן צו לײדן, כ'האָב זײ מיט געדולד געטראָגן, װײל אַזױ איז שױן דער גורל פון מײן

אומה. כ׳האָב געמיינט אפשר איז ערגעץ געווען אַ מיין אין דעם, אַ זין וואָס איך פאַרשטיי נישט. אָבער איצט האָט אַלץ פאַרלוירן יעדן מיין. קיין זאַך האָט מער קיין נאָמען נישט. איך פאַרשטיי נישט וואָס דאָ איז געשען, קיינער פאַרשטייט נישט. קיינער וועט שוין קיינמאָל נישט פאַרשטיין!...

— זיי זענען געשטאַנען נאַקעטע, אויסגעמישט, מענער, פרויען און קינדער, זקנים און זקנות. פון אונטער די טויערן האָבן זיי פאַרנומען די לעצטע גסיסה־קרעכצן, פון די וואָס זענען געווען אינעווייניק. זיי זענען געשטאַנען שטילע, קיינער האָט נישט געדעדט, זיך נישט באַקלאָגט, נישט געבעטן קיין רחמנות, נישט געוויינט. זיי האָבן געוווסט, אַז דאָ איז אַלץ פאַרלוירן, ס׳איז פון ערגעץ נישט צו דערוואַרטן קיין הילף. יעדע האָפע־נונג איז געווען פאַרלאָשן. זיי האָבן נאָר געוואַרט, אַז די טירן פון דעם דאַזיקן שרעקלעכן הויז זאָלן זיך שוין עפענען און זיי אויסלייזן. נאָך זיי האָט מען געבערענגט אַנדערע, כסדר, טאָג נאָך טאָג, וואָך נאָך וואָך, חודש נאָך חודש — יאָרן! יאָ, טאַטע, אַזוי איז עס געווען, אַזוי איז עס צוגעגאַנגען!

ער שטייט אַ ווײַלע שטיל.

— פאָטער מיינער, איך וויל דיך פאָלגן און זיך ווענדן צו אים, ווען איך בין אין נויט, אָבער איצט קען איך ניט, איך קען צו אים ניט רעדן. מיין צונג איז אין ביטערניש, זי טריפט מיט גאַל, איך וועל רעדן לעסטערנ־דיקע רייד. איך וועל לעסטערן אים און זיין גאַנץ באַשאַף. זיי מיר מוחל, פאָטער. כ׳קען נישט רויק טראַכטן. מיין בלוט רינט ווי לאַווע אין מיינע אָדערן. מיין האַרץ איז גליִענדיקער אַש, דאָס אַש פון מיינע אומגעקומענע ברידער. מיין נשמה איז איינגעטונקט אין סם, וואָס איך ריר־אָן איז סם. כ׳בין משוגע, זאָגט מען, יאָ, כ׳בין משוגע, כ׳בין אַ משוגענער ייִד. כ׳וועל אַרומלויפן אין די גאַסן, זאָלן זיי לאַכן, זאָלן זיי שפּעטן, זאָלן זיי וואַרפן שטיינער, זאָלן זיי טרעפן, זאָלן זיי, אָט דאָ אין קאָפּ, אין מיין צעווייטיקטן מוח און אים צעשמעטערן, און זאָל רינען בלוט, מיין בלוט, און לאָז מיך אומקומען! כ׳בין קראַנק. יסורים עסן מיין לייב, כ׳וויל זיך ראַטעווען, כ׳וויל אַנטלויפן. וווהין זאָל איך לויפן? ווו האָב איך אַן אַנטרינונגס־אָרט? איך וועל אומעטום הערן זייערע לעצטע געשרייען, דאָס געוויין פון די קינדער, דאָס כליפּען פון אַלטע לייט. דו, גאָט, זיי האָבן צו דיר גערופן אין זייער

נויט. פאַרוואָס איז זיי דאָס געקומען? פאַרוואָס? איך, דער איבערגעבלי־בענער, פאַרלאַנג אַן ענטפער. דאָס ביסטו מיר שולדיק, מיך, וואָס דו האָסט געשאַפן אין דיין געשטאַלט, מיר געגעבן אַ פינטעלע פון דיין אומענדלעכן געדאַנק. רבונו־של־עולם דערבאַרעם דיך און לאָז מיך וויסן, וואָס דאָ איז געשען און פאַרוואָס עס איז אַזוי געוועזן דיין ווילן. דו האָסט דאָך מיך באַשענקט מיט חושים, געמאַכט, אַז איך זאָל קענען אין אַ מענטשנס אויג זעען זיין פרייד, זיין זאָרג, און אויך פילן דעם צער פון אַ שטומען בעל־חי. עס מוז דאָך זיין אַ זין אין דעם וואָס ס׳איז געשען, אַנטפּלעק אים פאַר מיר, כאָטש דאָס איינע מאָל. איך האָב אַ רעכט דאָס צו פאַרלאַנגען. איך בין די קרוין פון דיין באַשאַף! די קרוין פון דיין באַשאַף? נישט אמת! ער קען דאָס נישט זיין. ער איז מיאוס, ער איז די שאַנדע פון דיין ווערק. איך האָב מיט אים מיטלייד. יאָ, איך האָב מיט אים מיטלייד, אים, דעם גרויסן, דעם הערלעכן, וואָס פליט אין דיינע הימלען, גייט אויפן גרונט פון דיינע ימים, ער איז נידעריק, נידעריקער פון גראָז. ער האָט זיך נישט איינגעגעבן, ער איז אַ טעות. ער האָט דיין ווילן אַרויסגעריסן פון די פינצ־טערנישן, און פון דאָרט מיטגעבערענגט די שרעק. כ׳האָב מורא פאַר אים, כ׳מוז פון אים אַנטלויפן, אין אַ וויסטן מדבר, ווו קיינער קומט נישט. כ׳וועל פאַר די שטיינער דאָרטן אַלץ דערציילן, זיי וועלן וויינען, צעפּאַלן פון געוויין!

ער איז אַ ווײלע שטיל געבליבן.

— ניין! כ׳וועל נישט אַוועקגיין! כ׳וועל בלייבן צווישן זיי, וועל אַרומ־גיין און זיי שטענדיק דערמאָנען ווער זיי זענען, זיי וואַרפן אין פנים אַריין: איר טעותן, איר וואָס זייט נישט מענטש און נישט חיה. טאָ ווער־זשע זייט איר? אַ משוגענער ייִד פרעגט, ווער איר זייט. איר ווייסט נישט? אוודאי ווייסט איר נישט, ווייל איר זייט אַ טעות. אייער באַשאַפער האָט עס אַזוי נישט געמיינט. רבונו־של־עולם! נעם צוריק, נעם אים צוריק, אַלץ נעם צוריק, דיין גאַנצן באַשאַף נעם צוריק, דיינע הימלען, דיינע לאַנקעס, דיינע וועלדער, דיינע טייכן — אַלץ! ווי איך האָב דאָס באַוווּנדערט, יעדע רגע פון טאָג, אין מיינע חלומות פון די נעכט. מיין נשמה האָט צו דיר שירה געזונגען. דו האָסט עס דאָך געשאַפן פאַר מיר, פאַר מיר אַליין. איצט איז מיין נשמה איינגעהילט אין טרויער און איך זע עס מער נישט. איך דאַרף

עס נישט מער. ברענג עס צוריק צום תוהו ובוהו, און זאָל ווידער פינצטער ווערן, און זאָל זיין גאָרנישט. און מיך נעם אויך צו, פאַרוואַנדלט מיך צוריק אין שטויב, און זאָל פון מיר קיין זכר נישט בלייבן!

— מיליאָנען יאָרן האָסטו מיך פאַרטראַכט, מיר געגעבן אַ טייל פון דיין איך. איך האָב דיין אייביקייט דערזען, בין געוואָרן אַ שותף צו איר, אַ טייל פון איר. איך האָב דיך תופס געווען און זיך צו דיר באַהעפט. אָבער איצט וויל איך זיין גאָר נישט. איך, וואָס האָב דיך תופס געווען, וויל אויסגעמעקט ווערן, וויל זיין גאָרנישט. אַז איך האָב דאָס געקענט טאָן! איך בין שולדיק, יאָ, איך בין שולדיק. איך אַליין? ניין! דו רבונו־של־עולם, דו ביסט דער גרעסטער חייב. איך האָב נישט קיין מורא דיר עס צו זאָגן; דיין שטראָף שרעקט מיך נישט מער. איך האָב שוין אויסגעליטן די יסורים פון אַלע וועלטן. איך בין שוין דורכגעגאַנגען אַלע אָפּטיילונגען פון גהינום, נישט דו און נישט דיין טייוול קענען שוין אויסטראַכטן מער. דו זעסט מיינע וואונדן? מיינע אייטערדיקע וואונדן? עס רינט פון זיי בלוט, גרין בלוט, עס רינט און רינט, די וועלט וועט דערטרונקען ווערן אין מיין בלוט! אומקום! אַלץ זאָל אומקומען. אויב דו ביסט נאָך פאַראַן, מאַך, אַז עס זאָל געשען. באַווייז דיין כוח און זאָל אויפגיין דער חשבון. זאָל די וועלט ווערן ריין, אויסגעלייזט. שיק אַרויס דיינע וואַסערן און זאָלן זיי אַלץ אָפּשווענקען פון דער ערד, און נאָך דעם זאָל דיין זון אויסטריקענען די וואַסערן, אויסטריקענען די ערד, אין גאַנצן, און זי זאָל זיך צעפאַלן אויף שטויב, און עס זאָל זיין גאָרנישט. אַזוי וועסטו באַווייזן, אַז דו ביסט נאָך דאָ, אַז דו ביסט דער האַר פון דער וועלט, דו געוועלטיקסט און ווייטער קיינער נישט!

— נאָר אויב דו טוסט עס נישט, גלייב איך נישט, אַז דו געפינסט זיך נאָך; גלייב איך, אַז דו ביסט געשטאָרבן. גאָט איז געשטאָרבן. גאָט איז טויט. און ס'איז נישטאָ קיינער און ס'איז גאָר נישטאָ!

ער פאַלט מיטן פּנים אויף דער ערד און וויינט פאַרצווייפלט:

— גאָט איז געשטאָרבן, גאָט איז טויט, און ס'איז נישט מער דאָ קיינער, און ס'איז גאָר נישטאָ!

די זון שיינט אויף אין פענצטער. ער הייבט לאַנגזאַם אויף דעם קאָפּ און קוקט אויף איר פאַרחידושט.

אין די בערג פון גליל

ווי שוואַרצע דראָענדיקע ריזן זענען די בערג געשטאַנען אַרום דער קאָלאָניע. זייערע פּיינטלעכע, מיט שלעכטע כוונות אָנגעפּילטע קעפּ, האָבן זיך סודותפול באַהאַלטן אינעם אָנגעכמורעטן נאַכט־הימל. ס'איז געווען אַ שטילע נאַכט. מען האָט היינט נישט געהערט דאָס שטענדיק משוגענע שיסן פון די בערג. מען האָט געקענט מיינען, אַז עס איז זיי שוין נמאס געוואָרן דאָס דאָזיקע ווילדע שפּיל, אָדער זיי האָבן שוין אפשר גאָר אין גאַנצן די בערג פאַרלאָזן, און זענען צוריק אַריבער אויף יענער זייט גרענעץ.

אָבער די באַוווינער פון דער קאָלאָניע האָבן געוווּסט, אַז אַזוי איז עס נישט, אַז זיי זענען נאָך דאָרט פאַראַן, אַז זיי האָבן די בערג נישט פאַרלאָזן. זייער שווייגן קען זיין אַ המצאה, אַ נייע טאַקטיק אין זייער פאַרעקשנטן קאַמף מיטן דאָרף. אָדער זיי זענען פאַרנומען מיט פּלאַנלייגן, פאָרברייטן און באַלד וועלן זיי ווי פאַנטאַסטישע נאַכט־חיות פּלוצלינג אַרויסקומען פון דער פינצטערניש, זייערע מיט בלוט־פאַרלאָפענע אויגן, וועלן ווי גליִענדע פייער־ווערים אַרומזוכן אין דער נאַכט, און מיט ווילדע אימהדיקע קולות וועלן זיי זיך אַרויפוואַרפן אויף דער קאָלאָניע, און ס'וועט זיי דאַן שווער זיין צו פאַרטרייבן.

די וואַכן האָבן זיך מיט אַלע חושים איינגעהערט אין דער שטילקייט. זייערע בליקן זענען געשפּאַנט געלעגן אויף די שוואַרצע בערג. אָבער די נאַכט האָט אַלץ פאַרדעקט און אין דער פינצטערניש באַהאַלטן אירע סודות.

די באַוווינער פון דער קאָלאָניע זענען געווען אומרויִק. וואָס פאַרבאָרגט זי די דאָזיקע שטילע נאַכט אין איר שויס? וואָס באַטייט איר שווייגן? קיינער האָט נישט געקענט געבן קיין תשובה.

די מענטשן אין די שוצגריבער זענען געװען אױסגעמאַטערט און מיד, זײ האָבן זיך שױן ניט געקענט האַלטן אױף די פֿיס. װאָכן־לאַנג שױן ניט געשלאָפֿן, ניט אױסגעטאָן די קלײדער. אָבער די הײנטיקע נאַכט זענען זײ געװען מידער װי שטענדיק, די דראָענדיקע שטילקײט איז געװען שװערער אױסצוהאַלטן. װי דאָס אײביקע, ליאַרעמדיקע שיסן. אײניקע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אױף דער ערד און צוגעמאַכט די אױגן. אָבער זײער געדאַנק איז געװען װאַך און זײער האַנט האָט פֿעסט אָנגעהאַלטן דאָס געװער.

בײטאָג און בײנאַכט מיט דער ביקס. אין שטאַל, אין הױף, אין קיך — שטענדיק און איבעראַל מיט דער ביקס.

אין פֿעלד איז מען שױן לאַנג נישט געװען, זײט זײ זענען געקומען פֿון יענער זײט גרעניץ און האָבן זיך באַזעצט אױף די בערג. דאָס שטענדיקע פֿײער פֿון דאָרטן שטערט יעדע אַרבעט און ס׳איז אױך נישטאָ װער ס׳זאָל אַרבעטן. די מענער זענען אױף דער װאַך אָדער אין די שוץ־גראָבנס; די פֿרױען און קינדער זענען עװאַקויִרט נאָך חיפה. זײ, פֿון די בערג דאָרטן, האָבן שױן אַ סך מאָל געפּרוּװט אַרײַנדרינגען אין דאָרף, אָבער האָבן יעדעס מאָל מיט גרױס שאָדן זיך געמוזט צוריקציִען. האָבן זײ עס אַרומגערינגלט, באַלאַגערט עס פֿון אַלע זײטן. זײ װילן עס אױסהונגערן אױסמאַטערן די מענטשן מיט זײער שטענדיקן שיסן, אַז זײ זאָלן זײַן געצװוּנגען זיך אונטערצוגעבן.

מאיר איז אַרױסגעקומען פֿון דער דעקונג. ער איז געבליבן שטײן, װי ער װאָלט מורא געהאַט צו שטערן די שטילקײט. פֿון די בערג האָט געבלאָזן אַ װינט. ער האָט פֿעסטער צוזאַמען געצױגן דעם מאַנטל. אָבער די קעלט איז געװען פֿײכט און דורכגעדרונגען די קלײדער, האָט זיך װי פּיִאַװקעס, מיט אײזיקע מײלער, אײַנגעגעסן אין די בײנער. ער איז צוגעגאַנגען צום שטאַל און מיט קנאה אַרײַנגעצױגן דעם װאַרעם־זיסלעכן ריח, װאָס איז אַרױסגעקומען פֿון דאָרטן. בײטאָג, װען די זון ברענט, איז דאָרטן הײס, זײער הײס. ס׳איז דאָן שװער דעם אָטעם צו ציִען. איצט װאָלט ער געװאָלט זיצן אינעװײניק, זיך צושפּאַרן צו אַ קו, װאַרעמען זיך אין איר גלאַטער האָריקער פֿעל זיך צוהערן צו איר מנוחהדיקן מלה־גירהן און װי זי, טראַכטן שטילע, פֿרײדלעכע טראַכטעניש.

מאיר האָט ליב דאָס שטאַל. ער קען שױן אַלץ דאָרטן. אַלץ איז אים אַזױ הײמיש, װי ער װאָלט שױן פֿון אײביק אָן דאָ געװען. אַלץ איז אים אַזױ

באַנגט, ווי עס וואָלט געווען זיין אייגנס, וואָלט אים אַליין געהערט. יאָ, אוודאי
איז עס זיין אייגנס. די ערד דאָ איז זיין, די דאָזיקע בערג דאָ, זענען אויך זיינע.
באַקעט און שטייניק זענען זיי, אָבער זיי זענען זיינע. ווען ער איז דאָ אַהער
געקומען, האָט אים אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן דאָ געשטאַנען צו באַשיצן די
קאָלאָניע, אָפּגרעניצן איר פון דרויסן, פון דער וועלט. און ער איז צופרידן
געווען דערפון. עס איז אים געווען אַלץ איינס וואָס עס טוט זיך אין דרויסן;
ער האָט פון דאָרטן קיין גוטס ניט צו דערוואַרטן, פון דאָרטן וועט עס ניט
קומען, וואָס זאָל פאַרגיטיקן, פאַרהיילן. אָבער איצט זענען די בערג מער קיין
שוץ נישט, קיין גרעניץ. זיי טיילן נישט מער אָפּ פון דער וועלט. זי איז
געקומען און האָט זיך דאָרט באַזעצט און שיקט טויט און פאַרוויסטונג אויף
דער קאָלאָניע. קיין איין מינוט רו גיט זי נישט. איר בייזער, פאַרניכטנדער
אָטעם שוועבט שטענדיק דאָ אַרום. אַ סך איז שוין צעשטערט, אַ סך חברים
זענען שוין געפאַלן. די קברים אויפן קליינעם בית־עולמל פאַרמערן זיך כסדר,
די פאַרטיידיקער ווערן ווייניקער, און ס׳איז נאָך נישטאָ קיין
סימן פון קיין ענדע. ענדע? דאָ איז נישט קיין ענדע. דאָ איז אין סוף. פאַר
צוויי טויזנט יאָר האָבן מיר געמוזט פון דאַנען אַוועק, און איצט זענען מיר
ווייטער דאָ. איצט וועט מען שוין אונדז פון דאַנען נישט פאַרטרייבן. דאָס
לעבן האָט אַ זין דאָ, און אויך דאָס שטאַרבן. דער יחיד שטאַרבט, די זאַך
בלייבט. דער יחיד איז נאָר אַ רינגעלע אין דער קייט, פאַלט איינס אַרויס —
קומט אַן אַנדערס און פאַרנעמט זיין אָרט, און די קייט ווערט צוריק גאַנץ.
אַלץ איז דאָ באַשטענדיק, קיין זאַך ווערט נישט אָפּגעבראָכן. די טויטע און די
לעבעדיקע האָבן אַ גלייכן טייל אין אַלעם. אַלץ געהערט יעדן איינעם, אַלע־
מען. ווען ער גייט פאַרביי ס׳בית־עולמל, דאַכט זיך אים, אַז די חברים זענען
גאָר נישט טויט, זיי ליגן נאָר אַזוי און רוען זיך אָפּ. און ווען ס׳וועט געקלאַפּט
ווערן טרעוואָגע, וועלן זיי זיך אויפכאַפּן פון די קברים, אַרויפוואַרפן די העלמס
אויף די קעפּ, נעמען די ביקסן און זיך לאָזן לויפן, יעדער אויף זיין פּאָסטן.

מאיר האָט היינט געמוזט אַרויס פון אונטער דער דעקונג. זי האָט אים
אויסגעזען ווי אַ שטוב, זיין שטוב, און זי איז דאָרט געווען מיטן קינד. זי איז
אַרומגעגאַנגען מיט אירע שטילע געטרייע טריט, און באַלד וואָלט זי צוגע־
קומען צו אים און ס׳איז אים געוואָרן אַזוי שווער, אַז ער האָט געמוזט אַרויס
אין דרויסן. ס׳געשעט אַזוי אָפּט, אַז ער זעט זי, ווען ער איז אַליין ביינאַכט

אויף װאַנד. אָבער היינט איז עס עפּעס געװען ערגער װי שטענדיק. זי איז פאַר אים געשטאַנען אַזױ קלאָר, אַזױ לעבעדיק, אַז ער האָט נישט מער געקענט אויסהאַלטן.

בייטאָג מאַכט ער זיך װי ער װאָלט פאַרגעסן, ער פאַרטויבט זיך, טוט זײַן אַרבעט טומלדיק. ער שרייט און רופט צו די בהמות, װי זײ װאָלטן פאַרשטאַנען װאָס ער זאָגט. מאַנכעסמאָל דאַכט זיך אים טאַקע, אַז זײ טוען עס. דאַן װערט ער רויִק און הערט אויף צו טומלען, און רעדט צו זײ שטילע רייד, אַזעלכע מאָדנע משונהדיקע רייד, װאָס זײ פאַרשטייען נישט זייער מיין, װאָס האָבן צו זײ גאָר קיין שייכות נישט.

דאַן קען ער פּלוצים זיך אָפּשטעלן, אַנטשװיגן און װערן אַרײַנקוקן אין די אויגן פון אַ קעלבל. עס זעט אים אויס, אַז עס האָט אויגן פון אַ קינד, רחמנותדיקע, הילפלאָזע אויגן. אָבער ער װייסט אַז עס איז נישט אמת, אַז ער האָט זײערע אויגן נישט געזען. נישט אירע און נישט דעם קינדס. זי איז געשטאַנען און אַראָפּגעקוקט דערויף. ס'איז געלעגן אויף אירע הענט. די פּיסעלעך האָבן אַראָפּגעהאָנגען. ער האָט זיך נישט געקענט אַ ריר טאָן. ער האָט כסדר זיך אײַנגעקוקט אויפן שרונט פון איר קאָפּ. ער האָט שטאַרק געאָטעמט און אײַנגעזאַפּט דעם דופט פון אירע האָר. דער דופט האָט אים שפּעטער אומעטום באַגלייט, ער האָט אים שטענדיק געפילט אין זיך, ער פילט אים נאָך איצט, ער פילט אים װי אַ שמערצלעך פאַרשיכורנדן געטראַנק. זי איז צו אים צוגעגאַנגען, װײל זי האָט ביי אים געזוכט שוץ, ער זאָל איר טרייסטן, האָט זי געװאָלט, זאָל רעדן, איר עפּעס זאָגן. אָבער ער איז געװען געליימט, די צונג אין זײַן מויל איז געװען אײַנגעטרוקנט, ער האָט נישט געקענט אַרויסברענגען קיין שום קלאַנג און ער האָט אויך נישט געװוּסט װאָס ער זאָל זאָגן. ס'האָט אים אויסגעזען, אַז ער טאָר גאָר נישט זאָגן, אַז ער טאָר איצט נישט רעדן, אַז זײ דאַרפן זיך דערװייטערן איינער פון אַנדערן, זײַן פרעמדע און זיך נישט געבן צו דערקענען. װײל אין דער זעלבער רגע, װאָס זײ װעלן זיך דערקענען און אויסרעדן צו זיך אַ װאָרט, װעלן זײ זיך אויסלעשן, אויפלייזן, װעלן נישט װערן און װעלן זיך שוין קיינמאָל נישט מער געפונען. נאָר פונעם דופט פון אירע האָר, װעט ער װיסן, אַז זי איז דאָ, אַז זי גייט מיט אים.

אַזױ האָט ער איר געפילט די גאַנצע צייט, זייט דעם הייסן מיט זומערטאָג, װען זי איז אַרויפגעקומען מיטן קינד. זייט דעמאָלט האָט ער נישט

געזען און זיך נישט געקענט פֿאָרשטעלן איר פּנים. עס איז געווען, ווי עס וואָלטן געווען פֿאַרהאָנגען מיט אַ געדיכטן שלייער, און זיין אויג קען אים נישט דורכדרינגען. איצט פֿאַרעקשנט ער זיך אַמאָל און וויל אויפֿהייבן דעם שלייער. דאַן באַפֿאַלט אים אַ שרעקלעכער פּחד, ער ווערט אַזוי שוואַך, אַז ער פֿילט, אַז ער קען נישט, אַז ער האָט נישט קיין כּוח עס צו טאָן. נאָר אירע האָר מיטן שרונט זעט ער פֿאַר זיך שטענדיק. אַמאָל גליטשט זיך זיין בליק נידעריקער אַראָפּ און בלייבט ליגן אויפֿן ווייסן רונדן נאַקן, מיט דער ווייכער ליניע אין מיטן. ער זעט אויך ס׳שטיפֿערישע פּיאהלע, וואָס צערטלט און גלעט איר אויער. ס׳ווערט אים דאַן אַזוי ווייטיקלעך וואַרעם ביים האַרצן און ער שטייט מיט די אָרעמס אין דער הייך, ווי ער וואָלט איר קאָפּ אין זיינע הענט געהאַלטן. ער פֿירט אים דאַן צו צו זיין מויל און קושט אים און וויינט. די טרערן גיסן זיך און מאַכן נאַס אירע האָר, רינען אין שרונט און אַראָפּ אויפֿן האַלדז. אָבער באַלד כאַפּט ער זיך, אַז עס קען נאָך ווער אַריינקומען און זען, און ער נעמט ווידער זיך קאָמאַנדעווען מיט די בהמות. די קאַרע באַקומט פֿון אים אַ זעץ פֿון וואָס ער האָט באַלד חרטה און ער פֿאַרגיטיקט איר די עוולה מיט צערטלעכע קלעפּעלעך און גלעטן, ביז ער מיינט, אַז זי איז שוין איבערגעבעטן.

ס׳דערנענטערן זיך טריט. ער דערקענט, אַז ס׳איז דער קאָמענדאַנט.

„ס׳איז היינט עפּעס אַזוי פּאַסקודנע שטיל אויף די בערג!“, זאָגט ער. „גאָט ווייסט וואָס זיי גרייטן דאָרט צו און זיי זענען אויך נאָך נישט צוריק געקומען“. ער קוקט אומרו‌יִק אויפֿן וועג אַרויס. „וואָס מיינסטו, מאיר, קען עס זיין, וואָס זיי זענען נאָך נישטאָ?“.

„ס׳איז נאָך פֿרי, זיי וועלן מסתּמא באַלד קומען“.

דער קאָמענדאַנט זאָגט אָן מאירן, אַז ער זאָל זיך האַלטן נאָענט צו דער דעקונג. „די אַראַבער האָבן אויגן אין דער נאַכט!“.

אָבער מאיר שרעקט זיך היינט פֿאַר קיין זאַך נישט. ער האָט עפּעס היינט דעם זעלבן געפֿיל, וואָס אין קאָנצענטראַציע־לאַגער. דאָרטן האָט ער זיך אויך פֿאַר קיין זאַך נישט געשראָקן. אין יענעם הייסן זומער נאָכמיטאָג איז דער אַנגסט פֿון אים אַוועק און האָט מיטגענומען זיין נשמה. ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ טויטער. עס האָט אים נישט געאַרט, אַז ער האָט געדאַרפֿט גיין אין גאַז־קאַמער און ער האָט זיך נישט געפֿרייט, ווען דער

דייטשער מאַנסטער איז געקומען צו לויפן און אים באַפרייט און געזאָגט, אַז ער זאָל אים העלפן פאַרטיק מאַכן די באַראַקן. ערשט איצט געדענקט ער עס, זעט עס קלאָר פאַר זיך, ערשט איצט זעט ער ווי אַזוי ער איז געשטאַנען צווישן אַנדערע נאַקעטע מענטשן, און געוואַרט ביז מען וועט זיי אַריינלאָזן אין גאַז־קאַמער. יאָ, איצט געדענקט ער אַלץ. דעמאָלט איז ער געווען טויט. ווי אַ טויטער האָט ער געזען אויפמאַכן די טויערן פונעם לאַגער און ווי אַ טויטער האָט ער זיך געלאָזן איבער דער וועלט, איז געגאַנגען לאַנג איבער שטעט און לענדער, ביז ער איז צוגעקומען צו דער שיף, וואָס האָט אים געדאַרפט ברענגען נאָך ארץ־ישראל.

ער איז געווען גליקלעך, וואָס מען האָט אים דאָ אַהערגעשיקט און אים געמאַכט פאַר אַ פּאַסטוך. דאָ האָט ער שטיל אַרומגעוואַנדערט מיט זיינע שאָף און געקענט טראַכטן, זיך דערמאָנען און דערמאָנענדיק זיך האָט ער צוריק אויפגעוואַכט צום לעבן און ער האָט ווידער אַלץ געזען, אין אַ רויט, פאַרצערנדיק ליכט האָט ער עס געזען, ווי אין אַן אימהדיקער שרעקלעכער שריפה און צוזאַמען מיט דער דערינערונג איז געקומען דער ווייטיק. אָבער ער האָט אים צוגענומען מיט ליבשאַפט און מיט דאַנקבאַרקייט, ווייל יעדעס מאָל ווען ער טראַכט דערוועגן, דאַכט זיך אים, אַז ער האָט דעמאָלט נישט גענוג געליטן. נישט ווען ס'קינד איז אומגעקומען און נישט, ווען מען האָט זיי געפירט צום אומשלאַג.ביידע מאָל איז ער איר נישט געווען קיין שטיצע, און איר קיין טרייסט־וואָרט נישט געזאָגט. ווי שוואַך, ווי אומבאַהאָלפן ער איז געווען. ס'שוידערט אים, ווען ער דערמאָנט זיך, וואָס זי האָט דעמאָלט געטראַכט, וואָס זי האָט דעמאָלט געליטן.

דער קאָמענדאַנט איז ווידער צוגעקומען.

„מען האָט זיי אפשר גאָר נישט געדאַרפט שיקן?", האָט ער געזאָגט מער צו זיך, ווי צו מאירן. „דעם פּונקט האָט מען אָבער געמוזט צעשטערן און דאָס האָט מען נאָר געקענט טאָן אין אַזאַ פינצטערער נאַכט, ווי די היינטיקע". זיי האָבן ביידע אַרויסגעקוקט אויפן לאַנד־וועג.

„מען קען זיך אויף יגאלן און זיין גרופּע פאַרלאָזן!", האָט מאיר געזאָגט. זיי וועלן זיך שוין אַן עצה געבן, ווען ס'זאָל חלילה נישט גיין גלאַט".

„יאָ", איז דער קאָמענדאַנט געווען צופרידן מיט מאירס בטחון. „עס

זענען די בעסטע יאַטן וואָס מיר האָבן, דאָס בערגל האָט אונדז אָנגעטאָן אַ סך צרות!״.

ער האָט זיך געקליבן אַוועקצוגיין, אָבער איז שטיין געבליבן און זיך איינגעהערט: „דאַכט זיך זיי גייען!״. מאיר האָט זיך איינגעהערט: „יאָ, זיי גייען; אָבער זיי זענען עפּעס היינט אַזוי שטיל״...

מען האָט געהערט דאָס אָנקומען פון מענטשן און באַלד האָבן זיך די ערשטע געשטאַלטן געוויזן אין הויף. זיי האָבן עפּעס פאַרזיכטיק געהאַלטן אין דער הייך. דער קאָמענדאַנט איז זיי אַקעגנגעגאַנגען. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. דאָס וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין דער הויך, האָבן זיי איצט לאַנגזאַם אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, — צוויי מענטשלעכע קערפּערס האָבן זיך אָפּגעצייכנט אויפן טונקל־גרויען באָדן.

„ווער״? — האָט דער קאָמענדאַנט שטיל געפרעגט.

„חנן און גבריאל״, האָט יגאל געענטפערט. זיין יוגנטלעך קול האָט געקלונגען פאַרטרויערט און פאַרשולדיקט און ער האָט עפּעס אויסגעזען קלענער.

„זיי האָבן זיך נישט געהאַלטן ביי דער אינסטרוקציע, — האָט ער ווייטער געזאָגט, — מיר זענען אַרויף אויפן בערגל און אומבאַמערקט צוגעקומען צום פונקט. מיר האָבן יעדן פון זיי געזען און אַפילו געהערט זיי רעדן. און דאָס איז טאַקע געווען דאָס אומגליק. מען האָט דאָרטן גערעדט דייטש. די חברים האָבן זיך נישט איינגעהאַלטן און צו פרי פאָרגעטרעטן. די פּאָזיציע איז צעשטערט, די מאַנשאַפט איז אָדער געהרגעט אָדער אַנטלאָפן. מיר האָבן דריי געפאַנגענע: צוויי אַראַבער און אַ דייטש, אַן ס. ס.־אָפיצער, דער אַנדערער איז אַנטרונען. ווילסט זען דעם תכשיט?״.

יגאל איז אַוועקגעגאַנגען. דער קאָמענדאַנט האָט זיך אַראָפּגעבויגן און געקוקט אויף די טויטע. ווי אַ שטיק אָפּגעהאַקט, פאַרגליווערט פינצטערניש האָט ער אויסגעזען. ווען יגאל איז צוריק געקומען מיט די געפאַנגענע, האָט ער זיך לאַנגזאַם און שווער גלייכגעשטעלט, ווי ער וואָלט אַ געוואַלטיקע משא אויף זיך געטראָגן. ער איז נאָך אַ ווײַלע אַזוי געשטאַנען, דאַן איז ער צוגעגאַנגען צו די געפאַנגענע. די אַראַבער האָבן זיך אונטערטעניק געבוקט און געבויגן און געוויזן זייערע ווייסע בלאַנקעדיקע מיילער. דער

דייטש איז געשטאַנען אויסגעצויגן ווי אַ סלופּ. דער קאָמענדאַנט האָט אים אַראָפּגענומען דעם העלם פון קאָפּ און אים שווייגנדיק באַטראַכט.

„אַ דייטש, ווי אַלע דייטשן, האָט ער צום געזאָגט און אים צוריק־געגעבן דעם העלם. דער דייטש האָט אים נישט אָנגעטאָן, נאָר איז געבליבן שטיין מיט אים אין האַנט. ער האָט געהאַט אַ דין־געשווירן קליין קעפּל, וואָס האָט גאָר נישט געפּאַסט צו זיין גרויסן גוף. ס׳מויל איז ביי אים געווען טראַציק פאַרמאַכט און ער האָט אַרויפגעקוקט אין דער לופט אַריין. דער קאָמענדאַנט האָט זיך צו אים געווענדט:

„נאָ, דער הער אויבערמענטש איז אַהערגעקומען, כדי פּאַרצווזעצן מאָרדן, וואָס? ס׳איז שוין דאָרט נישטאָ קיין יידן מער? איז שוין דאָרט נישטאָ וועמען צו הרגענען?״.

מאירן האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט שוין אַמאָל געזען די דאָזיקע געשטאַלט. אין יענעם קאָשמאַרדיקן טונקל־גרויען באַגינען האָט ער אים געזען. ער האָט זיך אויך דערמאָנט די פּאַרצווייפלטע הילפלאָזיקייט, וואָס ער האָט דעמאָלט געפילט. ער איז נעענטער צוגעגאַנגען. ער האָט געוואָלט הערן, וואָס דער דייטש וועט זאָגן, הערן זיין קול, דאָס קול זייערס, וואָס קלינגט ווי אַ קריגס־געשריי, ווי מען זעצט אין מעשענע טאַצן. אָבער דער דייטש האָט גאָר נישט געענטפערט. ער וואָלט אים דערקענט נאָכן קול, האָט מאיר געטראַכט. אָבער דאָ האָט ער זיך דערמאָנט, אַז יענער ס. ס.־אָפיצער האָט אויך גאָר נישט געזאָגט. ער איז, פּונקט ווי ער, געשטאַנען און דיגירינגירט מיט אַ פינגער, אָנגעוויזן די אוקראַינער ווו זיי זאָלן זוכן און וואָס זיי זאָלן טאָן און זיי האָבן זיינע באַפעלן גרינטלעך דורכגעפירט. ווי באַשמהטע משוגעים זענען זיי אַרומגעלאָפן, געזוכט און געגנישטערט, צעהאַקט, וואָס עס איז זיי געקומען אין דער האַנט אַריין, אריינגעשטאָכן זייערע באַיאָנעטן, אין יעדן אָרט ווו דער פינגער האָט אַ וויין־געטאָן. האַ, האַ, האָבן זיי געלאַכט. איצט וועט שוין ס׳יידעלע אַרויסקריכן. ער און לאה זענען געשטאַנען איבמיטן שטוב, זי איז געווען כמעט נאַקעט און גע־ציטערט פאַר קעלט. ער דערמאָנט זיך ווי אויסגעדאַרט זי איז געווען, — הויט און ביין. זי האָט די גאַנצע צייט אַראָפּגעקוקט אויף דער ערד. אַזוי זענען זיי געשטאַנען צווישן די אַרומלויפנדע ווילדע אוקראַינער און דעם שווייגנדיקן ס. ס.־אָפיצער מיט דעם אויפגעהויבענעם ווייזנדיקן פינגער

אין דער הויך. ער געדענקט נישט ווי דער אָפּיצער האָט אויסגעזען. ער געדענקט נאָר, אַז עס איז געווען אַ פּנים פול מיט פאַראַכט, פול מיט נידער־טרעכטיקייט און מיט אַ מיאוסן אָפּשפּעטנדיקן שמייכל, ווען ער האָט גע־קוקט אויף איר.

ער דערמאָנט זיך, אַז זייט דעם אומגליק מיטן קינד, האָט ער איר לייב נישט געזען, ווי זיי וואָלטן געווען פרעמדע און זיך געשעמט איינער פאַרן אַנדערן. עס איז געווען ווי דאָס בלוט אין זייערע אָדערן האָט אויפ־געהערט צו פליסן, ווי דאָס ליכט וואָלט אַרויס פון זייערע לייבער, ווי שאָטנס האָבן זיי זיך באַוועגט איינער ביים צווייטן; און דאָס טויטע קינד איז שטענדיק געווען אינמיטן, ווי עס וואָלט דערמאָנט, געוואָרנט און גע־דראָט. אָבער היינט ביינאַכט זעט ער איר אַזוי ווי זי איז געווען אַמאָל, פאַרן אומגליק מיטן קינד. ער וווּנדערט זיך ווי שיין זי איז, ווי שטראַלנד זי זעט אויס, פּונקט ווי אַמאָל. ער פילט איר היינט אַזוי נאָענט ביי זיך, אַ שטילע וואַרעמקייט שטראָמט אַרויס פון איר לייב. ער פילט יעדע ליניע, יעדעס קנייטשעלע, יעדעס רירעלע אין איר קערפּער, אַלע זיסקייטן, דעם גאַנצן צויבער פון איר ווייך־רונדיקער געשטאַלט. ער דערמאָנט זיך טויזנ־טער זאַכן. זיי פילן אים אָן מיט גליק, מיט אַזאַ גרויס אומענדלעך גליק.

אָבער ער ווייסט, אַז דאָס איז נאָר אַ חלום, אַ לאַנג־פאַרשוווּנדענער חלום, אַז דאָס וועט שוין נישט זיין מער, ער איז פאַרמשפּט צו אייביקן טרויער, אייביקער זאָרג. פאַרוואָס? — פרעגט ער — פאַרוואָס האָט מען פאַרגאָסן איר בלוט, איר אומשולדיק ריין בלוט?"

די חברים האָבן אַוועקגעטראָגן די טויטע. יגאל האָט אַוועקגעפירט די געפאַנגענע. דער דייטש איז געבליבן אַ ביסל פון הינטן. איצט האָט ער מאירן אויסגעזען, אַז עס איז באַשטימט די זעלבע געשטאַלט, יענער ס. ס.־אָפיצער. ער האָט זיך פּלוצים געפילט אַזוי קליין, אַזוי שפּלדיק. ער האָט זיך פאַרגעוואָרפן, פאַרוואָס ער האָט דעמאָלט אַזוי געהיטן זיין ביסל צרה־דיק לעבן, אַזוי פּחדנותדיק עס געהיטן. ער קען נישט פאַרשטיין, אַז ער האָט זיך דעמאָלט נישט אַרויפגעוואָרפן אויף דער דאָזיקער נידערטרעכ־טיקער חיה און איר נישט איבערגעביסן דעם גאָרגל, איר נישט צעריסן אויף טויזנטער פּיצלעך.

יעדעס מאָל, ווען ער האָט געקלערט דערפון, האָט ער עס געזוכט צו

פֿאַרענטפֿערן: ער האָט געדאַרפֿט איבערבלייבן, כּדי נקמה צו נעמען; נקמה, פֿאַר איר און פֿאַרן קינד. דאָס איז זיין אויפֿגאַבע, זיין הייליקע אויפֿגאַבע. דאָס האָט אים געגעבן כּח אויסצוהאַלטן די אַלע יאָרן. און נישט בלויז פֿאַר איר און פֿאַרן קינד, נאָר פֿאַר אַלעמען וועט ער נקמה נעמען. דאָס איז דאָך געווען זייער לעצטער ווונטש, זייער צוואה, דער לעצטער אויס־געשריי פֿון די וואָס זענען אַריין אין די גאַז־קאַמערן, אומגעקומען אויף די תּליות, דערשאָסן געוואָרן ביי אָפֿענע גריבער, אָדער פֿאַרפֿייניקט גע־וואָרן פֿון הונגער און איבערמענטשלעכער אַרבעט.

אין וואָס די נקמה וועט באַשטיין האָט ער נישט געוווּסט. מאַכטלאָז ווי ער איז געווען, האָט זי נישט געקענט אָננעמען קיין באַשטימטע פֿאָרעם. אָבער אַלס ערשטן ציל האָט ער זיך געקענט דענקען צו דערהרגענען די ס. ס.־לייט אין לאַגער און זען זיי ליגן קאַלטע און טויטע אויסגעצויגן אויף דער ערד. און נאָך דעם, נאָך דעם וועט ער טאָן עפּעס אַנדערש, עפּעס גרוי־סעס, עפּעס שרעקלעכעס, עפּעס אַזוינס אַז די וועלט זאָל זיך אַ טרייסל־טאָן, זאָל דערציטערט ווערן און זאָל עס קיינמאָל קיינער נישט פֿאַרגעסן! אָבער איינציקוויז איז דער געדאַנק אָפּגעשוואַכט געוואָרן, בלאָסער גע־וואָרן, ביז ער האָט זיך אין גאַנצן פֿאַרנומען, געבליבן ערגעץ אין מוח ווי אַן אומבאַשטימטער געדאַנק. ער איז מיד געווען און האָט געבענקט נאָך רו, נאָך פֿאַרגעסנהייט. און דאָ האָט אים דער עקלדיקער דייטש ווידער דער־מאָנט אין אַלעם. ער האָט ביי אים אַרויסגערופֿן זכרונות, אויפֿגעדעקט בילדער, וואָס מאַכן ציטערן זיין לייב, פֿאַרטונקלען זיין פֿאַרשטאַנד! ער זעט פֿאַר זיך ווידער זיין גאַס אין וואַרשעווער געטאָ. אַ שמאָלע גאַס מיט הויכע שוואַרצע הייזער. זי איז פֿאַרגאָסן מיט אַ ווייס ברענענדיק ליכט. די הייזער זען אויס, ווי זיי וואָלטן געברענט, געווען גלי׳ענדיקער אַש און אין מיטן אין דער ברענענדיקער גאַס, אַרומגערינגלט פֿון סאָלדאַטן, שטייען די קינדער. מען ברענגט זיי פֿון אַלע זייטן, פֿון די געסלעך אַרום, פֿון די הייזער אַרויס, פֿון אַלע עקן קומט מען מיט זיי. און אָט קומען זיי מיט זיין חיהלע. זי איז צעשראָקן און ווייסט נישט ווו צו גיין. אַ סאָלדאַט שטופּט איר אונטער מיט דער קאָלבע פֿון זיין ביקס. און אָט האָט ער זי אַריינגעשטופּט צווישן די קינדער. און ער און זיין ווייב זען איר נישט מער. דאָס שרעקלעכע ווייסע ליכט גליט אויף זיין פּנים, ס׳וועט אים די אויגן

אויסברענען. ער בייגט אַוועק דעם קאָפּ און איצט איז אים גוט, ער איז אין דער פינצטער. און פון דער פינצטערניש אַרויס זעט ער זיין ווייב, זי לויפט אַרום אין גאַס, ווי אַן אָנגעצונדענער פאַקל אין פייער.

זיי וועלן מיר נישט מוחל זיין, קיינמאָל וועלן זיי מיר נישט מוחל זיין, נישט זי און נישט ס׳קינד, ווען כ׳וועל נישט נקמה־נעמען פאַר זייערע יונגע לעבנס, פאַר זייער אומשולדיק פאַרגאָסן בלוט. איך בין דאָ אַהער־געשיקט געוואָרן כדי איך זאָל עס קענען אויספירן. דאָס איז מיין שליחות, די ירושה, וואָס איז מיר איבערגעבליבן. דאָס איז די איינציקע אויפגאַבע פון מיין לעבן. ס׳איז דאָ אַ מיין אין דעם. און איצט ווייסט ער, אַז ער וועט עס טאָן, היינט וועט ער עס טאָן און אַ מאָדנער ווילדער כוח באַהערשט אים, זיינע ביינערדיקע פינגער דריקן זיך קראַמפּהאַפט צוזאַמען. יאָ, כ׳וועל עס טאָן, יאָ, כ׳וועל עס טאָן! רעדט ער פאַר זיך. נישט מיט קיין קאַלט פיצל אייזן, נאָר מיט מיינע הענט, מיט מיינע בלויזע הענט, וועל איך עס טאָן. ער זאָל פילן מיין ווייטיק, דעם גאַנצן פיין, דעם גאַנצן סם, וואָס זיי האָבן אַריינגעגאָסן אין מיין האַרצן.

„לאה, — זאָגט ער שטיל — איך פיל דיך היינט אַזוי נאָענט ביי מיר. איך זע דיין פאַרפּייניקט געשטאַלט, דיין יסורימדיק פּנים; בלייב דאָ און זע, ווי כ׳וועל אָפּוואַשן די שאַנד, וואָס זיי האָבן אונדז אָנגעטאָן. זע, ווי איך וועל צוריקנעמען מיין באַרויבטן כבוד, דעם כבוד פון אַ מאַן און פון אַ פאָטער. היינטיקע נאַכט מוז איך אויסגעלייזט ווערן פון דער דערנידעריקונג, אויסגעלייזט ווערן אָדער אומקומען און זיין גלייך מיט דיר און מיטן קינד.

באַראַק איז געקומען אים טוישן. מאיר איז אַריינגעגאַנגען און אַוועקגעשטעלט די ביקס. דאַן איז ער אַראָפּ אין קעלער צום קאָמענדאַנט.

דער קאָמענדאַנט איז געזעסן און געקוקט אויף אַ מאַפּע, וואָס איז געלעגן אויסגעשפּרייט אויפן טיש, באַלויכטן פון אַ ליכטל, וואָס איז גע־שטאַנען אין אַ לייכטערל.

„גיי, מאיר, לייג זיך צו, רו זיך אַ ביסל אויס״, האָט ער געזאָגט. „וועסט באַלד דאַרפן געבן עסן די בהמות. אָבער דו קענסט רויק שלאָפן, כ׳וועל דיך שוין אויפוועקן״. מאיר האָט גאָר נישט געענטפערט, און דער קאָמענדאַנט האָט ווייטער גערעדט אַרומפירנדיק מיט דעם פינגער אויף דער מאַפּע.

„מיר זענען אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. אויב ס׳וועט נישט באַלד קומען קיין הילף, ווייס איך נישט מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן. מיר האָבן שוין אויך האָלד נישט מיט וואָס צו שיסן. מיטן אויפרייסן די פּאָזיציע אויפן בערגל, איז די סיטואַציע דערווייל אַביסל לייכטער געוואָרן. אָבער ס׳האָט אונדז טייער געקאָסט, צוויי חברים פאַרלוירן. מיר זענען שוין אַזוי וויניק, אַז פאַרלירן אַ מענטש, איז ווי פאַרלירן אַ פּאָזיציע״.

מאיר האָט כסדר געשוויגן. דער קאָמענדאַנט האָט ווייטער גערעדט.

„צוויי טייערע חברים געווען. אָבער דער פּונקט האָט געמוזט פאַרניכטעט ווערן, ער איז צו נאָענט געלעגן און האָט אונדז געשטערט אין יעדן ריר״.

דעם קאָמענדאַנטס ווערטער וועגן דער פאַרצווייפלטער לאַגע פון דאָרף און וועגן פאַרלירן אַ מענטשן, הייסט פאַרלירן אַ פּאָזיציע, האָט אים געמאַכט צווייפלען צו ער זאָל ווייטער אַנגיין אין דער זאַך און קומען מיט זיין פאַרלאַנג. ער האָט געגנוג דאגות אויך אָן דעם, האָט ער געקלערט און געוואָלט אָוועקגיין. אָבער אַז ער האָט זיך דערמאָנט דעם הייליקן צוזאָג, וואָס ער האָט געגעבן זיין פאַרגאַנגענעם ווייב, זיין דערמאָרדעטע קינד, האָט ער זיך נישט געקענט רירן פון אָרט.

דער קאָמענדאַנט האָט אויפגעהויבן זיין האַלב־גרויען קאָפּ און אים אָנגעקוקט: „האָסט עפּעס געוואָלט, מאיר?״.

מאיר איז צו אים צוגעלאָפן:

„יאָ, כ׳האָב געוואָלט, כ׳וויל, כ׳וויל האָבן, אַז דו זאָלסט מיר אַרויסגעבן דעם דייטש! כ׳וויל אים זען, כ׳וויל אים אָנקוקן!״ — האָט מאיר כמעט ווי געשריגן.

דעם קאָמענדאַנטס אומעטיקער בליק האָט לאַנג גערוט אויף מאירן, דאַן האָט ער געזאָגט מיט אַ געלעכטערל:

„כ׳וועל אים אַריינברענגען, וועסטו אים אָנקוקן וויפל דו וועסט וועלן״.

„ניין, חבר קאָמענדאַנט, — האָט מאיר זיך געבעטן, — כ׳וויל זיין מיט אים אַליין, גאַנץ אַליין!״.

„וועל איך אַרויסגיין!״, האָט דער קאָמענדאַנט ווייטער געשפּאַסט. מאיר איז צו אים גאַנץ נאָענט צוגעגאַנגען.

„אבי, כ׳קען עס דיר נישט דערקלערן. דו ביסט שוין דעמאָלט נישט

געווען אין פּוילן און דו ווייסט נישט ווי עס איז געווען. דו האָסט געַ־הערט, דו האָסט געלעזן, אָבער דו ווייסט נישט. דו ווייסט גאָר נישט. דו קענסט דאָס נישט ווייסן. דו ביסט שוין דאַן דאָ געווען, אין לאַנד, ביסט נישט געווען הפקר, האָסט זיך געקענט פֿאַרטיידיקן, דערפֿאַר ווייסטו גאָר נישט און קענסט עס נישט ווייסן. קיינער קען עס נישט ווייסן, ווען מען האָט עס נישט געזען. כ׳וועל דיר דערציילן ווי אַזוי זיי האָבן אומגעברענגט מיין קינד, מיין חיהלע, פֿינף יאָר איז זי אַלט געווען. כ׳האָב עס נאָך קיינעם נישט דערציילט, כ׳קען עס איבערן מויל נישט ברענגען. כ׳טרייב עס פֿון זיך, עס ברענגט מיך פֿון זינען. די האָר אויפֿן קאָפּ צינדן זיך מיר אָן. נאָר אַ צינד וועל איך עס טאָן. דיר וועל איך עס דערציילן. היינטיקע נאַכט איז מיר אַלץ געשטאַנען קלאָרער פֿאַר די אויגן, ווי ווען עס איז. כ׳האָב אַלץ אויפֿסניי איבערגעלעבט. ס׳איז עפּעס געווען אַזאַ שטילע נאַכט, אַזאַ שרעקלעך שטילע נאַכט, און כ׳האָב ווידער געזען יענעם הייסן זומער נאָכמיטיק. אַבי, כ׳האָב איר געלאָזט אַראָפּגיין. און יעדעס מאָל, ווען כ׳דער־מאָן זיך דאָס, איז מיר אַזוי שלעכט, אַזוי ביטער! כ׳פֿיל מיך אַזוי ניש־טיק, אַזוי גרינג, גרינגער ווי בלאָטע אויף דער גאַס, וואָס יעדער קען אויף איר טרעטן. ס׳קען זיין, אַז איך האָב געקלערט, אַ פּרוי, אויף אַ פּרוי וועלן זיי רחמנות האָבן און וועלן איר צוריקגעבן דאָס קינד. נאָר אַצינד ווייס איך, אַז עס איז נישט געווען אַזוי, אַז עס איז נישט אמת, נאָר אַז איך בין געווען אַ פּחדן, אַ פּשוטער פּחדן, וואָס האָט מורא געהאַט איינצו־שטעלן זיין צרהדיק ביסל לעבן. דערפֿאַר האָב איך איר געלאָזן אַליין אַראָפּ־גיין. אַבי, אַליין איז זי געשטאַנען און האָט אַלץ געזען, אַלצדינג אַליין געזען.

ס׳איז געווען אַ ראַציאַ אויף קינדער. מיר האָבן אונדזער חיהלען באַ־האַלטן אין אַ קאַרטאָפֿל־קעלער, אָבער זיי האָבן איר געפֿונען. און ווען זיי האָבן איר אַוועקגעפֿירט מיט די אַנדערע קינדער איז מיין ווייב אַראָפּ־געלאָפֿן, און איז זיי נאָכגעגאַנגען. די סאָלדאַטן האָבן איר אַוועקגעטריבן, אָבער זי האָט נישט אויפֿגעהערט נאָכצוגיין. דאַן האָט איינער פֿון די סאָל־דאַטן איר געפֿרעגט: „וועלכעס איז דיין קינד?“. „דאָס, דאָס“, האָט זי אָנגעוויזן אויף חיהלען און אויפֿגעהויבן די הענט אויף צו נעמען דאָס קינד. אָבער דער סאָלדאַט איז צוגעגאַנגען און אָנגענומען ס׳קינד ביי די פֿיסלעך, אַזוי האָט ער עס צוגעטראָגן צו אַ מויער און מיט איין זעץ צעהאַקט דאָס

שאַרבנדל. אבי, מיט איין זעץ אין מויער דערהרגעט דאָס קינד. נאָכדעם, אַזוי האַלטנדיק עס ביי די פיסלעך, ווי אַ טויט הינדל, האָט ער איר עס צוגעבערענגט און אַוועקגעגעבן: „ביטע שען!״, האָט ער געזאָגט. שטיל, גאַנץ שטיל, אָן אַ וואָרט, אָן אַ קרעכץ, אָן דעם מינדעסטן קלאַנג איז זי אַרויפ־געקומען אין שטוב אַריין מיטן טויטן קינד אויף די הענט. זי האָט אומ־אונטערבראָכן געקוקט דערויף. אַזוי איז זי צוגעקומען און זיך ביי מיר אַוועקגעשטעלט. חיהלע האָט געהאַלטן צוגעקוועטשט די אייגעלעך. ס׳פּנימל האָט געהאַט אָן אויסדרוק פון דערשטוינונג. אויפן שטערן איז געווען אַ קנייטש, מיט בלוט פאַרלאָפענער קנייטש. אַבי, גיב דעם דייטש, כ׳וועל אים גאָרנישט טאָן, כ׳וועל אים נישט דערהרגענען, כ׳וועל אים נישט... יאָ! כ׳וועל אים יאָ דערהרגענען! כ׳וועל אים אומברענגען! כ׳וועל פון אים אַ תל מאַכן! אַ תל מאַכן! כ׳וועל זיך מיט אים שלאָגן! כ׳מוז זיך מיט אים שלאָגן. כ׳מוז. כ׳וועל זיך מיט אים שלאָגן אַזוי לאַנג, ביז איינער פון אונדז וועט אומקומען, וועט זיין טויט! אַזוי פאַרלאַנגט מיין פאַרגאַזט ווייב, מיין אומגעקומען קינד. כ׳קען נישט לעבן, כ׳קען נישט אַזוי ווייטער לעבן. מיינע חלומות ביינאַכט זענען שוואַרצע אָפּגרונטן. די זון האָט פון מיר אָפּגעקערט איר פּנים. כ׳מוז מיך באַפרייען, כ׳מוז אויסגעלייזט ווערן, אויס־געלייזט ווערן. דו פאַרשטייסט עס, אַבי, יאָ, דו פאַרשטייסט עס, דו מוזט עס פאַרשטיין.

דער קאָמענדאַנט איז געזעסן דעם קאָפּ אַנגעשפּאַרט אין האַנט. דאָס רויטע פּלעמל פון ליכטל האָט זיך געטיקט אין זיין קרייד ווייסן פּנים. ס׳איז געווען שטיל. מען האָט נאָר געהערט מאירס קורצן, שווערן אָטעמען. ער איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען, דאַן האָט ער זיך פּלוצים אויסגעדרייט און איז אַרויסגעלאָפן פון צימער. דער קאָמענדאַנט האָט זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן:

„אַ משוגענע נאַכט הײַנט, אַ משוגענע נאַכט!״...

***

מאיר האָט זיך אַריינבאַקומען צו די געפאַנגענע. זיי האָבן זיך אויפ־געשטעלט. די אַראַבער האָבן זיך ווידער געבוקט און געבויגן און דער דייטש איז ווייטער געשטאַנען אויסגעצויגן ווי אַ סלופּ. מאיר האָט אים מיט דער האַנט געוויזן, אַז ער זאָל מיטגיין.

אין דרויסן האָט עס שוין אָנגעהויבן צו טאָגן. אויף די בערג איז גע־לעגן אַ גרויער נעפּל. עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן איצט געשטאַנען גאָר נאָענט צו דער קאַלאָניע. די לופט איז געווען פאַרגליווערט, שטייף פון קעלט. דער דייטש האָט זיך געאיילט נאָכצוקומען מאירס באַפעל, און ער האָט נישט מיטגענומען, נישט דעם העלם און נישט דעם מאַנטל. ער איז געווען אין בלויזן קורצן קאַקי רעקל. ער האָט אויסגעזען קלענער ווי ביי־נאַכט. ער האָט געפרווירן. אָבער ער האָט זיך אויפגעשטייפט און איז מיט קוראַזש געגאַנגען ביי מאירס זייט. ס׳איז אַ רחמנות! איז מאירן דורכ־געפלויגן אין קאָפּ. דער געדאַנק האָט אים געמאַכט לאַכן. דער דייטש האָט אויף אים אַ קוק־געטאָן פון דער זייט, אָבער מאירס פּנים איז ווידער גע־ווען האַרט און קאַלט און מיט דעם זעלבן פינצטערן בליק אין די אויגן. זיי זענען געגאַנגען איינער נעבן אַנדערן, ווי זיי וואָלטן זיך געאיילט צו עפּעס אַ זייער וויכטיקער אויפגאַבע. זיי זענען כמעט געווען אין דער זעלבער הייך, נאָר מאיר איז געווען מאָגערער און ביינִיקער. דער דייטש האָט זיך כסדר אַרומגעקוקט און אויסגעזען תמעוואַטע. ער זעט אויס תמעוואַטע, האָט מאיר געטראַכט, דאָס מאַכט ער זיך אַזוי ווי ער קלערט צו אַנטלויפן. ער האָט זיך צו אים אויסגעדרייט:

„דו וועסט פון דאַנען נישט אַנטלויפן. די חברים ליגן אין די שוץ־גראָבנס אַרום דאָרף. די וואַכן שלאָפן נישט. דו האָסט מסתמא ביינאַכט געזען, ווי גוט די יידן שיסן”.

דער דייטש האָט אָנערקענענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. זיי זענען ווייטער געגאַנגען. די דאָזיקע אומשולדיקע בלויע אויגן, האָט מאיר געמורמלט, קיין פּונק פון רחמנות איז נישט געווען אין זיי, קיין טראָפּעלע מיטלייד. די רציחה, די קאַלטע רציחה האָט פון זיי שטענדיק אַרויסגעקוקט, אייביקע רציחה! מאָרד, מאָרד, מאָרד! דער פּאַסקודנער דייטש, נאָך וואָס איז ער דאָ אַהערגעקומען. ער האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט.

„איך האָב מיט דיר אַ חשבון!”. דער דייטש האָט אים אָנגעקוקט, ער פאַרשטייט נישט וואָס ער מיינט. זיי האָבן ווייטער גענומען גיין און מאיר האָט פאָרגעזעצט.

„איך ווייס, נישט דו און נישט מיליאָנען פון דיינע וועלן קענען באַ־צאָלן דעם חוב. און אויך נישט צוליב דעם ביסטו דאָ אַהער געקומען. דו

ביסט אים געקומען גרעסער מאַכן. אָבער אין דעם ביסטו שוין נעבעך פאַרהינדערט. דאָס מזל האָט זיך פון דיר אָפּגעטאָן, אָרעמער קערל! אַרײַנגעפאַלן ביי די פאַרדאַמטע יודן אין די הענט אַרײַן. און איך וועל דיר איצט פאָרלייגן אַ חשבון און פאַרלאַנגען, אַז דו זאָלסט באַצאָלן. אַוודאי וועט דאָס זיין גאָר נישט, אַ שטויבעלע פון דעם, וואָס איר זייט אונדז שולדיק. אָבער זאָל זיין אַ שטויבעלע, זאָל זיין כאָטש עפּעס".

דער דייטש איז געבליבן אַ ביסל הינטערשטעליק. מאיר האָט אים אַ צי געגעבן ביים רעקל: „קום, מיר זענען באַלד דאָרט. דאַרפסט זיך נישט שרעקן, מיר וועלן זיין אַליין, נאָר מיר ביידע". ער האָט ווייטער גערעדט: „דו ביסט אַוודאי אַ פרומער קריסט און ביסט געקומען דאָ אין לאַנד אַרײַן צו באַזוכן יעזוסעס קבר; דו ביסט פּילגרים, ווילסט זיין אויף דער ערד, ווו ער איז געגאַנגען. יאָ, דאָ איז ער געגאַנגען. דאָ, אין דער דאָזיקער איינזאַמער לאַנדשאַפט איז ער אַרומגעגאַנגען און געפּרעדיקט ליבע און רחמנות. פון די דאָזיקע שטייניקע בערג האָט ער געוואָלט ברענגען פרידן און גערעכטיקייט פאַר דער וועלט. וואָס אַ משוגענעם ייד קען איינפאַלן! ווען ער וואָלט היינט געלעבט, וואָלט איר אים געשיקט נאָך אוישוויץ אָדער טרעבלינקע און אים איינגעקריצט אַ שקלאַפן־נומער אויף דער האַנט. אָט אַזוי ווי מיר דאָ. ווילסט אים זען?".

זיי זענען געשטאַנען ביים שפּייכלער. מאיר האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם מאַנטל און זיך אַרויפגעשאַרצט דעם אַרבל פון העמד: „אָט איז ער!".

דער דייטש האָט צעשראָקן און אינטערעסירט זיך איינגעקוקט.

„יאָ, קוק זיך איין, קוק זיך גוט איין!", האָט מאיר געזאָגט, און נענטער צוגעפירט די האַנט צום דייטשס פנים:

„איצט ווייסטו ווער איך בין? העפטלינג נומער 84867, אַ ייד פון פוילן, געבליבן איינער אַליין פון אַ גרויסער משפחה! אָבער דו קענסט נאָך נישט מיין גאַנצע ביאָגראַפיע, כ'וועל זי דיר באַלד דערציילן"...

דער דייטש האָט זיך אַוועקגערוקט און מאיר איז אים נאָכגעגאַנגען.

„ווען כ'האָב דיך געזען ביינאַכט, האָסטו מיך שטאַרק דערמאָנט אין יענעם ס. ס.־אָפיצער, וואָס האָט מיך און מיין ווייב צוגענומען און אונדז געפירט צום אומשלאַגס־פּלאַץ. יענער האָט אויך געשוויגן אַזוי ווי דו היינט. ער האָט נאָר בלויז אָנגעוויזן מיטן פינגער און אַנדערע האָבן עס

שוין אויסגעפּירט — אין גאַנצן אין זיין גייסט. אָבער דו ביסט שוין אומ־מעכטיק, קיינער וועט דיין באַפעל נישט אויספירן, דו וועסט דיך שוין אַליין מוזן מטריח זיין און מיט מיר זיך שלאָגן, דאָ אויף דעם אָרט, מיר ביידע, נאָר מיר ביידע. נאָך וואָס ביסטו דאָ אַהער געקומען, נאָך וואָס? ביסט געווען אין פּוילן? ביסט געווען אין וואַרשע? איך בין אויך פון וואַרשע. מיר האָבן ביידע דעריינערונגען פון דאָרטן. דו וועסט זיכער דיינע איצט נישט דערציילן, איך מיינע — יאָ. דו ביסט אפשר איינער פון די, וואָס זענען געקומען מיט אַ בייטש אין האַנט צו די סעלעקציעס.

„אַבער, הער יודע!", האָט דער דייטש אין שרעק געשטאַמלט, און זיך ווייטער אָפּגערוקט.

„איך בין דיר קיין הער יודע נישט!", האָט מאיר געזאָגט, אים נאָכ־גייענדיק. „איך בין אַ פאַרשאָלטענער ייִד, וואָס וויל דיר דערציילן זיין לעבנס־געשיכטע. איך טו עס נישט גערן, אָבער פאַר דיר וועל איך עס טאָן. עס איז אַ פאַנטאַסטישע געשיכטע. זייט די וועלט שטייט איז עס נאָך נישט פאָרגעקומען. אַפילו אויסטראַכטן וואָלט עס קיינער נישט גע־קענט. נאָר איר האָט עס געקענט. איר מיט אייער הויכן גייסט, אַ פאָלק פון דיכטער און פילאָסאָפן. טעג און נעכט וואָלט איך דיר געקענט דער־ציילן וועגן אייערע גרוילטאַטן, וועגן אייערע אכזריותן. נאָר דו ווייסט עס אַליין, דו ביסט מיטגעווען. וועל איך דיר נאָר דערציילן וועגן איין איינציקן פאַל. וועגן דעם, ווי אַזוי אייערער אַ מענטש האָט מיט איין זעץ אין אַ מויער צעהאַקט דאָס קעפּל פון מיין קינד, מיין איינציק קינד. אַ שטאַרקער דייטש געווען; מיט איין זעץ אין מויער; עס האָט אַפילו נישט אַ קרעכץ געטאָן. ער האָט עס זיכער געהאַלטן פאַר אַ הומאַנע האַנדלונג און איר האָט אים זיכער געריימט דערפאַר. נאָר איך קען עס נישט, איך קען עס נישט, איך קען אייך נישט רימען, איך בין אַ ייִד, אַ פאַרשאָלטענער ייִד, וואָס פאַרשטייט זיך נישט דערויף".

דער דייטש האָט זיך כסדר אָוועקגערוקט און מאיר איז אים נאָכגע־גאַנגען און ווייטער גערעדט.

„אויף אַלע וועגן פון אייראָפּע האָט איר אונדז געשלעפּט צום טויט. אַלע יסורים פון דער וועלט האָט איר אונדז אָנגעטאָן. איר האָט זיך געוואַשן די פיס אין אונדזער בלוט און געשפּעט פון אונדזער פּיין. אייער לשון

איז געװען פֿאַר אונדז דאָס לשון פֿון שלאַנגען. אײער בלױזער נאָמען האָט געמאַכט גליװערן דאָס בלוט אין אונדזערע אָדערן. טױט און שרעק איז געװען אַרום אײַך. דער טײַװל האָט זיך באַזעצט אין אײַער מוח, די גרױ־זאַמקײט אין אײַער האַרצן. אָבער איר זײַט דאָך מענטשן, איר גײט דאָך אַרום אױף צװײ פֿיס. איר װײנט דאָך אװדאי אױך אַמאָל, איר מוזט דאָך אױך װעמען ליב־האָבן. איר האָט דאָך מאַמעס, איר האָט דאָך קינדער! פֿאַרװאָס, זאָג, איך פֿרעג דיך, פֿאַרװאָס האָט איר אומגעבראַכט מײַן װײַב, דערמאָרדעט מײַן קינד? פֿאַרװאָס, פֿאַרװאָס האָט איר אױסגעהרגעט מײַן פֿאָלק? פֿאַרװאָס שװײַגסטו, רעד, כאָטש אײן װאָרט.

דער דײַטש איז געװען צוגעדריקט צום שפּײַכלער.

„איך בין שוצלאָז! — האָט ער געשריגן — איר קענט איצט טאָן מיט מיר װאָס איר װילט!".

מאיר האָט אים אָנגענומען בײַ די קלאַפּעס פֿון רעקל.

„דו ביסט נישט שוצלאָז. איך האָב קײן װאָפֿן נישט. מיר זענען אַצינד צוגלײַך אײנער קעגן אַנדערן. דאָרטן זענען מיר געװען שוצלאָז, אױסגע־הונגערט, פֿאַרפּײַניקט קעגן אײַך זאַטע, שװער־באַװאָפֿנטע רוצחים! דאָ זענען מיר גלײַך; פֿאַרטײדיק זיך! שלאָג, הרגע, דערהרגע מיך און שטעל מיך גלײַך מיט אַלע אומגעקומענע ייִדן!".

דער דײַטש האָט אין טױט־אַנגסט געקוקט אױף מאירן. ער האָט נישט געקאָנט אױסהאַלטן זײַן שטאַרן, װאַנזיניקן בליק און האָט זיך געװאָלט אַראָפּלאָזן אױף דער ערד. מאיר האָט אים אָנגעהאַלטן. „בלײַב שטײן!". זײַן פּנים איז געװען אײַנגעפֿאַלן און גרױ. עס איז געװען װי אַ פּנים פֿון אַ סקעלעט. ער האָט גערעדט מיט אַ טױט פֿאַרבנלאָז קול.

„די גערעכטיקײט װעט איצט געשען, דײַן לעצטע מינוט איז געקומען. דו אױבערמענטש, דו װעסט אומקומען פֿון די האַנט פֿון אַ פֿאַרדאַמטן ייִדן. פֿון אַ האַנט מיט אַ שקלאַפֿן־נומער, װאָס איר האָט אױסגעברענט. נקמה, אַזױ פֿאַרלאַנגט מײַן פֿאַרגאַזט װײַב! מײַן אומגעבראַכט קינד! נקמה אין דיר, אין דײַן גאַנץ אומרײן פֿאָלק!".

מאיר האָט אױסגעשטרעקט די האַנט צום דײַטשס האַלדז. דער דײַטש האָט צוגעמאַכט די אױגן, נאָר שמאָלע, גרינע שפּעלטלעך זענען געבליבן

אָפּן און שאַרף געקוקט אויף מאירן. מאיר האָט זיך צוגעבויגן און אַריינגערעדט אין די שפּעלטעלעך:

„פאַר דעם צעהאַקטן שאַרבנדל פון מיין קינד, פאַר מיין פאַרפייניקט ווייב, פאַר די הינט, וואָס איר האָט אָנגערייצט אויף נאַקעטע מענטשן ביי די גאַז־קאַמערס. אַ פרוי שרייט, דאָס איז זי, מיין ווייב, מיין לאה. אַ הונט האָט זיך איינגעביסן אין איר לייב, אין איר ווייס לייב, אין איר הייליק לייב. זי האָט געריפן נאָך הילף, איך האָב נישט געקאָנט העלפן. זי שרייט! דו הערסט ווי זי שרייט? זי וועט נישט אויפהערן צו שרייען ביז דו וועסט נישט זיין טויט, טויט טויט!".

זיינע ביינערדיקע פינגער האָבן זיך טיפער און טיפער איינגעגראָבן אין דייטשס האַלדז.

**
*

ווען דער קאָמענדאַנט איז צוגעקומען, איז דער דייטש געלעגן אויף דער ערד און איז געווען טויט. מאיר איז געזעסן דערנעבן און אָנגעשטרענגט געקוקט צו די בערג, לינקס פונעם שפּייכלער.

„אַבי, האָט ער געזאָגט, און געוויזן צו די בערג, זעסט, זעסט דאָרטן איז לאה מיטן קינד. זיי ווילן אַהער. זיי קענען נישט אַראָפּ פונעם באַרג. כ׳וועל גיין זיי ברענגען". ער האָט זיך אויפגעשטעלט. פון די בערג האָט מען געגומען שיסן. דער קאָמענדאַנט האָט זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד און אָנגעכאַפּט מאירן. מאיר האָט זיך אַרויסגעריסן און זיך געלאָזן גיין. אָפּגייענדיק אייניקע טריט האָט ער זיך אַ וואַקל־געטאָן און איז אומגעפאַלן.

דער קאָמענדאַנט איז צו אים צוגעקראָכן. ער איז געלעגן אויפן רוקן, די הענט צעשפּרייט אויף ביידע זייטן. די אויגן זענען ביי אים געווען אין גאַנצן אָפן און האָבן אַרויפגעקוקט אויפן הימל, ווי זיי וואָלטן דאָרטן עפּעס אויסטערלישס געזען.

די זון איז אַרויפגעקומען פון הינטער די בערג. זי איז געווען פלאַ־מענדיק רויט און האָט באַלויכטן אַן איינזאַמע, וויסטע לאַנדשאַפט.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָווּשיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ה. שאָשקעס — פוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די יידן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע יידן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ יידן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פּאָליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) **מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט**
33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות
34) **יחיאל לערער** — מיין היים **(אויספאַרקויפט)**
35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פּרצן...
36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק **קאַצענעלסאָן**
37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פּערזענלעכקייטן
39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט **(לידער)**
40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) **מנשה אונגער** — פּשיסכע און קאָצק **(אויספאַרקויפט)**
42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פּלוינע
43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער **(אויספאַרקויפט)**
44) **ז. זעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב **(אויספאַרקויפט)**
45) **ד״ר ה. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... **(אויספאַרקויפט)**
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער **(לידער)**
48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ **(אויספאַרקויפט)**

(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)

50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגענישן **(זכרונות)**
51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען **(אויספאַרקויפט)**
52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) **יאָנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן **(אויספאַרקויפט)**
54) **יצחק פּערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" **(ראָמאַן)**
55) **פּנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) **שלום אַש — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע**
59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים
60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13
61־62) **דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)**
63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64־65) **מרדכי שטריגלער — „ווערק צע"**

(פּרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)

66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער
68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָר. **(זכרונות)**
69) **אליהו טראָצקי** — גלות דייטשלאַנד
70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה **(אויספאַרקויפט)**
71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... **(אויספאַרקויפט)**
72) **י. י. טרונק** — סימכע פּלאַכטע פון נאַרקאָווע **(אויספאַרקויפט)**

(פּרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען **(אויספאַרקויפט)**
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)
74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן
און ליטעראַטור־פרעמיע פון „בונד״ אין פוילן, וואַרשע, 1937
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע
79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן
80) **יזכור־בוך** — בעלכאַטאָוו **(אויספאַרקויפט)**
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער וואָך
82—83) **יצחק פערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער **(ראָמאַן)**
84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע
85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות
87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים
88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג **(זכרונות)**
89) **משה דוד גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן **(אויספאַרקויפט)**
90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים
91—92) **עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע
93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין גערויש פון מאַשינען **(ראָמאַן)**
94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות **(קראָקע)**
95—96) **יאָנאָס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן **(זכרונות)**
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1954).
97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע **(ראָמאַן)**
99) **פועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין
100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור
101) **י. הירשהויט** — יידישע נאַפט־מאַגנאַטן
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאָליאַר־ליטעראַטור־פאָנד, ביי „די אידישע
צייטונג״, בוענאָס־איירעס, 1955).
102) **משה זאַנשיין** — יידיש וואַרשע
103) **פ. מינץ (אַלעקסאַנדער)** — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע
104) **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים **(ראָמאַן)**
105־106־107) **מיכאל באָרוויטש** — אָרישע פאַפּירן
108—109) **מרדכי שטריגלער** — געאָרעמט מיטן ווינט **(ראָמאַן)**
110—111) **ד״ר א. מוקדוני** — וואַרשע און לאָדזש
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־
קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1956).
112) **ברוך האַגער** — מלכות חסידות
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאָליאַר־ליטעראַטור־פאָנד, ביי „די אידישע
צייטונג״, בוענאָס־איירעס, 1956).
113) **ב. שעפנער** — נאָוואָליפּיע 7 **(זכרונות)**

114) פנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום געדענקען
115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון ליאַלקעס
116) מאַקס וויינרייך — פון ביידע זייטן פלויט
117) אליעזר וויזל — און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
(פרעמירט דורכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) ד״ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אָקרוטני — סוף קאַפּיטל
121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט
122) בער י. ראָזען — פּאַרטרעטן
123) אברהם טענענבוים־ארזי — לאָדזש און אירע ייִדן
124—125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין מזרח־אייראָפּע
126—127) אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען
(פרעמירט דורך דער באָריס סוראוויטש־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)
128) יעקב גלאַטשטיין — ווען יאַש איז געפאָרן
129—130) דוד פלינקער — נייע צייטן (ראָמאַן)
(פרעמירט דורך דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע, בוענאָס־איירעס, 1958)
131) משה יודל שעליובסקי — אין דער וועלט אַריין
(פרעמירט דורך דער האָפּער־לייב־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1958)
132) ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט — צווישן ביידע וועלט־מלחמות
133) לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלייבט אָפן
134) שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
135) מ. באַקאַלטשוק — זכרונות פון אַ ייִדישן פּאַרטיזאַן
136) פנחס וועלנער — אין יענע טעג

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

הירש אַבראַמאָוויטש — פאַרשווּנדענע געשטאַלטן
אלימלך ראַק — זכרונות פון אַ ייִדישן האַנטווערקער־טוער
נ. שמן — דאָס געזאַנג פון חסידות
ב. טערקעל — זכרונות פון דער מלחמה־צייט

עס גרייט זיך צום דרוק

יאָנאַס טורקאָוו — נאָך דער באַפרייאונג
י. ל. וואַלמאַן — פוילישע ייִדן (ראָמאַן)
דוד דאַווידאָוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פוילן
שלמה ברייניסקי — זשעליכאָווער מענטשן

ווענן אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות צום פֿאַרלאַג
„דאָס פּוילישע יידנטום״, זיך ווענדן:

UNION ISRAELITA POLACA

Pueyrredón 667 — Buenos Aires (Argentina)

ESTE LIBRO SE TERMINO DE IMPRIMIR EL DIA 18 DE AGOSTO DE 1958 EN LOS TALLERES GRAFICOS "ZLOTOPIORO HERMANOS", CALLE SAN LUIS Nº 3149, BUENOS AIRES, REPUBLICA ARGENTINA.

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 136

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA

Copyright by:
P. WELNER, KOBENHAVN (Dannmark)

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewis Material claims against Germany.

P. WELNER

EN AQUELLOS DIAS

★

Editado por la

UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA

Buenos Aires. 1958